STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05210

DER KOHEN

O. Bloshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05210-8

D:\YIDDISH\Titles\9780657052102T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

דער כֹּהֵן

אַיין ראמאן אין פִיער טְהיילע

פון

עזר בלאשטיין.

דריטער טהייל

ווילנא
בהוצאות ובדפוס ה' פראדיל מ"ץ תחי'.
שנת תרס"ד לפ"ק

КОГЕНЪ.
Романъ въ четырехъ частяхъ.
Соч. Авзера Блоштейна. Часть I.
Съ Виленскаго изданія 1896 г.
Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Въ Типографія Л. Л. Маца. на Завальной
улицѣ домъ Вендорфа 1903 г.

Дозвлеоно цензурою 4 Ноября 1903 г. Вильна.

דריטער טייהל

1.

דער זעלטזאמער שידוך.

אין אקליין שטיבעל אין פארשטאדט, וואס אויף יענער זייט טייך דער שטאדט עדענפורט איז געזעסען אמאדכען איאהר 19 אדער 20 ביי א פענסטער, האט געקוקט דרויסען. זיא וואר זעהר שיין, אבער אהנע גראציע (און חן) מיט איין זעהר פרעכען (עזותדיגען) בליק. זיא וואר ארעם געקליידעט, האט געטראגען אציטצענעם קלייד. אבער זעהר ריינליך. דיא אבשטאנאוויקע אין שטוב וואר אויך זעהר ארעם: אהאלצערנער טיש אווייסער, אקאנאפקע איין אלטע מיט איין אויס געבראכענע פוס, אלאנגער באנק, דריא טאבורעטקעס; דיא ווענד ווארען בעדעקט מיט אבאיעס, אבער אלטע אונ ארום געריסען. זיא קוקט דרויסען אונ זאגט מיט אביטערען זיפץ: וואס פאר אשיינע וועלט דאס איז! וויא פיל פערגניגען עס גיבט אין איהר!... אונ אללע פערגניגען זינד נור פיר איין יונגעס מאדכען געשאפפען... אונ איך מוז זיטצען צו הויזע... איך בין ארעסטירט, א איבער דיא פערפלוכטע ארמוטה! איך האב קיין קלייד, זאגאר קיינע שוהע אויס צו געהען, א וויא שרעקליך!... א גאט! איך בין יעטצט אין דעם פריהלינג מיינעס לעבענס... ניט שוין זאל מיר דיזער פריהלינג פאראיבער געהן פערוואלקענד אהנע זאנגענשיין?... ניין; דאס וועט ניט זיין!... איך מוז לעבען! עס קען זיך זיין וואס עס וויל, אבער לעבען מוז איך... איך מוז געניסען אללעס זיססע, אללעס אנגענעהמליכע דעם לעבענס!

עס איז אריין געקומען אפרויענצימער איאהר פירציג, ארעם געקליידעט מיט איין אלטע טוך איבערען קאפף. זיא וואר טרויעריג אונ פערדריסליך, זיא ווארפט אראב פון זיך דיא פאציילע, זעטצט זיך אויף אטאבורעטקע מיט אקרעכטס.

— מאמע, וואו איז פריהשטיק? דוא האסט גאר ניסט געבראכט? פרעגט איהר דאס מאדכען.

— גאר ניסט, מיין טאכטער; דער קראמער וויל שוין מעהר ניט געבען אויף בארג.

— וועלען מיר זיטצען ניט געגעסען! שרייט דאס מאדכען מיט ערגער.

— עס איז נאך ניט גאר, מיין טאכטער: דער בעל הבית בעט דירה

געלט... אויב איך וועל איהם היינט ניט געבען קיין געלד, הייסט ער מיר אציסציען די קוואטיר. א רבוש"ע! צו וואס איך האב דער לעבט. ווער וואלט דאס זאגען פאר צוויא יאהרען אז מיר וועלען קומען צו אזא לאגע, צו אזא נויט. מיר האבען געהאט איין אייגענעם דאס מיט אייגענע פערד מיט פיל בעדינטען, אונ יעטצט האבען מיר ניט וואס צו פריהשטיקען.

— מיר פלעגען פאהרען אין די באדער, מיר פלעגען זיין אבאנירט אין טעאטער, זאגט דאס מאדכען, אונ היינט האב איך קיין אנשטאנדיגעס קלייד אויס צו געהן, איך האב זאגאר קיינע שוהע. א גאט! וואמיט וועט זיך דאס אללעס ענדיגען?

— דער גראסס פאפא וועט קומען... פיליכט...

— אויף דעם גראסס פאפא, זעה איך, איז שוין ניטא צו האפפען, זאגט דאס מאדכען; ער קען נור נעהמען געלד אונ פערליערען. מיינע גאנצע ערבשאפט האט ער צו גענומען אונ האט זיא דורך געבראכט אין זיינע ניכטיגען אונטער נעהמונגען; ער האט מיך ארעם אונ אונגליקליך געמאכט.

—דוא ערגערסט זיך אומזאנסט, מיין טאכטער; דער גראססּפאפא ליבט דיך איניגסט צארטליך; מעהר וויא דוא ביזט איהם ניט געבליבען פון אללע זיינע קינדער: צוויא טעכטער זיינען ביא איהם געשטארבען פאר צוואנציג יאהר צוריק, אונ זיין איינציגער זוהן דיין פאטער, פאר צוויא יאהר צוריק. — דוא ביזט איהם געבליבען איין טרייסט אויף דער עלטער.

—וואס מאך איך מיט זיינע ליבע? וואס נוצט מיר זיינע גינציגקייט, ווען ער איז ארעם? קען איך דען זאט זיין מיט זיינעם אזיפץ? קען איך זיך אנקליידען מיט זיינעם אקרעכץ? היינט וויים איך: ער האט מיך אונגליקליך געמאכט; ווען ניט ער וואלט איך היינט געהאט אקאפיטאל פון צעהען טויזענד רובל, איך וואלט טאן איינע גלאנצענדע פארטיע, — אונ היינט וואס איז מיט מיר? ווער וועט מיך הייראטהען?... יעדער ליידאק בעט געלד.

—ער האט דאך אבער געזאגט, אז ער זוכט פאר דיר אגליק, אונ ער איז זיכער אז ער וועט געפינען.

—דומעס צייג! זאגט דאס מאדכען: עס איז שוין אמאנאט, וויא מיר זיינען דא, אונ מיר האבען נאך פון איהם ניט געזעהען וואס אהאר איז ווערט; מעהר וויא מיט פוסטע ווערטער קומט ער ניט, אונ דער מיט געהט ער אוועק. ער האט אונז נאך זאגאר אויף לעבענסמיטטעל ניט געגעבען. דיא עטליכע רובל, וואס מיר האבען געהאט, האבען מיר פערצעהרט.... אגליק זוכט ער פאר מיר! עס ווייזט אויס, וויא דיא גליקען וועלגערין זיך אפען גאס; מען דארף זייא מעהר ניט וויא אויפזוכען... פאר איין ארומאן איז קיין גליקען ניטא.

פיללייכט   דער כהן

—פִילְלַייכְט, זָאגְט דִיא מוּטֶער, הָאט עֶר אוֹיסְזִיכְט אוֹיף אַגוּטֶע פַּארְטִיֶע פַאר דִיר?

— אַגוּטֶע פַּארְטִיֶע! אָן גֶעלְד אִיז נִיטָא קֵיין גוּטֶע פַּארְטִיֶען... נָאר, מַאמֶע, אִיךְ זָאג דִיר קְלָארֶע ווארְטֶער: אִיךְ וֶועל פִיל זִיךְ נִיט קְוֶועלְלֶען.. אִיךְ וֶועל אָנְקוּמֶען אִין דִיא אִידִישֶׁע טְרוּפֶּע.

—וָואס רֶעדְסְטוּ, מַיין טָאכְטֶער! וִויא קוּמְסְט דוּא אִין אַטְרוּפֶּע פוּן אַקְטָארֶען?

—וָואס אִיז? וָוארוּם נִיכְט? אִיךְ זִינְג זֶעהר גוּט, אוּנ הָאבּ אַטַאלַאנְט צוּ דֶער בִּיהְנֶע. דֶער אַנְטְרֶעפְּרֶענֶאר זַייעֶרֶער הָאט מִיךְ גֶעהֶערְט, הָאט עֶר מִיךְ גֶעבֶּעטֶען, אִיךְ זָאל צוּ זַייא אָנְקוּמֶען: מֶען וֶועט מִיר צָאהלֶען גוּטֶע גֶעלְד!

—פוּי, מַיין טָאכְטֶער! וִויא פַּאסְט דָאס פַאר דִיר, אוּנ פַאר אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה? אִיבֶּער

—אָ דוּא הֵייבְּסְט שׁוֹין אָן מִיט דֶעם פַּאסֶען אוּנ נִיט פַּאסֶען! דָאס אִיז זֶעהר דוּם... דֶעם וָוארְט זָאל אִיךְ לַיידֶען הוּנְגֶער אוּנ קֶעלְט... דָאס אִיז אַגְרוֹיסֶע קוּנְסְט, אוּנ וַוייטֶער רֶעכֶען אִיךְ, אַז שְׁפִּילֶען אוֹיף דֶער בִּיהְנֶע אִיז אַגְרוֹיסֶע קוּנְסְט, עֶס גִיבְּט לוּבִּיטֶעלֶעס פוּן פָארְנֶעהמֶען פַאמִילְיֶען, וֶועלְכֶע שְׁפִּילֶען אוֹיף דֶער בִּיהְנֶע.

—פוּן דֶעסְט וֶועגֶען טוּ'נ דָאס נִיט, עֶס קֶען דִיר זַיין אַחֲרָטָה צוּ אַשִׁידוּךְ.

—אַחֲרָטָה צוּ אַשִׁידוּךְ הָאבּ אִיךְ שַׁייא ווִישַׁייא, זָאגְט דָאס מֶאדְכֶען; נָאר פוּן אַחֲרָטָה צוּ אַשִׁידוּךְ ... נָאר פוּן דֶען אִיךְ הָאבּ קֵיין גֶעלְד אוּנ וָואס קֶען זַיין אַגְרֶעסֶערֶער חִסָּרוֹן... נָאר פוּן דֶעסְט וֶועגֶען רֶעכֶען אִיךְ פַארְקֶעהרְט, מַאמֶע, אַז דָארְטֶען וֶועל אִיךְ זִיךְ גִיכֶער צוּ שְׁלָאגֶען צוּ אַטָאלְק, אֵיידֶער זִיטְצֶענְדִיג דָא אִין דֶער הַאלוּפְּקֶע. וָואס קֶען מֶען ווִיסֶען וָואס מֶען וֶוערְט בֶּעקָאנְט מִיט אַוֶועלְט מֶענְשֶׁען... וַוייסְטוּ וָואס אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ זָאגֶען, מַאמֶע: אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֵיינִיגֶע מָאל גֶעשְׁפִּילְט אִין טֶעאַטֶער אוּנ אַלֶלֶע וַוארֶען פוּן מִיר עֶנְטְצִיקְט.

—דוּא הָאסְט שׁוֹין גֶעשְׁפִּילְט אִין טֶעאַטֶער!

—אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁפִּילְט; נָאר קֵיינֶער וֵוייס נִיט. אוּנ אִיךְ זָאג דִיר גֶעוִויס, אַז אוֹיבּ דֶער גְרָאסֶער פַּאפַּא וֶועט פַאר מִיר נִיט פַארְזָארְגֶען אִיךְ אִין אַפֶּעלִית דִיא טֶעג, וֶועל אִיךְ גֶעוִויס אָנְקוּמֶען צוּ דִיא אַקְטָארֶען... אִיךְ וִויל נִיט הוּנְגֶערִין... אוּנ אִיךְ ווִיל לֶעבֶּען אוֹיף דֶער וֶועלְט!

עֶס הָאט זִיךְ גֶעעֶפִינְט דִיא טִיהר, עֶס אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אַיין אַלְטֶער מַאן אַיָאהר זֶעכְצִיג מִיט אַיוּנְגֶען מַאן אַיָאהר דְרַייסִיג, אַגֶעזוּנְטֶער מֶענְשׁ מִיט פַייעֶרְדִיגֶע אוֹיגֶען מִיט אַשְׁוַארְץ אַפֶּען גֶעזִיכְט. דֶער אַלְטֶער אִיז צוּ

געגאנגען צו דער פריילין, האט איהר אקום געטאן אין שטערין זעהר צארטליך און זאגט מיט אפריילכע מינע:

—וואס מאכסט דוא, צפרוהלע?

—איהר ווייסט דאך, פאפא; עס איז ניט גוט.

—זייא רוהיג, טאכטעריל, היינט וועט זיין אסוף פון אונזערע צרות. אט דער יונגער מאן האט פאר דיר אפארטיע איין אנטיק.

ער רופט אב דעם יונגען מאן אן אזייט און זאגט: וואס זאגט איהר? וועט עס געהן?

—יע, זעהר גוט! דאס וועט זיך פאססען וואוהל וויא דיא וועלט. גייט זייט זיך מטריח ערקלערט זייא וואס דא איז פאר אסארט שידוך; אויב זייא געפעללט וועלען זייא מוזען היינט פאהרען.

דער אלטער האט אבגערופען דאס פריילין מיט דער מוטער אן אזייט, האט מיט זייא גערעדט זעהר שטיל בייא אהאלבע שטונדע. דאס פריילין וואר ענטציקט פאר פריידע, אבייצענדער פורפור האט זיך בעגאסען איבער איהר געזיכט, דיא אויגען האבען גענומען פינקלען, זיא האט צייטען וויים ארוים געזאגט דיא ווארטער מיט ענטציקען; איך וועל זיין רייך!... איך וועל פאהרען אין קאראטען! א, דאצו בין איך געשאפפען!....

— דא דארף מען אבער פאר שטיין, וויא צו האלטען זיך, האט אזאג געטאן דיא מוטער.

— זייא רוהיג, מאמע, האט זיא איהר געענטפערט. וועגען דעם האסטו ניט, וואס צו זארגען: איך וועל פערשטעהען וויא זיך צו האלטען אויף דעם העכסטען גראד גוט.

דער אלטער איז צו געגאנגען צום יונגען און זאגט: זייא געפעלט גאנץ גוט דער שידוך, וויא איהר זעהט.

— אלזא גאט אייך צוויא הונדערט רובל אויף רייזע קאסטען און צוא בעקליידען זיך עטוואס. גרויסארטיגע קליידער דארף מען ניט, נאר ריינליך און בלאהארעדגע. לוקסוס קליידער וועט אייך שוין דער מחותן געבען; וועגען דעם דארפט איהר שוין ניט זארגען. דיא קליידער קענט איהר קויפען פארטיגע: עס איז ניטא קיין צייט צו בעשטעלען, היינט מוזט איר פאהרען.

— וואו דארפען מיר דאס פאהרען? פרעגט דאס פריילין.

— עס וועט קומען צו אייך מיינע אפריינדין סארא פלימין. זיא וועט אויך מיט אייך מיט פאהרען; זיא ווייס שוין, וואו אריין צו פאהרען; זיא וועט שוין וויססען, וואו איך וועל איין שטיין, דען מארגען וועל איך קומען מיט דעם מחותן; זיא וועט שוין אויך אללעם איינריכטען דעם מחותן אויף צוא נעהמען, וויא עס געהערט צו זיין.

מיט דיא רייד האט ער געגעבען דיא האנד דעם פריילין און איהר מוטטער און דעם אלטען און איז ארוים געגאנגען. דאס פריילין איז געפאלען

דער כהן

דעם

דעם אַלְטֶען אַפֶען הַאלְז, הָאט אִיהם גֶענוּמֶען קוּסֶען אוּנ זָאגְט; יֶעטְצְט זֶעה אִיךְ פַּאפַּא, אַז אִיהר זָארְגְט פַאר מִיר! אָ וָואס פַאר אַגְלִיק! אִיךְ וֶועל זַיין רַייךְ, אִיךְ וֶועל פָאהרֶען אִין קַארֶעטֶען! ... וֶועל פָאהרֶען אִין קְלוּבּ, אִין טֶעאַטֶער! ...

— נַיין, מַיין טָאכְטֶער, זָאגְט דֶער אַלְטֶער: דוּא אַייל זִיךְ נָאךְ נִיט מִיט קְלוּבֶּען מִיט טֶעאַטֶער; דוּא וֶועסְט זִיךְ דַארְפֶען אוֹיפְפִירֶען זֶעהר בֶּעשֵׁיידֶען, וֶועסְטוּ זִיךְ בֶּעלִיבְּט מַאכֶען ... שְׁפֶּעטֶער צוּ מִיט דֶער צַייט, וֶועסְטוּ שׁוֹין טָאן וָואס דוּא וֶועסְט וֶועלֶען, דוּא פַאר שְׁטַייסְט, טָאכְטֶער מַיינֶע?

גַאנְץ רֶעכְט! זָאגְט זִיא פְרֵיילִיךְ אוּנ הָאט זִיךְ אוֹיס גֶעדְרֵייט אַטֶענְצֶעל אִין שְׁטוּבּ... זִיא אִיז אַלֶע וַויילֶע צוּא גֶעלָאפֶען צוּא דֶער מוּטֶער אוּנ הָאט אִיהר גֶעקוּסְט, צוּם גְרַאם פַּאפַּא אוּנ הָאט אִיהם גֶעקוּסְט...

— נִיט פַאר גֶעס, מַיין קִינְד, זָאגְט דֶער אַלְטֶער, אַז אִיהר הָאט הַיינְט פִיל אַרְבַּייט, צוּא בֶּעזָארְגֶען קְלֵיידֶער אוּנ זִיךְ רֵייזֶע פֶערְטִיג צוּ מַאכֶען. צוּם פַאיֶעזְד מוּז שׁוֹין אַלֶעס זַיין אִין אָרְדְנוּנְג; עֶס זָאל קַיין אָבּ הַאלְט נִיט זַיין, וֶוענְן סארא פליטץ וֶועט קוּמֶען.

מִיר הָאבֶּען דָאךְ נָאךְ קַיין פְרִיהְשְׁטִיק נִיט גֶעגֶעסֶען, זָאגְט דִי מוּטֶער.

— אִיךְ וִויל נִיט עֶסֶען, אִיךְ בִּין זַאט פַאר פְרֵיידֶע, זָאגְט דָאס פְרֵיילִין.

דִיא מוּטֶער אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּנ הָאט בַּאלְד גֶעבְּרַאכְט קַאפֶע מִיט זֶעמֶל מִיט בִּיסְקְוִוי, הָאט גֶעמַאכְט אַפְרִיהְשְׁטִיק אוּנ דֶער אַלְטֶער הָאט מִיט זַייא אוֹיךְ מִיט גֶעשְׁפַּייזְט. נָאךְ פְרִיהְשְׁטִיק זַיינֶען זַייא אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אִין דִיא קְרַאמֶען.

פַאר נַאכְט אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזֶען אַלֶעס אִין אָרְדְנוּנְג. עֶס אִיז גֶעקוּמֶען סארא פליטץ. דָאס וַואר אַפְרוֹיעֶנְצִימֶער אַיאָהר דְרֵייסִיג מִיט זֶעהר קְלוּגֶע אוֹיגֶען מִיט אַיינְגֶעפַאלֶענֶע בַּאקֶען בְּלַאסֶע מִיט בְּלָאעֶ לִיפֶּען. זַייא הָאבֶּען עֶטְוָואס זִיךְ אוּנְטֶער הַאלְטֶען זֶעהר לֵייזֶע. הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעקְלֵיידֶעט אוּנ זַיינֶען אַוֶועק גֶעפָאהרֶען צוּם וַואגְזַאל. דָארְטֶען הָאבֶּען זַייא גֶענוּמֶען בִּילֶעטֶען אוּנ זַיינֶען וַוייטֶער אַוֶועק גֶעפָאהרֶען, וואוּ הִין וֶועלֶען מִיר זֶעהֶען שְׁפֶּעטֶער.

2.

דִיא גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

אוֹיף מָארְגֶען אִיז לעאן זילבערשטיין גֶעזֶעסֶען אִין זַיין קַאבִּינֶעט פַאר

שפארט (ה״ג) דער כהן

שפארט, האט געלעזען פריידעלעס בריפע, (וויא מיר האבען געזעהען אין פירטען קאפיטעל פון צווייטען טהייל פון דיזער געשיכטע). פאסט אלע מאנאט פלעגט ער אזו טאן, פלעגט זיך פערזינקען אין דיא פערגאנגענהייט און פלעגט זיך דורך וויינען. ער האט געענדיגט דאס לעזען האט דיא בריפע אקוס געטאן און אוועק געלייגט; האט ארויס גענומען פריידעלעס בילד, האט אויף איהם געקוקט און געגאסען זיך מיט טרערין. ער איז אזוא געזעסען ביא צוואנציג מינוטען. אים צימער וואר שטילל; עס האט זיך מעהר ניט געהערט דאס קלאפפען פון דער אוהר און זיינע זיפצען, וואס ער פלעגט ארויס שטייסען פון זיך.

ער האט זיך געשטעלט און האט גענומען געהן איבערין צימער און רעדט צוא זיך:

— און מיינע ריבינקען האב איך נאך אלס ניט! צוויא מאנאטע זיינען שוין פאראיבער, וויא איך זוך מיין קינד און קען איהר נאך אימער ניט געפינען, איך האב פאנאנדער געשיקט מענשען, איך שיט געלד; איך האב אויך אנגעבעטען פייבוס קארנאץ, דיא שליסעל פון אלע געהיימניסע, האב איהם געגעבען געלד, — און קיין רעזולטאט איז ניטא! ניט שוין זאל איך אויפגעבען אללע האפפנונג! א גאטט, ביז וואנען נאך וועסט דוא מיך מאטערין? ניט שוין האב איך נאך וועניג געליטען אויף מיין פינסטערע וועלט? — לאז שוין זיין גענוג, רבוש״ע! איך בין שוין אלט און שוואך מיינע טעג זיינען געצאהלט... גאטט! שענק מיר דיזע טרייסט!... גיב מיר מיין ריבינקען אוועק! לאם איך איהר איין קוק טאן פאר מיין לעבען!

ער האט זיך געשטעלט אויף דיא קניע צו מזרח, האט אויפגעהויבען דיא הענד ארוף און האט אוים געשריען; גאטט! ערבארמע!... גיב מיר מיין קינד, און דער מיט וועל איך וויסען, אז מיין פריידעלע האט מיך פערציהען!

מען האט אנגעקלאפט אין טהיר. לעאן איז האסטיג אויף געשטאנען, האט צוא גענומען דיא פאפירען מיט דעם בילד, האט פערשלאסען; האט זיך אוים געוואשען דאס געזיכט ביין רוקאמאיניק, האט זיך אב געווישט און געעפינט דיא טהיר.

עס איז אריין פייבוס קארנאץ:

—גוט מארגען, העהר זילבערשטיין! זאגט ער מיט אפרייליכע מינע.

—גוט יאהר, העהר קארנאץ! ענטפערט איהם זילבערשטיין רייכענדיג דיא האנד. איהר זעהט היינט מיר אוים זעהר פריליך, העהר קארנאץ; צוא איז ניט אייער פריידע שייך צוא מיר?

—געווים, ענטפערט קארנאץ מיט אשמייכעל.

רער כהן (ח״ג) אידר

—איהר האָט אַנוּטֶע בְּשׂוּרָה פַאר מִיר! שְׁרַייט אוֹיס זילבערשטיין אויסֶער זִיךְ פַאר פְרַייִדֶע.

—אִיךְ הָאבּ אַגוּטֶע בְּשׂוּרָה פַאר אַייךְ: אִיךְ הָאבּ דֶערְנַאנְגֶען אַייעֶר טָאכְטֶער רעבעקקען.

—אָ גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט! הָאט לעאן אַנְגֶעשְׂרַייא גֶעטָאן אוּנ אִיז אִיהם גֶעפַאלֶען אַפֶען הַאלְז אוּנ הָאט אִיהם גֶענוּמֶען קוּשֶׁען: אָ מַיין לִיבֶּער פְרַיינְד! פוּן הַיינְט אָן בֶּעטְרַאכְט אִיךְ אַייךְ פַאר מַיין בְּרוּדֶער!... אִיהר הָאט מִיר גֶערֶעטֶעט מַיין לֶעבֶּען... וואוּ אִיז זִיא? הִיא?

—נִיט הִיא. זִיא אִיז אִין מָאלְהֶע.

—אִיךְ פָאהר שׁוֹין... אִיהר פָאהְרְט מִיט?

—גֶעוִויס פָאהר אִיךְ מִיט... אִיךְ מוּז דָאךְ אַייךְ וַוייזֶען, וואוּ זִיא אִיז. אָבֶּער דֶער פָאיֶעזְד גֶעהט עֶרְשְׁט אָפ פַאר נַאכְט.

—אָ וִויא לַאנְג מִיר אִיז דִיא צַייט, זָאגְט לעאן!... אִיךְ וָואלְט וֶועלֶען הָאבֶּען פְלִיגְלֶען, אָט שׁוֹין אַרִיבֶּער צוּא פְלִיעֶן צוּא אִיהר, צוּ מַיין פֵייגֶעלֶע.

—אִיהר הָאט אִיהר גֶעזֶעהֶען?

—גֶעוִויס הָאבּ אִיךְ אִיהר גֶעזֶעהֶען. אִיךְ קוּם עֶרְשְׁט פוּן מָאלְהֶע. אִיךְ הָאבּ זִיךְ נִיט פַארְלָאזֶען אוֹיף דִיא פּוּסְטֶע רֵייד פוּן מַיינֶעם אַיין אַגֶענְד; אִיךְ הָאבּ גֶעוֶועלְט אַלֵיין זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגֶען. אָט בִּין אִיךְ גֶעפָאהְרֶען אוּנ הָאבּ אַלֶעם דֶערְנַאנְגֶען אוֹיף קְלָאר.

—וִויא זֶעהט זִיא אוֹיס? גֶעזוּנְד? פְרֶעגְט לעאן מִיט הַאסְט.

—וִויא אַפִּישׁ!

—שֶׁאן?

—אַקְרַאסַאוִויצֶע!

—גֶעבִּילְדֶעט?

—זִיא אִיז אוֹיס גֶענַאנְגֶען פִינְף קְלַאסֶען גִימְנַאזִיוּם

—גוּט?

—אַיין עֶנְגֶעל!

—אָ גָאט! וִויא זֶעה אִיךְ אִיהר, מַיינֶע לִיבֶּע ריבינקען!... אִיךְ גֶעה אוֹיס, אִיךְ וָואלְט שׁוֹין וֶועלֶען דָארְטֶען זַיין, אִיהר זֶעהֶען, אִיהר קוּשֶׁען, אִיהר הַאלְטֶען אִין מַיינֶע אַרְמֶען... נוּא זָאגְט זֶעה מִיר, לִיבֶּער הֶערְר קארנאץ... וִויא אַזוֹ הָאט אִיהר דָאס דֶערְנַאנְגֶען?

—אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילֶען, זָאגְט קארנאץ: דָאס וַוייסְט אִיהר, אַז אִיךְ הָאבּ אַגְרוֹיסֶע בֶּעקַאנְטְשַׁאפְט; אִין יֶעדֶע שְׁטָאדְט כִּמְעַט הָאבּ אִיךְ בֶּעקַאנְטֶע. אִיז וִויא אִיהר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען דֶעם אוֹיפְטְרַאג פַאר צְוַוייא מָאנַאטֶען צוּרִיק, הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁרִיבֶּען בְּרִיף צוּא אַלֶע מַיינֶע בֶּעקַאנְטֶע, וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אַיין אִין פֶערְשִׁידֶענֶע שְׁטֶעדְט; אִין מָאלְהֶע הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ אַבֶּעקַאנְטֶען, הָאבּ אִיךְ צוּא אִיהם אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען. דֶערְוַוייל הִיא

בין איך אויך ניט געזעסען ליידיג, איך האב, וויא מען זאגט אויף געהייבען אויף דיא פיס וועמען איך האב נאר געקענט, נאטירליך פאר גוטע געלד, נאר איך האב מיינע ניט צוא געלייגט, וויא איהר ווייסט. נאר וואס איך האב ניט איבער געטאן בין איך צוא קיין רעזולטאט ניט געקומען. איך בין געוועזען אין פערצווייפלונג. איך האב זיך שוין געשעמט פאר אייך, הער זילבערשטיין, מיינע אויגען צו ווייזען; אז איך קארנאץ זאל ניסט אויס-פיהרען—איז שוין דיא וועלט קיין וועלט ניט. מיט אמאל יענע וואך בעקום איך אבריף פון מיין בעקאנטען פון מאלהע. ער שרייבט אזוא: אין מאלהע געפינט זיך איין אפרויענצימער איאהר פינף אונ פערציג — פופציג, זיא הייסט חוה שטיין; זיא האט אטאכטער אשיינע, וועלכע הייסט רבקה; דאס מאדכען זאנימאיעט זיך מיט שטונדען געבען, דען זיא איז זעהר אגעבילדעטע. דיא חוה איז אקראנקליכעס פרויענצימער, זיא ליידעט אן שווינדזוכט. יעטצט איז זיא קראנק געווארען אונ האלט ביא שטארבען. זיא האט פארבעטין צוא זיך דרייא אידען, אונ האט פאר זייא ערצאהלט, אז דאס מאדכען, וועלכעס זיא רופט טאכטער, איז ניט איהרע: זיא איז דיא טאכטער פון לעאן זילבערשטיין אוים עדענפורט. אלזא זאלען זייא זיין דיא עדות, פאר וועלכע זיא האט זיך מודה געוועזען פאר איהר טויט. דאס האט זיך מיין בעקאנטער דערוואוסט, אונ דאס האט ער מיר גלייך געשריבען. איך האב זיך אויף זיינע ווערטער ניט פערלאזען, בין גלייך אריבער געפאהרען אין מאלהע, בין אריין צוא מיין בעקאנטען, אונ ער האט מיר אוועק געפיהרט צוא דער קראנקע פרויא. איך האב איהר נאך געפונען ביין לעבין: זיא האט זיך ערפרייט, אז איך האב איהר ערציילט איך קען אייך אונ אז איך האב זיך אנגענומען אבצופיהרען דיא טאכטער צוא איהר פאטער. איך בין ביא דער קראנקע געזעסען בייא אפאר שטונדען. נאכהער האב איך גענומען פון איהר אבשיד מיט דעם פערשפרעכען, אז איך וועל אייך בריינגען, זיא זאל אליין קענען ריידען מיט אייך. זיא האט אזאג געטאן, אז עס איז אפאלשע האפנונג, זיא וועט אזוא לאנג ניט ציהען... אט דאס בין איך איצטער געקומען צוא אייך מיט דער ידיעה, אז דיא זאך איז ריכטיג. בייא מיר איז אפילו ארויף אויף דעם געדאנקען שוין מיט צו געהמען דאס מאדכען מיט זיך, נאר איך האב זיך בעדענקט, אז דאס קען מען ניט פערלאנגען, זיא זאל אוועק פאהרען פון יענע, וועלכע זיא האט גערופען מוטער בייא דיא לעטצטע שטונדען פון איהר לעבען. איצטער, הערר זילבערשטיין, ווייסט איהר שוין וויא אזוא איך האב אייער טאכטער געפונען. אונ ווייטער וואס מיט אייער טאכטער האט פאסירט אונטער דער גאנצער צייט, קענט איהר גענויער ערפאהרען, אז איהר וועט דיא חוהען נאך געפינען אם לעבען.

— אונ אויב איך וועל איהר שוין ניט געפינען אם לעבען, זאגט

דער כהן (ח"ג) לעאן

לעאן, וועל איך זיך בעגניגען מיט דיא עדות פון דיא דרייא אידען, פאר וועלכע זיא האט זיך מודה געוועזן; אונ ווייטער וועל איך נאך קענען וואס ערפאהרען פון מיין טאכטער אויך... אום מחשבון, הערר קארנאץ, וואו שטייען מיר אין רעכנונג?

— מיר וועלען זיך אויסרעכנען נאכדעם, אז איהר וועט האבען קענען זעלעריגט אייער רעבעקקען הע הע.

— גוט, הערר קארנאץ, איהר וועט פון מיר בעפרידיגט ווערין נאך דעם ערך וויא איך וועל צופרידען זיין פון מיין טאכטער.

— אז איך פערלאז זיך דערויף, וואהרשיינליך האב איך וואס צו האפען:

— דאס פרייט מיך זעהר, וויא איהר קענט זיך פארשטעלען... נאטירליך איך וואלט זיך גענוג געפרייט זאנאר ווען מיין ריבינקע וואלט ניט געוועזן אנגעראטענע; נאר וויא איהר זאגט, אז זיא איז בעגאבט מיט אללע גוטע אייגענשאפטען, זא בין איך העכסט גליקליך... יעטצט, הערר קארנאץ, וועלען מיר נעהמען וואס אין מויל, מיר וועלען טרינקען אויפס וואהל פון מיין געפונענע טאכטער, אונ אויך זאגען לחיים פיר דיא קראנקע חוהן אונ ווינשען איהר זיא זאל אויפשטיין פון איהר קראנקהייט. איך בין אפילו אויף איהר זעהר בייז, וואס זיא האט פון מיר געראובט מיין קינד; נאר ביי דיא לעטצטע שטונדען פון איהר לעבען מוז איך איהר פערציהען.

לעאן האט אנגעקלונגען אונ האט געהייסען אריין טראגען ליקער, קאניאק אונ שאמפאניער מיט פערבייסען. מען האט גלייך אריין געטראגען. קארנאץ האט זיך ניט געלאזט בעטען. זייא האבען געזאגט לחיים רבעקען אונ לחיים חוהן, איהר פערמיינטע מוטער, זיא זאל געזונט ווערין אונ זאל לאנג לעבען.

אין אהאלבע שטונדע ארום איז קארנאץ אוועק געגאנגען מיט דעם פערשפרעכען, אז ער וועט שוין לעאנען אויפווארטען אויף דעם וואגזאל.

פאר נאכט איז לעאן מיט פייבוס קארנאץ אוועק געפאהרען נאך מאלהע.

3.

געפונען דיא טאכטער.

וויא לעאן אונ קארנאץ זיינען אנגעפאהרען אין מאלהע, האט לעאן גלייך געוועלט צו פאהרען צו דער וואהנונג, וואו זיין טאכטער געפינט זיך איין. נאר קארנאץ האט געזאגט וויא באלד דיא חוה איז געפאהרליך

קְבַאנְק ,נ.טוויג נִיט עֶר זָאל אַרוּף קוּמֶען פְּלוּטְצְלוּנְג . זַייא זַיינֶען פְרִיעֶר אַרַיין גֶעפָאהרֶען אִין אַנַאסְט הויז , אוּנ קארנאץ אִיז גְלַייךְ אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶער קְוַוארְטִיר , וואוּ חוה מִיט אִיהר טָאכְטֶער וואוֹהנֶען . אִין אָנְדֶערְהַאלְבֶען שָׁעָה אַרוּם אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ לעאן , וֶועלְכֶער אִיז גֶעשְׁטַאנֶען וִויא אוֹיף שְׁפִּילְקֶעס פוּן אוּנְגֶעדוּלְד .

—נוּ וָואס הֶערְט זִיךְ ? זִיא לֶעבְּט נָאךְ ? מֶען קֶען מִיט אִיהר רֵיידֶען ? פְרֶעגְט לעאן מִיט הַאסְט .

—יָע , זִיא אִיז אִים שְׁטַאנְדֶע מִיט אַייךְ צוּ רֵיידֶען . זִיא אִיז זָאגַאר זֶעהר שְׁוַואךְ , עֶס אִיז אַשְׁרֶעק אוֹיף אִיהר אַקוּק צוּ טָאן . אִיךְ הָאבּ אִיהר גֶעזָאגְט , אַז אִיהר זַייט דָא , הָאט זִיא זִיךְ זֶעהר עֶרְפְרֵייט . גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט ! זָאגְט זִיא , אִיךְ וֶועל נָאךְ קֶענֶען פַאר מַיין לֶעבְּעֶן אָבְּגֶעבֶּען ריבינקען צוּ אִיהר פָאטֶער , אוּנ וֶועל נָאךְ אִיהם קֶענֶען בֶּעטֶען אוּם פֶערְצַייהוּנְג . . . קוּמְט גִיכֶער , הֶערר זילבערשטיין , אִיהרֶע מִינוּטֶען זַיינֶען גֶעצֵיילְטֶע .

—טָא וָואס הָאט אִיהר זִיךְ אַזוֹי לַאנְג גֶעזַאמְט , וֶוען דִיא צַייט אִיז אַזוֹי טֵייעֶר ?

—אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט וַוארְטֶען בִּיז וַואנֶען זִיא וֶועט זַיין אִים שְׁטַאנְדֶע צוּ רֵיידֶען . . . דֶען פוּן אָנְפַאנְג אַז אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען , אִיז זִיא גֶעלֶעגֶען גַאנְץ בֶּעוואוּסְט לָאז , אוּנ דָאס מֶאדְכֶען הָאט שׁוֹין אוֹיפְגֶעגֶעבֶּען אַלֶלֶע הָאפְפוּנְג . . . אִיךְ בִּין אַזוֹי גֶעזֶעסֶען אוּנ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַייעֶר טָאכְטֶער , פְּלוּצְלוּנג הָאט דִיא קְבַאנְקֶע גֶעעֶפִינְט דִיא אוֹיגֶען הָאט גֶעבֶּעטֶען אַבִּיסֶעל וַואסֶער , אוּנ הָאט גֶעפְרֶעגְט : וֶוער אִיךְ בִּין . . . אִיךְ הָאבּ אִיהר אַלֶלֶעס גֶעזָאגְט אִין קוּרְצֶע וָוארְטֶען , אָט הָאט זִיא מִיךְ גֶעבֶּעטֶען אִיךְ זָאל אַייךְ בְּרֵיינְגֶען וָואס גִיכֶער .

לעאן אוּנ קארנאץ זַיינֶען גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן זַייעֶר קְוַוארְטִיר . עֶס וַואר שׁוֹין פוּן אָבֶּענְד פִינְסְטֶער . עֶס וַואר שׁוֹין צוּ עֶנְדֶע הֶערְבְּסְט , עֶס הָאט אָנְגֶעשְׁנֵייט בִּיז דִיא קְנִיעָ . זַייא הָאבֶּען גֶענוּמֶען אַיין אִיזְוואסְצִיק אוּנ זַיינֶען אַוֶועק גֶעפָאהרֶען .

זַייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַשְׁטִיבֶּעל , וֶועלְכֶע וַואר אָבְּגֶעלֶעגֶען אָן אַזַייט . זַייא הָאבֶּען אָבְּגֶעשְׁטֵייגֶען אוּנ גֶעהֵייסֶען דֶעם אִיזְוואסְצִיק וַוארְטֶען , קארנאץ גֵייט אַרַיין פְרִיעֶר , לעאן גֶעהט אִיהם נָאךְ . זַייא זַיינֶען דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַפָארְדֶער צִימֶער , וֶועלְכֶעס וַואר אוּנְבֶּעלַייכְטֶעט , זַיינֶען אַרַיין נָאךְ אִין אַצִימֶער , וֶועלְכֶעס וַואר נִיט רֵייךְ אָבֶּער אַנְשְׁטֶאנְדִיג מֶאבְּלִירְט : אַוַוייכֶער דִיוַואן , אַרוּנְדֶער טִישׁ מִיט אַפָּאר קְרֶעסְלֶעס , נָאךְ אֵייניגֶע וֵוייכֶע שְׁטוּלֶען . עֶס הָאט גֶעבְּרֶענְט אַלַאמְפֶּע אַפֶען טִישׁ . פוּן דֶעם צִימֶער זַיינֶען גֶעוֶועזֶען צְוַוייא טְהִירֶען אוּנ צְוַוייא זַייטִיגֶע קָאמֶערְן פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען . אַיין טִיהר וַואר אָפֶען . קארנאץ גֵיט אַקוּק אוּנ זָאגְט צוּ לעאן : אָט דָא אִיז דִיא קְבַאנְקֶע . זַייא גֵייעֶן אַרַיין אִין צִימֶער , דָארְט זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען צְוַוייא

בעטלעך, אויף איינע איז געלעגען די קראנקע. דא׳ט וואר אויך א טישעל מיט אפאר שטוהלען, עס האט געברענט א וואנטלאמפע זעהר דונקעל, אונ דאס האט געגעבען דעם צימער א טרויעריגעס אויסזעהען.

לעאן אונ קארנאץ זיינען געבליבען שטיין. די קראנקע איז געלעגען בלייך ווי קאלך, די באקען איינגעפאללען, אונטער די אויגען בלאו, די ליפפען שווארץ, האט געאטעמט שווער; די אויגען ווארען צו געשלאססען. אין צימער האט געהערשט א שרעקליכער שטיללקייט, עס האט זיך מעהר ניט געהערט דער טיק טאק פון אקליינער וואנד אוהר.

נעבען איהר בעטיל איז געשטאנען א טאבורעטקע, אויף וועלכען עס ווארען אנגעשטעללט פלאקאנציקעס מיט מעדיצין, אקאראפין וואסער, אפאר באנקעס פרוכט זאפט.

—חוה! זאגט קארנאץ זעהר שטילל:

זיא האט געעפינט די אויגען אונ זאגט: א ר׳ פייבוס. איהר זייט אלליין?

—איך האב אייך געבראכט א גאסט: הערר לעאן זילבערשטיין.

זיא האט זיך געוועלט זעטצען, איז זיא געפאללען צוריק אויף איהר קיססען אונ האט זיך שרעקליך פאנאנדער געהוסט.

—ליגט רוהיג, מאדאם, זאגט לעאן: שטרענגט אייך ניסט אן: איהר זייט גאר אלליין אין צימער, קיינער ווארטעט אייך ניט?

די סידעלקא איז ניט לאנג ארויס געגאנגען. נאר מיין טאכטער... ריבינקע... זיטצט אויך שטענדיג... נעבען מיר.... נאר ווי זיא האט דער הערט, איהר גייט, איז זיא... ארין געלאפען אין איהר צימער... עס איז איהר שווער, פערשטייט איהר מיך, אריבער צו טראגען די... איבערראשונג..

דא האט זיא זיך ווייטער פאנאנדער געהוסט. נאכהער זאגט זיא: עס איז קיינע קליינגקייט: פארלירען די, וועלכע זיא האט גערופען מוטער, אונ געפינען פלוצלונג אפאטער...זיצט, מיינע פריינד!

זייא האבען זיך אוועק געזעטצט: לעאן איהר ענטגעגען, אונ קארנאץ איז אוים געקומען איהר צו קאפפען, אונ האט איהר ניט געקענט קוקען אין געזיכט.

—הערר זילבערשטיין, זאגט זיא, איהר דער קענט מיר ניט, הא?

—איהר זייט גאר אנדערש, ווי אמאל, זאגט ער.

—וואס די צייט אונ קראנקהייט קענען מאכען!... עס איז שוין צוואנציג יאהר ווי איך האב אייך... ניט געזעהען... עס איז קיינע קליינגקייט!... הער זילבערשטיין! יעטצט איז די לעטצטע שטונדע פון מיין לעבען... איך בעט אייך: פערציי׳הט מיך איך האב געגען אייך געזינדיגט: איך האב... פון אייך אוועק... געראובט אייער קינד...

שוין צוואנציג יאהר .... אָבער איך האב אַנדערש ניט געקענט איך בין געוועזען די אַרודיע פון אייער פרויא פריידעלע עליה השלום ; זיא האט דאס פון מיר פערלאַנגט פאַר איהר שטאַרבען .

— וואס האט זיא פערלאַנגט ? וויא האט זיא אייך געזאָגט ? איהר געדיינקט ?

— איך געדיינק גאַנץ גוט : זיא האט מיר געזאגט : חוה ! איך שטאַרב איבער... דעם העפטיגען צאָרען פון מיין מאַן.... איך פערלאַנג אַז מיין קינד זאל ניט קענען דיא הויז זילבערשטיין ; אונ אַז לעאָן וואלט לעבען , וואלט איך פערלאַנגען , ער זאל זיין קינד ניט קענען אונ דאס זאל איהם זיין אַנאַקאַזאַניע ... פאַר זיין... העפטיגען כעס ...

— וויא הייסט עס אַז לעאָן וואלט לעבען ? פרעגט ער מיט אַוואונדער .

— פאַר שטייט איהר מיך ... זיא האט אייך געוועבנט פאַר געשטאָרבען... ווייל זיא האט דאך אייך געזעהען איינגענעהמען סם ... וויא מיינט איהר , העהר זילבערשטיין אַז איהר וואלט ניט געהאַט איינגענומען דיא פילע .... נאך ביי קאזליצקען אין קאָרידאָר ... וואלט זיא איינגענומען סם ?

— אַי אַי אַי ! איך האב מיך ערינגערט : יע יע , מיין פילע וואס איך האב איינגענומען , האט איהר געהאַרגעט !

— יע יע ! זיא האט געזאָגט , אַז מיין ... לעאָן איז געשטאָרבען ... דאַרף איך איהם ניט איבער לעבען ... יעטצט , מיין העהר , זעהט איהר , אַז איך ... בין ... געוועזען געצוואונגען ... צו ערפיהלען איהר וואונש ... ביטטע פערצייהעט מיר !

— איך פערצייהע אייך , גוטע פרויא , איהר לאָזט זיך וועגען דעם ניט גראָמען . איהר האט געטאָן אייערע פפליכט , אונ מיר , ומט : צוואַנציג יאהר קלאָג איך נאך מיין פריידעלען אונ נאך מיין קינד ... דאס איז געוועזען אַנוטער שטראָף פאַר מיינע העפטיגקייט ... וואו איז שוין מיין קינד ?

רעבעקא האט זיך בעוויזען אין טהיר . זיא וואר זעהר שיין , בלוט אונ מילך זיא איז געשטאַנען דעמוטהיג דיא אויגען אַראָב געלאָזען .

— רעבעקא ! זאָגט צו איהר דיא קראַנקע זעהר לייזע : אָט דאס איז דיין פאָטער , פון וועלכען דוא ביזט געוועזען פאַרוואָגעלט צוואַנציג יאהר .

— טאָכטער מיינע ! טאָכטער מיינע ! האט לעאָן געגעבען אַגעשרייא אונ האט איהר אומגעפאַסט מיט זיינע ביידע אַרמען אונ האט זיך גענומען קיסען מיט טרערען .

— פאָטער מיינער ! פאָטער מיינער ! האט זיא אויס געשריען זיך אַוואָרף געבענדיג אין זיינע אַרמען , אונ האט גענומען חליפען .

איינינע סעקונדען זיינען זיא אַזוי געשטאַנען אָנגעקלאַממערט אַ

דער כהן (ח"ג)

איינאנדער

איינאנדער אונ האבען געהליפעט. קארנאץ איז געזעסען דיא אויגען אראב געלאזען, אונ דיא קראנקע איז געלעגען צו געמאכט דיא אויגען.

— ריבינקע מיינע! ריבינקע מיינע! האט וויעדער אנגעהייבען לעאן; איבער דיר האב איך דאס צוואנציג יאהר געזאסען זיך מיט טרערען!... צוואנציג יאהר האב איך דיך געזוכט... אונ יעטצט געלויבט איז גאט האב איך דיך אין מיינע ארמען! דוא ריבינקע וועסט מיר פערזיסען מיין ביטערעס לעבען!... אין דיר וועל איך האבען מיין גאנצען טרייסט אין מיינע לעצטע יאהרען!... יעצט וועט מיר שוין מיין געוויסען זיין רוהיגער... פריידעלע האט מיר שוין פערציהעט!

— פאטער מיינער! זאגט דאס מאדכען: ענטשולדיגע מיך, וואס דוא ווארסט געקוועלט דורך מיינע אבוועזענהייט!... איך וואר גאנץ שולדלאז דארין... גוטער גאט! וויא דאנק איך דיר, וואס דוא האסט מיך צוריק געפיהרט אין דיא ארמען פון מיין טרייען פאטער!... וויא גליקליך בין איך!... איך בין שוין מעהר קיין פערוואגעלטעס קינד אויף דער וועלט!... איך בין אונטער דעם שוטץ פון מיין פאטער וועלכער ליבט מיך אזוי, אונ וועלכער איז מיר אזוי היים טרייא!

זייא האבען זיך וויעדער גענומען קוסען אונ האבען אלם אוים געשריען: טאכטער, טאכטער מיינע!... פאטער, פאטער מיינע!

אז עס איז אריבער געגאנגען דיא ערסטע איבערראשונג, האט לעאן גענומען פרעגן: וויא זיא האט געלעבט? וויא זיא האט זיך ערצויגען: אונ רעבעקא האט איהם ערצאהלט איהר גאנצע ביאגראפיע וואס מיט איהר האט פאסירט אים פערלויף פון דיא צוואנציג יאהר. דיא קראנקע איז געלעגען די גאנצע צייט רוהיג, נאר צייטענוויים פלעגט זיא זיך פאנאנדער הוסטען זעהר שרעקליך, אונ רעבעקא מיט קינדערליכער ליבע פלעגט צוא לייפען איהר אונטער האלטען אדער געבען וואס. זיא פלעגט וויינען אונ ברעכען דיא הענד אונ זאגען: אזא גליקליכער טאג, ווען איך האב מיין פאטער געפונען ווערט מיר פארפינסטערט דורך דיא קראנקהייט פון מיין מוטער, א גאט, דוא גיסט מיר אין מיין הארצען פריידע מיט ליידען, וואנגע אונ שמערצען אין איין מאל!... איך בין צוא שוואך דאס אריבער צוא טראגען!

אז דיא קראנקע איז געווארען רוהיגער, האט לעאן זיך מיט איהר פאנאנדער גערעדט אום זיך צוא ערינערן דיא פערגאנגענע גליקליכע צייטען. זייא האבען גערעדט פאן פריידלען, פאן רעבעקאס געבורט, וויא מען האט איהר, חוהן געלאדען פאר איינע אממע, אונ האבען גערעדט פון זייער גאנצען אמאליגען לעבען, אזוא אומשטאנדליך (פאדראבנע), אז עס וואר פיל זאכען וואס לעאן האט פערגעסען, אונ דיא קראנקע האט איהם ערינערט. דאס וואר איהם אריכטיגער בעוויין, אז דאס איז ווירקליך

דיא אממע פון זיין קינד, אונ אז דאס איזווירקליך זיינע טאכטער רעבעקא; מעהר וויא דיא ווירקליכע אממע האט ניט געקענט אזוא אומשטאנדליך אלעס וויסען. לעאן וואר גליקליך.

זייא זיינען אזוא געזעסען בייא אפאר שטונדען. עס איז אביין דיא סידיעלקע, דאס וואר אפרויענצימער איאהר פערציג. זיא איז צוגעגאנגען צוא דער קראנקע, האט צורעכט געמאכט איהר געלעגער. פלוצלונג האט דיא קראנקע גענומען שרייען: שלעכט!... ניט גוט!... איך שטארב!...

דיא קראנקענווארטערין אונ רעבעקא זיינען צוא געלאפען, האבען איהר געגעבען דיא מעדיצין, וואס איז צום שטארקען. זיא האט ניט געקענט אראפ ברייגגען; זיא האט פערגלאטשט דיא אויגען אונ האט גענומען חארחלען.

—עס האט זיך אנגעהייבען דיא אגאניע! זאגט קארנאץ.

דאס פריילין האט אנגעהייבען צוא יאמערין צוא קלאגען, צוא רייסען זיך דיא האר, צוא שלאגען קאפף אן וואנד;

—אום גאטעס ווילען! זאגט קארנאץ; מען מוז איהר ארויס פיהרען פון דאנען, מען קען איהר דא ניט לאזען.

לעאן אונ קארנאץ האבען איהר גענומען ארויס פיהרען. זיא לאזט זיך ניט אונ שרייט:

—וויא קען איך אוועק געהן פון מיין מוטער... וואס צוואנציג יאהר האב איך איהר גערופען מוטער... וואס האט מיך ערצויגען... וואס האט מיך געליבט... לאז מיר, פאטער מיינער, לאז מיר איהר בעוויינען!... לאז מיר איהר בעקלאגען.

— ריבינקע מיין טאכטער! זאגט לעאן: איך קען דיך דא ניט לאזען; דוא געהמסט זיך אזוא פיל דאס לעבען... דוא קענסט דאס ניט צו זעהען... אונ ווייטער דיין זיין דא קען איהר גאר ניסט העלפען.

— א א, איך קען ניט!... איך קען ניט! האט זיא גענומען שרייען, האט זיך ארויס געריסען פון זייערע הענד, איז צו געלאפין צוא דער קראנקע, האט איהר גענומען קוסען וויא וואהנזיניג. זיא איז געפאלען אין אונמאכט. מען האט איהר גלייך גענומען שפריצען מיט וואסער, קוועטשען דיא שלייפען; מען האט איהר קוים געבראכט צו זיך. לעאן אונ קארנאץ האבען איהר ארויס געטראגען דרויסען, אוועג געזעצט אויף דעם איזוואשציג, וואס האט געווארט אויף זייא; לעאן האט זיך אויך געזעצט.

— ווייסט איהר וואס, הערר זילבערשטיין, זאגט צו איהם קארנאץ ליינע: איהר קענט דא מיט איהר לאנגער ניט פערבלייבען; איהר מוזט זעהען מיט איהר אוועק צו פאהרען וואס ניכער. שא, זאגט ער ווייטער, אקוק געבענדיג אויף זיין אוהר; אין אהאלבע שטונדע ארום געהט אב אפאיעזד;

עס איז גלייכער איהר זאָלט שוין פאָהרען צום וואָגזאַל. און ווייטער וועל איך שוין דאָ אַללעס בעזאָרגען, וואָס מען דאַרף.

— איהר זייט גערעכט, זאָגט לעאָן; איך פאָלג אייער עצה. און נאָך איך עטליכע רובּיל אויב איהר וועט דאָ דאַרפען.

ער האָט איהם דערלאַנגט אַפּעקעל בּילעטען און האָט איהם נעהייסען פאָהרען צום וואָגזאַל.

דיא קאַלטע לופט פון דרויסען האָט איהר פאָליג געבּראַכט צו זיך:

— פאָטער, זאָגט זיא; וואו היין פאָהרען מיר דאָס?

— מיר פאָהרען צום וואָגזאַל און פון דאָרטען פאָהרען מיר אַהיים, איך קען דיך דאָ לאַנגער ניט לאָזען, מיין טאָכטער.

— פאָטער! האָט זיא גענומען בּעטען; דוא פערלאַנגסט פון מיר אַצו גרויסע אָפּפער וויא קען איך דאָס אַוועק וואַרפען מיין מוטער, וועלכע איז יעטצט אין אַגאָניע (גסיסה) דאָס איז איינע מערדערטהאַט פון מיינער זייט. לאָז מיר, פאָטער, איהר אָבטאָן מיינע לעטצטע פפליכט... איך האָב איהר דאָך צוואַנציג יאָהר מוטטער גערופען!

— דאָס וועל איך אים קיינען פאַלל ניט צו געבּען; דוא בּיזט זעהר גערוואָז, דוא קענסט דאָס ניט פערטראָגען; אָט האָסט דוא געחאַלעשט... און ווייטער וואָס קענסטו איהר העלפען? אין איינינע צייט אַרום וועסטו פאָהרען אויף איהר קבר גאָט בּעטען, וועסטו טהיילען צדקה... און ווייטער רעכען איך אַז זיא האָט זיך בּייא אונז ניט אַזוי פיל פערדינט געמאַכט... אַז זיא האָט מיך און דיך געקוועלט צוואַנציג יאָהר... מיך מיין טאָכטער, און דיך דיין פאָטער בּערויבּט..

— פאַפּאַ זיא איז ניט שולדיג..

— גענוג, רעבעקע! קיינע זילבּע מעהר דאַפּאַן. איך פערלאַנג אַזוי... און עס פאַסט זיך זעהר ניט, אַז דעם ערסטען טאָג, ווען דוא האָסט דיין פאָטער געפונען זאָלסטו זיינעם וואונש זיך ווידער זעטצען.

— איך וויל געהאָרכען; פאַפּאַ; אָבער וויא וועט זיין מיט מיינע זאַכען, וואָס...

— זייא רוהיג, טאָכטער; קאַרנאַץ וועט שוין אַללעס בעזאָרגען. ער איז אַקלוגער מענש, ער וועט וויסען, וואָס אַוועק צו שיינקען אָרעמע לייט, און וואָס מיט צו נעהמען, דיר צו בּריינגען.

מיט דיא רייד זיינען זייא אָנגעפאָהרען אין וואָגזאַל. לעאָן האָט גענומען צווייא בּילעטען אין פערווי קלאַסס, און זייא זיינען בּאַלד אַוועק געפאָהרען אַהיים.

גלייך וויא זייא זיינען געקומען אין עדענפורט. האט לעאן דער ווילע איהר אבגעגעבען איין אפארטעס צימער. אויף מארגען האט ער גערופען בעלי מלאכות טורשיקעס שטאלארעס צו רעכט צו מאכען פאר רעבעקען איין אפארטע וואהנונג פון איינינע צימערען נאך איהרען געשמאק; אויך האט ער פערופען שניידער צו בעשטעללען פאר איהר אנארדעראבע. נאר זיא האט געבעטען, אז דאס אללעס זאל מען אבלייגען ביז נאך די זיבען טעג פון הוהעס שטארבען. לעאנען איז געפאלען גענוג דיזע צארטליכע געפיהלע. ער האט געזאגט: געלויבט איז גאט! מיין טאכטער האט איין עדעלען כאראקטער און אגוטעס הערץ. מיין יאזעף וועט זיך שאטצען גליקליך אזא פרויא צו האבען. ווען זיא וואלט געוועזען ניט אזוי שיין און ניט אזוי געראטען וואלט ער אויך הייראטהען דעסטא מעהר הייטע, אז זיא איז אזא קראסאוויצע, אזא געבילדעטע און אזא גוטעס וועזען.

ער האט געוואלט ריידען מיט איהר וועגען יאזעפען, האט ער אויך אבגעהאלטען ביז נאך די זיבען טעג. ער האט איהר געוואלט פארשטעללען יאזעפען און אנדערע פערזאנען פון דער פאמיליע, — האט זיא אויך ניט געוואלט די ערסטע זיבען טעג. קורץ זיא האט זיך צוריק געצאגען אין איהר צימער און האט קיינעם צו זיך ניט צו געלאזען אויסער דעם פאטער. אויף מארגען נאך איהר קומען האט זיא געבעטען דעם פאטער פאהרען מיט איהר אויף דער מי׳ערס, אויף פריידעלעס קבר. זייא זיינען אוועק געפאהרען און האבען דארטעןביידע יאמערליך געוויינט; לעאן האט איהר גאר ניט געקענט אבבייסען פון קבר.

לעאן האט דער פון ארויס געזעהען, אז דאס איז אגוט קינד; ער וואר פון איהר ענטציקט.

אין דרייא טעג ארום איז געקומען צו פאהרען קארנאץ, האט געבראכט אקאסטען מיט זאכען פערשלאסען. לעאן האט איהם אריין געפיהרט אין רעבעקקעס צימער. דא האט ער דער ציילט, וויא חוה איז יענעם אבענד גלייך אויס געגאנגען; אין דער פריה איז געוועזען די בעערדיגונג; ער האט געטיילט צדקה. זייערע זאכען די מעבעל און קליידער האט ער אוועק געשאנקען ארעמע לייט, וויא לעאן האט איהם געהייסען. נאר די ביכער און פאפירען נאטען, האנטארבייטען מיט נאך ניטיגע זאכען האט ער דא געבראכט אין דעם קאסטען.

רעבעקקע האט זיך געזעגענט מיט טרערען, בשעת ער האט דער ציילט פון חוה׳ס בעערדיגונג. לעאן האט קארנאצען אריין גערופען צוא זיך אין קאבינעט און האט זיך מיט איהם פאנאנדער גערעכינט זעהר פיין פאר וואס ער האט איהם אויף געזוכט זיין טאכטער. קארנאץ איז ארויס צוא פ׳דען.

די זיבען טעג, וואס רעבעקקא איז געזעסען אין איהר צימער צוריק

געצאגען

גֶעצָאגֶען , וַואר פַאר לעאן אֵיינֶע עֶווִיגְקֵייט ; עֶר הָאט נֶעצֵיילְט דִי מִינוּטֶען , עֶר זָאל שׁוין קֶענֶען עֶנְטְדֶעקֶען זֵיין טָאכְטֶער , וֶועמֶען עֶר הָאט עֶרְוָואהְלְט אִיהר פַאר אַחָתָן , אוּם זִיא זָאלל זִיךְ שׁוין פָאלל קָאמֶען גְלִיקְלִיךְ פִיהלֶען . יָאזעפען הָאט עֶר שׁוין עֶרְצֵיילְט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה ; נָאר עֶר וֶועט זַייא אֵיינְאַנְדֶער פָארְשְׁטֶעלְלֶען נָאךְ אֵייניגֶען טַאגֶען .

---

4. :

דִיא פֶערְלִיבְּטֶען גֶעווִידְמֶקֶעס (אוּנְזִיכְטְבַּארֶען) .

דֶער לֶעזֶער וֶועט זִיךְ גֶעוִויס עֶרְאִינְנֶערְן , אַז יָאזעף זילבערשטיין הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען פַאר מוישל דאבקין בְּרִיף צוּ זַיין כלה , אוּנ דִיזֶער פְלֶעגְט אִיבֶּער שְׁרַייבֶּען . אויךְ גֶעדֵיינְקְט גֶעוִויס דֶער לֶעזֶער , אַז יָאזעף הָאט פַאר שְׁטַאנֶען , אַז מוישלס כלה שְׁרַייבְּט אִיהם אויךְ אַזוֹ בְּרִיף וִויא עֶר שְׁרַייבְּט אִיהר , דָאס הֵייסְט זַייא שְׁרַייבֶּען בֵּיידֶע אִיבֶּער , וָואס אַנְדֶערֶע הִינְטֶער זֵיי זֶעטְצֶען אויף ; אָדֶער מִיט אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער : צְוַייא אוּנְבֶּעקַאנְטֶע שְׁרַייבֶּען זִיךְ לִיבֶּעס בְּרִיפֶע , אוּנ מוישל מִיט זַיין כלה זַיינֶען דִיא פֶערְמִיטְטְלֶער . דֶער לֶעזֶער גֶעדֵיינְקְט אויךְ גֶעוִויס , אַז יָאזעף הָאט אָב גֶעטָאן אַשְׁקָאצְקֶערַייא : עֶר הָאט זִיךְ אַשְׁמֶעלֶעט דָאס אַרַיין צוּא שְׁרַייבֶּען אִין בְּרִיף , וִויא מִיר הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען אִין 10 טֶען קַאפִּיטֶעל פוּן צְוַויטֶען טֵהייל . ר׳ מוישל הָאט זִיךְ גַאנְץ רוּהִיג דָאס אִיבֶּער גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ אַוֶועק גֶעשִׁיקְט . עֶר הָאט דָאךְ גִיט פֶערְשְׁטַאנֶען אֵיין וָוארְט , וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען , אוּנ הָאט נִיט גֶעווֶעלְט וִויסֶען , וָואס דָארְטֶען שְׁטֵייט ; עֶר אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער , אַז יָאזעף זילבערשטיין קֶען אָנְשְׁרַייבֶּען אַדֵייטְשֶׁען בְּרִיף אוּנ עֶר וֶועט קַיין בִּזְיוֹנוֹת נִיט הָאבֶּען . יָאזעף הָאט מִיט בְּרֶענֶענְדֶער נַייאגִירְדִיג עֶרְוַוארְטֶעט דִי אַנְטְוָוארְט אויף זַיין פְרַאגֶע . עֶר פְלֶעגְט אָפְט פְרֶעגֶען מוישלען צוּא אִיז שׁוין נִיטָא אַבְּרִיף פוּן זַיין כלה , אוּנ דִיזֶער פְלֶעגְט זִיךְ ווּאוּנְדֶערְן , וָואס עֶר אִיז אִיהם גֶעווָארֶען מִיט אַמָאל אַזוֹא גִינְצִיג . נָאר עֶר הָאט גֶערֶעכִינְט , אַז דִיא טְרַייהַייט אִיז גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם צֶעטֶעלֶע וָואס עֶר הָאט אִיהם אַרוֹיס גֶעגֶעבֶּען וּפָאלְזוּ בִּקוֹר חוֹלִים .

אִין אַוָואךְ אַרוּם אִיז אָז גֶעקוּמֶען אַבְּרִיף צוּ מוישלען זֶעהר אַגְרוֹיסֶער . דָארְט וַואר עֶרְקְלֶערְט אִיהרֶע אַנְזִיכְטֶען אוּנ מֵיינוּנְגֶען אִיבֶּער דָאס עֶהעלֶעבֶּען , אִיבֶּער דִיא פְּפְלִיכְט פוּן מַאנְן אוּנְד פְרוֹיא , וִויא זַייא קֶענֶען גֶעלַאנְגֶען צוּם וַואהרֶען גְלִיק . דָאס וַואר אֵיינֶע פָארְטְזֶעטְצוּנג אִיהרֶער פָאלֶעמִיק (אַשְׁפָאר) אִין דִיזֶער הִינְזִיכְט . אִין אַנְדֶערִין פָאלְלֶען וַוארֶען זִיא אֵיינֶער מֵיינוּנג ;

אונד אין אנדערין פאללען האט זיא דיא זינגען ווידערלעגט, אינדעם איהרע אנזיכטען איהם געזיכטספינקט איינעם פרויענצימטערס גאנץ אנדערס זיין מוסען. צו ענדע פון דיזעם בריף האט יאזעף געפונען דיזע צושריפט:

„דיא האבען ערראטהען (געטראפען); דיא ברוט איזט ווירקליך נור „איינע קאפיסטין דער בריעפע, אונד זיא האט הינטער איהרען שולטערין „איין יונגעס מאדכען, דאס אנשטאטט איהרער דענקט אונד פערפאססט. „עס איזט זאגאר אינדיסקרע מיינער זייטס אדער פיללייכט גאר איין פערראטה, „זאלכעס צוא ענטדעקקען; אבער איך האפפע, עס וויר‍ד געשאנדען שאדען; „צווייטענס האבע איך מיינע גרינדע דאצו. — עס איזט איינע זעהר „דראללינע געשיכטע."

דער לעזער קען זיך פארשטעללען, וויא יאזעף זילבערשטיין וואר ענטציקט פון דיזע ווארטען. ער טראכט ביא זיך: אז דיא פערפאססערין פון דיא בריף איז זעהר געבילדעט, מיט אפיינעם כאראקטער אונד מיט צארטליכען געפיהלען, — דאס האב איך שוין פריער געוואוסט; יעטצט ווייס איך אויך, אז דאס איז איין יונגעס מאדכען; א איך וואלט איהר וועללען זעהען! דאס איז איין האכסט ליבענסווירדיגעס קינד, איין הימלישעס וועזען! א א! זא ערהאבען צו שרייבען!... זאלכע געדאנקען!... זאלכע געזינגונגען!.. איך בין פון איהר ענטציקט!.. איך וועל ניסט רוהען ביז איך וועל איהר זעהען, ביז איך וועל איהר פערזאנליך קענען געלערינט האבען!... אונד פיללייכט איז זיא נאך היבש... אונד פיללייכט איז זיא אין איהרעם אנזעהען זא רייצענד וויא אין איהרען גייסטעס איינענשאפטען!.... א איינע זאלכע פרויא קענטע דאך מיך גליקליך מאכען!... א דאס וואלט זיין פאר מיך דאס העכסטע גליק!...

דאס האט ער אלם גערעדט צו זיך, בשעת מוישל איז געוועזען ארויס געגאנגען פון קאממער, אום איהם ניט צו שטערין אין זיין שרייבען. יאזעף האט גענומען האסטיג ארום געהן איבערין צימטער פערזונקען אין זאלכע געדאנקען. ער שטעללט זיך אב, גיט זיך אחאפ אונ זאגט צו זיך: אבער יענעם מאדכען, מיט וועלכער איך בין געפאהרען אין איין וואגאן, לאזט זיך אויך ניט פערגעסען! איך בין פיר יענע זא וויא פיר דיזע איינגענאממען... איך ליעבע ביידען, אונ זייא וויסען ביידע דאפאן ניט... א גאט! איך וואלט זייא וועללען ביידע זעהען אויף איין מאל... וועלכע פון איהנען וואלט איבער ווינדען (גובר זיין)?... נאר וואס קומט ארויס דער פון?... יענע ווייס איך ניט, וואו זיא איז, איך וועל יענע ניע געפינען אונ מיט דיזער קען איך ריידען...: מען מוז ווייטער שרייבען צו איהר אבער עטוואס ווארמער אונ אז מיר וועלען ארויף אפען וועג, וועל איך איהר שרייבען אפארט אויף איהרע אדרעססע, אונ וועל איהר אויך מיינע אדרעססע איינגעבען. ערינסטע בריפע דארפען ניט געהן דורך זאלכע דראלליגע פער־

שטימונג. אָדער, אום מעהר אָפען צו רעדען, וועל איך איהר פארשלאגען
מיר זאָללען זיך שרייבען פראנצאזיש. ביים מושלען וועל איך פועלן ער
וועט פראנצאזיש אויך איבער שרייבען.

ער נעהמט איהרען בריף, לעזט איבער, אונ האט איהם גענומען
אנאליזירען. זיא שרייבט, דיא אויפזעטצערין דער בריפע איז אַיין „יונגעס
מאדכען" אז זיא וואלט ניט געוועזען אַשיינע, וואלט זיא שרייבען; „אַיין
מאדכען" אָדער גאר „אַפרויענצימער" זיא וואלט דאך מעהר ניט וועלען
ארויספיהרען, אז דא איז אַלאכעדליכע געשיכטע. אז זיא שרייבט אָבער
„אַיין יונגעס" מיינט זיא, אז איך, דער שרייבער פון דיא בריפע, זאל וויסען
מיט וועמען איך רייד פאן ליבע... אז אַיין יונגעס איז געוויס אויך אַיין
היבשעס... אונ זיא ווילל, מיר זאללען נאהער בעקאנט ווערען....
ווייטער שרייבט זיא; „איך האבע מיינע גרינדע דאצו" דאס איז אַבעווייז,
אז זיא וויל זיך מיט איהרער קאפיכטין (איבערשרייבערין) אָברעכענען,
וואהרשיינליך האט זיא פון איהר אונאנגענעהמליכקייט... יע, מען מוז איהר
שיטצען, מען מוז איהר פאן איהר פערלעגענהייט ענטציהען.

יאזעף האט זיך אַוועק געזעטצט אונ האט אנגעשריבען אַיין ענטפער
אויף דער כלהעס בריף, אונ האט צו געשריבען אייניגע צייליען וואַרעמע
צו יענעם פרייליען, וועלכע שרייבט פאר איהר דיא בריפע. מוישל איז אריין
בעגאנגען, האט זיך געזעטצט איבער שרייבען. אוים נייגירדע האט ער
אפרעג געטאן: וואס איז דארטען אנגעשריבען אין איהר בריף, אונ וואס
האט איהר עפעס אנגעשריבען אזוי פיל? יאזעף האט איהם ערצאהלט, אַז
דא ווערט גערעדט פון זייער קינפטיגען לעבען, וויא מאן אונ פרויא דארפען
לעבען אין אחדות אום דאדורך זאלען זייא קענען געניסען דאס וואהרע גליק.

— פוסטע רייד! זאגט מוישל: איך בין ניט קיין געבילדעטער, אָבער
איך האב געזעהען אז מאן אונ פרויא קענען קיין מאל אין אחדות ניט לעבען,
ווײלע דיא פרויענצימער קען מען קיין מאל ניט צו פרידען שטעללען. אז
דוא גיבסט איהר גאר ניסט, וויל זיא אַקלייד אין וואס ארוים צו גיין; גיבסט
דוא איהר אַקלייד — ווילל זיא צירינג; גיבסט דוא איהר צירינג — וויל זיא
בעללער מיט טעאטער; גיבסט דוא איהר בעללער מיט טעאטער — ווילל
זיא קארלסבאד אונ עמס; גיבסט דוא איהר דאס אויך — איז זיא ברוגז אויף
דיר פאר וואס האסטו זיך דאס אליין ניט געחאפט איהר דיזעם פערגניגען צו
געבען; אין טעאטער ביזטו אזא גוטער מאן אונ דוא גיבסט איהר אללע
פערגעניגען איידער זיא טראכט נאך וועגען דעם, דאכט זיך יעמאלט איז שוין
גאר גענוג, — ניין, יעמאלט איז זיא אלס ניט צו פרידען: פאר וואס לייגסט
דוא זיך ניט ביין שוועל בשעת זיא גייט אריין אין שטוב אום זיא זאל אריבער
טרעטען איבער דיר! אט דאס זיינען דיא פרויענצימער!

— דוא ביזט ניט נאָר אונגערעכט, זאָגט יאזעף: דוא ביזט אַמענש בײַ פערשטאַנד... מייסטעטנטהיילס זעהען מיר אַזעלכע פרויענצימער.

— עס איז ניט מייסטענטייהלס, זאָגט מוישל: אַללע זיינען אַזוי.

— נוא, דיין כלה איז ניט אַזוי, זאָגט יאזעף: אַז דוא וואָלסט קענען זייענע וואָלסט דוא זעהען, וואָסערע פיינע געפיהלע זיא האָט... און זיא איז ניט פון יענע פרויענצימער, וועלכע פערלאַנגען און פערלאַנגען. זיא דריקט זיך אויס אין איהרע בריפע, אַז זיא זוכט קיין גרויס אַרטיגעס לעבען; זיא זוכט נאָר אַפרידליכעס גליקליכעס לעבען.

עס איז אַלס חלומות! זאָגט מוישל: וויא איך האָב זיך אָנגעזעהען בײַא אונזערע בעקאַנטע, דוכט זיך מיר אויס, אַז דאָס פרויענהערץ איז וויא אַפּאַס אָן אַדעק, גיס און גיס, שטאָפּ און שטאָפּ — דוא וועסט קיין מאָל ניט אָנפיללען. דער וואָרט „צו פרידען" שטייט ניט אין פרויענוואָרטערבוך הע הע! וואָס דאַרפט איהר מעהר, מיין שוועסטער מינע לאהצע, איך רעכען איהר אין כאַראַקטער דיא בעסטע פון אַללע פרויען אין דער וועלט, פון דעסט וועגען ליגט זיא איצטער אויך אָב גאַנצענע טעג בײַא איהר שניידערין פּאַלינע האַנף, און ווען? בשעת זיא איז היינטיגען טאָג אַפערצרהעטע אַפאַרחושכטע פון דיא קדושין וואָס דער זוליק האָט איהר מקדש געוועזען, — פון דעסט וועגען דיא מאָדעס גייען זיך זייער וועגס. עס איז מערקווירדיג זאָג איך אײַך!

(מוישל האָט, וויא עס ווייזט אויס, ניט געוואוסט, אַז בײַא פאלינע האנף פלעגט לאהצע האָבען סווידאַניעס מיט מארקוסען).

— זאָל איך אפשר איבער שרייבען דעם בריף נאָך דיינער מיינונג? פרעגט איהם יאזעף.

— ניין, לאָז גיין וויא עס גייט, זאָגט מוישל: טאַנצט וויא זיא שפּילט, רעדט אויף דעם זעלביגען גאַנג, וויא זיא רעדט; עס איז שיא ווישיא אַקאָמעדיע: חתן כלה דאַרפען זיך שרייבען בריפע; מען דאַרף שרייבען דאָס וואָס מען מיינט ניט; עס שרייבט איין אַנדערער איז אויך גוט. — עס איז אַוועלט מיט אַקטיארען!... און דער פאַר וויל איך ניט לייענען און ניט וויסען וואָס זיא שרייבט מיר און וואָס איך שרייב איהר, — עס איז חלומות מיט פוסטע צערמאָניען. נאָר מען דאַרף מיט טאַנצען מיט אַללעמען. און אַזוי איז מיט דיא קענטעניס מיט דיא בילדונג. עס איז וויא מיין טאַטע זאָגט, עס איז אַללעס ווערט איין אויס געבלאָזענע איי... דרייא זאַכען איז נאָר דער עיקר אויף דער וועלט; דער רובל, דער רובל, און ווידער דער רובל! און ווייטער איז אַללעס תהו ובהו! ה ה ה!...

מוישל האָט איבער געשריבען דעם בריף און האָט איהם אַוועק געשיקט. אויף דיזען בריף וואַר ווידער איין ענטפער אָן אַצושריפט, נאָר יאזעף האָט איבער געלעזען, האָט ער געזעהען אַז דער גאַנצער בריף צילט זיך

נאר צו איהם. עס וואר אזא קינדליך פארשטעללט אונ דאצו אים ריינעם דייטשען געשריבען, אז דער וואס קען קיין דייטש, וואלט ניכט פערשטיין, אז דא איז איינגעהילט יונגערע פיפיגע געדאנקען, דעריזא מעהר דער וואס קען קיין דייטש אונ דער וואס וויל ניט וויססען. יאזעף וואר ענטציקט.

זייא האבען זיך אזוא איינינע בריפע געשריבען. פון דעם שפאסס איז געווארען איין ערנסט: זייא האבען זיך מעהר אונ מעהר ערקלערט; זייא האבען זיך מעהר אונ מעהר זייערע כאראקטערע קענען געלערנט; זייא האבען שוין גענומען פיהלען, אז זייא זיינען נור פיר איינאנדער געשאפפען, אז זייא דארפען לעבען נור פיר איינאנדער. יאזעף האט זיך שוין געזאגט: אז איך וואלט נאר וויססען, אז זיא איז נור ניט האסליך, וואלט איך שוין ניט קוקען צו זיא איז רייך צו זיא איז ארעם, — וואלט איך שוין געבעטען איהר האנד אונ וואלט איהר הייראטהען. איהרע מאראלישע איינגעשאפטען וועגען אריבער אללע פהיזישע אונד קארפערליכע. ער האט איהר אבער דאס אין בריף ניט ארויס געזאגט, דען ער האט זיך גערעכינט, פיללייכט איז זיא זעהר האסליך, אדער קראנקליך, וועט זיא זיך דאדורך פיהלען זעהר בעליידינט, אונ וואצו זאל ער איהר קראנקען? ... ער האט איהר געבעטען זיא זאלל איהם צו שיקען איהר פאטאגראפישעס בילד. ער האט זיך גערעכינט; איז זיא נור ניט העסליך אונ אויב זיא שטאמט נאר ניט פון זייער אנידריגע פאמיליע, וועט ער איהר פארשלאגען צו הייראטהען; אונ ווען זיא איז זעהר האסליך וועט ער האלטען דאס בילד צום אנדענקען אלס פאן איינער גוטען פריינדין, איינער אכטבארען פערזאן, מיט וועלכער ער האט געשפילט אקליינע קאמעדיע אין דעם בריפוועכסעל פון אחתן אונ כלה.

ער האט איהר אויפגעגעבען זיינע אדרעססע אויף דעם נאמען פון זיינעם אגוטען פריינד דענן זיא זאלל שיקען דאס בילד אויף מוישלם אדרעס טויג ניט, אונ אויף זיין איינענע אדרעסע, האט ער מורא געהאט, עס זאל ניט אריין פאללען אין לעאנס האנד; דען ער האט שוין געוואוסט, אז לעאן האט שוין געפונען זיין טאכטער, אונ לעאן האט נאר אנדערע אוים זיכטען, וויא ער. ער האט איהר אויך געבעטען, אז פון היינט אן זאלען זייא איהרען בריפוועכסעל פיהרען אויף איינענע אדרעססען, ניט דורך דיא פערמיטלונג פון מוישלען מיט זיין כלה. אדער אום מעהר אפען צו ריידען זאללען זייא זיך שרייבען פראנצאזיש, אונ התן אונ כלה זאללען איבער שרייבען.

יענעם מאדכען, וויא עס וואר ארויס צוא זעהען פון איהרע בריפע, וואר פון יאזעפס בריפע איינגענאמען. זיא האט פערשטאנען אז ער איז איהר ניט גלייכגילטיג; זיא האט געפיהלט, אז אללע ליבעס אויסדריקקע,

וואס ער האט געשריבען אויף דיא אדרעססע פון טוישלם ברויט, האט ער געמיינט דוקא איהר; דיא ווערטער וואס גייען פון הערצען מאכען איין אנדער איינדרוק. זיא האט פערשטאנען, אז וואס ער זאגט איהר אפען ניט ארויס, * אז ער ליבט איהר אונ ווילל איהר הייראטהען, — קען ער דאס ניט, ווייל ער האט איהר נאך פערזאנליך ניט קענען געלערינט. זיא האט געוואורט, ער זאל ביא איהר בעטען איהר פאטאגראפישעס בילד, דען גלייך וויא ער האט געבעטען, האט זיא איהם געשריבען, אז זיא איז געגאנגען פאטאגראפירען זיך אונ אין איינינע טעג ארום וועט זיא איהם צו שיקען נאך דער אויפגעגעבענער אדרעססע. זיא האט פערשטאנען, וואס ער מיינט מיט דער פאטאגראפיע, אז דאס איז ניט בלאס צום אנדענקען, — ער וויל איהר טאקע פערזאנליך קענען לערנען, ווייל ער וויל אין נאהערע פערהאלטניססע מיט איהר זיין.

זיא ווידער האט זעהר געוועלט, אז דיזע בעקאנשאפט זאל צו איינער ליעבעפיהרען אונ דיא ליבע צו איינעם עוויגען בונד; ערסטען האט זיא זיין כאראקטער, זיינע געזינונגען זיינע בילדונג קענען געלערינט, אונ זיא האט זיך אין איהרע בריפע אויסגעדריקט, אז זיא זוכט ניט אין איינער פארטיע רייכטהום, שיינקייט אדער יחוס; זיא זוכט נאר איינען מאן פאן כאראקטער פאן עדעלין אונד צארטליכען געפיהלען דאס האט זיא אין דיזעם יונגען מאן געפונען, — אונ ווען ער זאל צופרידען זיין איהר צו הייראטהען, וואס דארף זיא מעהר? זיא האט דאס אבער אין איהרען בריף ניט ארויס געזאגט; דען זיא האט גערעכינט, פיליכט וויל ער נדן, אונ נדן האט זיא ניט געהאט, דען זיא האט זיך אין איהרע בריפע אויס-געדריקט וויא בעדויערנס ווערטה דיא ארמע מאדכען זיינען, וועלכע האבען קיין נדן, אונ זיא האט דאס גערעדט פון הארצען. דאס איז איהר אין זינען ניט ארויף, אז דער יונגער מאן, מיט וועמען זיא קארעספאנדירט זיך, איז איינער פון דיא רייכסטע אין שטאדט. אז זיא וואלט דאס וויסען, וואלט זיא קיינע זילבע אויף זיינע ערסטע פראגע ניכט געאנטווארטעט דען זיא האט ארויס געזאגט איהרע מיינונג: וואו עס הערשט מאטריאליזמוס, דארט איזט קיין פלאטץ פיר צארטליכע געפיהלע. אויב עס טרעפט יע וואו איינער פון צעהען טויזענד אשידוך אוים ליבע, איז דאס מעהר אונטער דער ארמען קלאססע; זייא האבען ניט דאס, וואס פאר גלושעט דיא מענשליכע געפיהלע. איז ווייליע זיא האט גערעכינט דעם שרייבער פון דיא בריפע איהרעס גלייכען, האט זיא זיך געלאזט שפילען מיט איהם צו זאמען דיזע קאמעדיע, וועלכע האט נאכהער גענומען איינע אנדערע ווענדונג אונ האט געפיהרט צו איהר ערווינשטען ציל.

וועגען דעם, וואס ער האט פערלאנגט, זייא זאללען זיך שרייבען אויף איינענע אדרעססען, האט זיא געענטפערט: מעהר וויא דיא פאטאגראפיע

וועט זיא ניט שיקען נאך דער אנגעוויזענע אדרעססע; אבער דיא בריפע מוזען געהען אויף דעם זעלבען וועג, וויא פריהער. אונטער אללע פעהלער, דיא איך אלס מענש בעזיטצע, שרייבט זיא, בין איך אויך עקסצענטריש; ווען אונזער בריעפוועכסעל זאל צוזאמענכעם ציל פיהרען, זא מוז עס געהן פארוועטס אויף דער זעלבען באהן; דען ווען ניכט דיזע קאמעדיע, ווערען וויר נאך לאנגע צו אונזערער בעקאננשאפט ניכט געקאממען; אלזא ווען דיזע קאמעדיע האט אנגעפאנגען, זא זאל זיא ווייטער פיהרען. פראנצאזיש שרייבען טויגט עס אויך ניט; עס ווירד דען גאנצען עפפעקט פערליהרען. דער בריפוועכסעל מוז פארוואורטס געהן אים דייטשען, אום דאסס עס זיכטבאר זייא, דאס ברויט אונד ברויטיגאם היער, וויא אין איינער פופענקאמעדיע, דיא ראלען דער פופען געשפילט האבען, דיא מיט דעם מונדע דער קאמעדיאנטען שפרעכען.

אט אזא ליבעס געשיכטע האט מוישל דאבקין אין זיין כלה אויפגעטאן אהנע אליין צו וויסען; זייא זיינען געוועזען דיא פערמיטטלער פון צווייא ליעבענדען אונ האבען עס אליין ניט געוואוסט; זייא ווארען נור דיא הענד, — דיא קאפף ווארען אנדערע.

5.

צווייא געליבטע אין איינער פערזאן.

יאזעף זילבערשטיין ערווארטעט מיט דער גראססטען אונגעדולד דיא צו זענדונג פון דעם פאטאגראפישען בילד, וועלכעס זיינע אונזיכטבארע געליבטע האט איהם פערשפראכען דיא טעג ארויס צו שיקען. אללע טאג נאך דער פאסט פלעגט ער אריבער געהן צו זיין טאטען פריינד ערקונדיגען זיך צו איז שוין דא דאס בילד. ער האט שוין געוואוסט, אז לעאן האט שוין געפונען זיין טאכטער, וועלכע ער האט געזוכט צוואנציג יאהר. לעאן האט איהם שוין געהאט אנגעזאגט דיא בשורה; ער האט איהם אויך געזאגט, אז אן זיין פערשפרעכען געפינט ער ניט נאטהיג איהם צו דער מאנען: ער איז זיכער, וויא יאזעף וועט איהר נאר זעהען, וועט ער זיך פערליבען אין איהר, אונ ער וועט זיך שוין בעטען, לעאן זאל איהר איהם אוועק געבען פאר א פרויא. לעאן האט זיך ענטשולדיגט, וואס ער שטעללט איהם איהר נאך ניט פאר, ווייל זיא טרויערט יעצט נאך א פערוואנדטע לעבט זיא דיא ערסטע זיבען טעג אין צוריקגעצאגענהייט אין איהר ציממער, אונ לאזט קיינעם ניט צו. יאזעף איז ארום געגאנגען א צומישטער: אז יענעם מאדכע האט איהם גלייך פערשפראכען צו צו שיקען איהר בילד, וואהרשיינליך

איז זיא זיכער אז איהר בילד וועט מיר אזוי געפעלען זיין וויא איהרע בריפע, — אונ ווען עס זאל זיין אזוי, זא מוז ער איהר הייראטהען, עס קען קיינע גליקליכערע פארטיע פאר איהם אויף דער וועלט ניט זיין. ווידער לעאן רעדט איהם אזוי זיכער פון זיין טאכטערס איינגעשאפטען, איז זיא דאך געוויס אשיינע אונ אגעבילדעטע, — היינט וויא קען ער איהר ניט הייראטהען? וויא אונ מיט וואס וועט ער דאס קענען לעאנען ענטזאגען?..

א, זאגט ער: מיר שטייט פאר אגרויסער קאמפף מיט פיל אונאנגענעהמליכקייט. איך וואלט געבען וועער ווייסט וואס, איך זאל היינט וויסען מיט וואס דאס אללעס וועט זיך ענדיגען.

ענדליך איז געקומען דער טאג, וואס לעאן האט בעשטימט רעבעקקען יאזעפען פארצושטעללען אלס איהרען אנקעל אונ איהרען ברויטיגאם.

לעאן איז ארום געגאנגען אין זאל אונ רעבעקקא איז געזעסען אויף אקרעסלא, האט געהאלטען אבוך; זיא האט געטראגען אזיידענעס קלייד, מיט אבראסלעטטע, אהררינגען, מיט אבראשע געזעטצט אין בריללאנטען; זיא וואר זעהר שאן, מיט איינער ווייסען צארטען הויט, מיט אפורפור אויף דיא וואנגען, אבער מיט איינעם פרעבען בליק אונד מיט איין איראנישען לעבעלען אויף דיא ליפפען. לעאן האט דיזע פעהלער ניט בעמערקט; דער וואס ליבט, זעהט דאס, וואס ער וויל זעהען; ער האט אין איהר געזעהען איין רייצענד שאנעס מאדכען, אונ האט גערעכינט, אז יאזעף וועט זיך אין איהר פערליבען שטערבליך.

— רעבעקא, זאגט ער: הייטע איז דער גליקליכסטע טאג אין מיינעם אלטער, באלד וועט אריין קומען מיין ברודער יאזעף (איך האב שוין געשיקט נאך איהם); ער, האב איך בעשטימט, וועט זיין דיין ברויטיגאם; דוא וועסט צו פרידען זיין.

— פאפא! זאגט זיא מיט איינער שאמהאפטען מינע אראב געלאזען דיא אויגען.. פאפא! וואצו זאלסט דוא זיך שפוטען מיט דיא פארטיען? לאז מיר זיך ערהאלען פון מיינער איבערראשונג! עס איזט קיינע קלייניגקייט דער אריבער גאנג פון איינער ספערע אין איינע גאנץ אנדערע; איך קען מיר נאך קיינע רעכנונג געבען וואס מיט מיר טהוט זיך; איך בין איממער וויא אין איינעם טרוים; איך פרעג מיך נאך איממער: בין איך דען ווירקליך העררן לעאן זילבערשטיינס טאכטער? איזט דען ווירקליך דיזער פארנעהמער מאן מיין פאטער, מיין צארטליך ליבענדער פאטער?

— דוא ביזט ווירקליך מיינע טאכטער, זאגט לעאן איהר אקוס געבענדיג אין שטערן: אונ איך וויל זארגען פיר דיין גליק.

— פאפא! זאגט זיא איהם אומארמענדיג: עס איזט נאך צו פריה: צו

קורץ האב איך דען נאמען מאדעמאזעל זילבערשטיין געטראגען, בערויב מיר ניט דיזען נאמען!

— ווערסטו זיך באלד רופען מאדאם זילבערשטיין, זאגט לעאן מיט אשמייכעל; אקליינער אונטערשיעד, מיין טאכטער.

— עס איז אבער איין אנדער זילבערשטיין, אונ דאס איזט איין גרויסער אונטערשיעד.

— גענוג, מיין טאכטער! זאלסט מיר ניט ווידער שפרעכען, איך ביטטע. מיר האבען ביידע פיל געליטען; עס איז שוין צייט מיר זאלען ביידע געניסען דאס גוטע אים פאללעם מאסס.

— אבער...

— וואס „אבער" רייד אפען מיין טאכטער שעהניר זיך ניט: דוא פירכטעסט ער וועט דיר ניט געפאללען? אין דיזעם פאלל ווערדע איך ניכטס איינווענדען, איך וועל דיך ניכט צווינגען, איך וויל דוא זאלסט מיט דיינעם עהעמאן פאללקאממען גליקליך זיין..

— עס קען דאך אבער מאגליך זיין, איך זאל איהם ניט געפעלען, אונ דאס וועט פאר מיר זיין איינע גרויסע בעליידיגונג.

— דאפאן האבע קיינע זארגע. איך האב זיין פערשפרעכען.

— וויא קעננטע ער זאלכעס פערשפרעכען, ווען ער האט מיך ניט קענען געלערענט?

— ער האט מיר פערשפראכען, אז ער וועט פון מיינע אטאכטער קיינע גלאנצענדע איינענשאפטען פערלאנגען: מיט איין עטוואס שאן אונ געבילדעט, האט ער געזאגט, וועט ער זיך בעגניגען. היינט, מיין טאכטער, אז דוא ביזט אזוי רייצענד שאן אונ געבילדעט, וועט ער זיך גליקליך שאטצען דיך צו הייראטהען.

מען האט אנגעקלאפט אין טהיר.

— קום אריין, יאזעף! זאגט לעאן.

יאזעף איז אריין געגאנגען זעהר פרייא. ער וואר עלעגאנט געקליידעט, הויך אונ שלאנק מיט איינעם קליינעם רונדען שווארצען בארד, אצארטעס געזיכט מיט אליבע מינע. לעאן האט זיך אוועק געשטעלט, האט זיך אקעדר געטאן צו איהר אונ צו איהם אונ זאגט:

— מיין ברודער!... מיינע טאכטער!.

יאזעף האט איהר גערייכט דיא האנד זעהר גראציאז, זיא איז געווארען שארלאך רויט.

— עס פרייט מיך זעהר מיינע ניכטע קענען צו לערנען, זאגט ער.

— עס פרייט מיך זעהר מיינען יונגען הערען אנקעל קענען צו לערנען, זאגט זיא.

— צו פיל האט איהר אונז שמאכטען לאססען, זאגט יאזעף. שטעלט

אייך

איך פאר רעבעקקא! צוואנציג יאהר האט איהר אונז געפעהלט, אונ יעטצט אז איהר זייט דא, ווייזט איהר זיך פאר קיינעם ניט, אונ לאזט קיינעם ניט צו. זאלכעס בעטראגען איזט ניכט לאבענסווערטה.

— נוא, דאס דארף מען איהר פערצייהען, זאגט לעאן. דוא ווייסט דאך דיא אורזאכע דאס איז איין אוואזיטעלנאיא פריטשינא. קינדער, איהר פערברייננגט זיך אייך דא אונ איך מוז געהן אין קאנטאר; דארטען ווארטען מענשען אויף מיר.

לעאן איז ארויס געגאנגען אונ האט זייא געלאזען אליין אין זאל אום זייא זאלען זיך פרייער דורך ריידען, אונ זייא זאלען ווערען, וויא מען זאגט, מקורבדיג.

יאזעף איז געוועזען צופרידען, וואס לעאן איז ארויס געגאנגען; איהם איז געוועזען דיזער וויזיט צו לאסט; ער האט זיך געפיהלט איהם איז אייגנ אין דער געגענווארט פון דיזעם מאדכען. ער האט געזעהען, זיא איז שאן; אבער ער האט אין איהר ניט געפונען וואס רייצענדעס אנציהענדעס; ער האט בעמערקט איהר פרעכען בליק, איהר איראנישעס לאכעלן, וועלכעס וואר פאר איהם אבשטאססענד. ניין, זאגט ער צו זיך: דיזעם מאדכען קען איך ניט הייראטהען, זיא קען מיר קיין גליק ברייננגען. אויב איך זאל יענעס מאדכען ניט הייראטהען, וועל איך דיזעס זא וויא זא ניט נעהמען.

ער איז נאך דארטען געבליבען ביי אשטונדע, האט מיט איהר גערעדט פון איהרער ערציהונג, פון איהר גאנצען ביז העריגען לעבען, האט געפרעגט איהרע אנזיכטען אויף איהר קינפטיגעס לעבען, וועלכע ריכטיג זיא וועט געבען איהרען ווינשען אונ טהאטען, אונ האט פון איהר אבשייד גענומען אונ איז ארויס געגאנגען מיט דער איבערצייגונג, אז זיא איז זעהר ווייניג געבילדעט, ווייניג געזיטטעט, אונ האט ניכט איינען שאטטען דער איינגענשאפטען יענעס מאדכענס. נוא, זאגט ער, אט וועל איך דאס האבען צו שטרייטען מיט דעם ברודער!

ער איז געקומען אהיים, האט גענומען זיין האסטיג איבעריין צימער פערזונקען אין געדאנקען. נוא, זאגט ער: יעטצט וואלט זיך פאססען, איך זאל געפינען יענעם מאדכען מיט וועלכע איך בין געפאהרען צוזאמען, וועלכעס האט געמאכט אויף מיר אזוא איין איינדרוק; נאכהער זאל איך האבען דאס בילד פאן דעם פריילין, מיט וועלכעם איך פיהר דען בריפ-וועכסעל, פון וועלכעם איך זאל זעהען, אז דיזע איז אויך זעהר היבש, — אט וואלט זיך אויפפיהרען אגאנצע טראגי-קאמעדיע; לעאן וואלט מיר ציהען צוא זיך; דיא צווייטע וואלט מיך ציהען דורך איהרע רייצענדע פיזיאנאמיע אונד דיא דריטע דורך איהרע מאראלישע איינגענשאפטען, דיא איך אין איהרען שרייבען קענען געלערינט האבע... אבער וויא ערוואר

איך שוין אמאל איהר בילד! איך וואלט שוין גערן אמאל וויסען וואו ביך איך אין דער וועלט, אויף וואס זאל איך מיך ענטשליסען!

ער איז געבליבען שטיין פארטראכט איינינע מינוטען. עס האט זיך גיעפינט דיא טיהר עס איז אריין אאינגעל, האט איהם דערלאנגט אפאקעט און זאגט: דאס האט אייך צוא געשיקט הערר גאלדשטיין. יאזעף געהכט דעם פאקעט, פיהלט אן אין האנד און זאגט פריידיג: א, דא איז שוין דא אבילד, נוא געלויבט איז גאט! זאג הערין גאלדשטיין אדאנק וואס ער האט זיך געאיילט מיר צוא צושיקען. און דיר נא פאר דיין טרחא.

ער האט דערלאנגט דעם איינגעל ארובל, דיזער האט אבגעדאנקט און איז ארויס. יאזעף רייסט האסטיג פאנאנדער דעם קאנווערט, נעהמט ארויס אבילד גיט אקוק, און גיט אגעשרייא אטראט געבענדיג צוריק:

— הא!... וואס זעה איך! דאס בילד... פון דעם... פריילין... וואס איך בין געפאהרען צוזאמען!... וואס איך האב אזוא געתאלעשט צוא זעהען!... א, גאט! איך האלט ניט אויס!... און דאס איז דיא זעלבע, מיט וועלכער איך האב זיך קארעספאנדירט!

ער האט זיך אוועקגעזעצט אין קרעסלא, האט פארשטעלט דיא אויגען, און איז געבליבען זיטצען איינינע סעקונדען שטיל.

ער האט וויעדער גענומען דאס בילד, האט איהם גענומען קוקען מיט טרערין אויף דיא אויגען און האט איהם גענומען קוסען. — א מיינע [illegible] איך א מיינע טייערע! א וואו נעהם איך דיר יעטצט, צוא זאגען וויא טייערע, ליעב דיך!... צוא זאגען, אז מיינע ליבע צוא דיר, [illegible] בראגען!... ברענט וויא דיא העלישע גלוט... א איך קען עס ניט [illegible]עם געשאפף האבט צוויא געליבטע אין איינעם וועזען!... גאט, [illegible]עט דער פריזיען מיט דען דוא בעוויזען דיינע גאטליכע קראפ[illegible] [illegible]ם איז איין ענגעל אויף [illegible] [illegible]נ דאס איז איינע!... מיין בעסטען מאראלישען אייגענשאפ[illegible] ערדען!... א, איך האב געליבט צוויי קראפט מיין גליק צו ערטראגען... הארץ איז פול וואנגע... גאט! גיר איך מוז מיט איהר רידען... איך מוז איך מוז איהר אבער שוין זעהעטענער צופאל דא האט מיט אונס פאסירט!... איהר דערציילען, וואס פאר אהרען אהין? — וואס וועט לעאן זאגען?... אבער וואס טהוא איך געשעפטען גיט... איך זאל איהר אליין שרייבען? — ער ווייס. איך האב דאס נעדשריפט ניבט און וועט ניט גלויבען דעם בריף. איך מוז קען זיא מיין מושל דאבקון, דארטען וועל איך שוין אוסטראגען, ער זאל לויפען [illegible] אבריף, און אין בריף וועל איך שוין זעהען איהר צוא וויסען געבען, אז איך מוז זיך מיט איהר זעהען און אויב זיא קען זאל זיא קומען צוא פאהרען וואס צום גיכסטען.

דער כהן (ה"ג)

דער

ער איז אוועק צו זימל דאבקין , דארטען האט ער געפונען אין שטוב
א יאמער אונ א קלאג .

6.

די עצה פון א משוגענעם . — דער פאטאלער בריף .

דער לעזער האט געוויס ניט פערגעסען , אז זימל דאבקין האט אוועק
געשיקט צוויא מענשען פון יענקעצקע הוהום טאוואר־שצעס , וועלכע האבען
זיך אנגענומען איהם אויפצוזוכען , אונ איהם בעוועגען , ער זאל געבען גט
זיין טאכטער . עס איז שוין אונגעפאהר צוויא מאנאטען זינד זייא זיינען
אוועק געפאהרען . איינער איז געקומען מיט א וואך צוריק מיט ניכט : ער
האט איהם ניט געקענט געפינען . דער אנדערער איז געקומען היינט , האט
געבראכט א ידיעה , אז ער האט דעם יענקעצקען געפונען מיט צוויא וואכען
צוריק .... עס האט איהם געקאסט גענוג געלד אונ געזונד איידער ער האט
איהם געטראפען ... ער האט מיט איהם גענומען ריידען וועגען גט , האט
ער געזאגט : אונטער זעכס טויזענד רובל וועט ניט גיין אן איין קאפיקע.
ער האט זיך מיט איהם גענומען דינגען .. איז איהם געוועזען ניט איינצוברעכען
אויף איין קאפייקע , האט ער איהם גענומען אונגראזייען ער וועט איהם
איבער געבען אין פאליצייא , וועלכע זוכט איהם וויא מיט ליכט . — וויא
[illegible]ט דער הערט פון איהם דיא אונגראזע , האט ער איהם דער לאנגט
[illegible] גע[illegible] מעסער אין זייט אונ איז ענטלאפען . דער שטאך איז איהם געוועזען
[illegible] [illegible] , ער איז אבגעלעגען א פאר טעג ביז ער האט זיך ערהאלט , —
[illegible]פאהרען איהם [illegible]רומען מיט ניכט , אונ מעהר געהמט ער זיך ניט אן
וויא ער זיטצ[illegible] [illegible]
צו זימלען אין שטוב [illegible] [illegible]געלד .
פון מחותן . זימל נעהמט [illegible]ן , זיין געשיכטע , איז אריין געקומען
הענד אונ א געשרייא ! אוי ווי[illegible] האט איהם איבער געגעבען א בריף
— וואס איז ? וואס איז ? [illegible]ים לייענט דורך , ניט א פאטש מיט דיא
— געהמט לייענט : דער מחותן [illegible]ל שרייעט מיר א צרה נאך א צרה !
א זא מחותן פארלירען ! ... א קליינינקייט ! [illegible] הערבסט בעוועגט .
איינער נעהמט דעם בריף אונ לעזט א זוי : כבוד [illegible] א בזאגען דעם שידוך ! ..
ומפורסם שלשלת היוחסין סיני ועוקר הרים וכו' וכו' מו"ה [illegible] הנגיד המופלג
ליבער מחותן ! איך האב געהערט , אז אימיצער אזוליק איז געק[illegible]ל נ"י .
איך אין הויז אונ האט מקדש געוועזען אייער טאכטער .. נגט האט ער איהר
דער כהן (ח"ג)
ניט

„ניט, אונ היינט רופט זיך אן יענקעצקע הוהו אייער איידים. לבן פארשטייט „איהר אלליין, ליבער ר׳ זימל, אז איך קען ניט האבען אמחותן, וואס „האט פאר אין איידים יענקעצקע הוהו. איך בין ב״ה מגדולי היחס פאסט „עס פאר מיר ניט; אונ ווידער דארפט איהר וויסען, אז איך האב נאך „קינדער, אונ אז יענקעצקע הוהו איז אייער איידים, וועל איך מיט מיינע „קינדער ניט קענען טאן ארעכטען שידוך. מילא בכן בין איך אייך מודיע, „אז אויב איך וועל ניט האבען בקרב פון אייך אידיעה, אז איהר האט „אבגעגט דעם זוליק אונ אז איהר האט געטאן אפיינעם שידוך מיט אייער „טאכטער, — וועל איך אייך אב שיקען דיא תנאים. מנאי מחותנכם „גמליאל גרינשטאק.

— וואס טהוט מען? וואס טהוט מען? שרייט זימל אונ ברעכט מיט דיא הענד: אזא מחותן פארלירען אקליינינקייט!... וויא פיל געלד, וויא פיל געזונד מיר האט אב געקאסט דער שידוך!... נאך אזא מחותן וועל איך ניט קריגען ובפרט איצטער אז מיר האט געטראפען אזוי איין אונגליק... א רבוש״ע! פאר וואס קומט דאס מיר אזוי פיל צרות!

דא איז ארויף געקומען יאזעף זילבערשטיין. ער איז דאס געקומען זובען אמיטעל, וויא דורך מושלם בריף יענעם פריילין צו געבען צו וויסען, אז ער וויל זיך דורכאויס זעהען מיט איהר.

אין קורצען ווארטען האט מען איהם ערצעהלט, וואס דא טהוט זיך. ער האט געפרעגט צוא איז דא פון דער כלה אבריף; דען וויא מיר ווייסען, פון דער כלה אבריף איז דאס אבריף פון זיין געליבטע. פון דער כלה איז אבער קיין בריף ניט געוועזען.

— דאס איז ניט גוט, זאגט יאזעף.

— יוסף, רופט זיך אפ צוא איהם זימל מיט טרערין אויף דיא אויגען; יוסף, דוא ביזט דאך אקלוגער, גיב איין עצה, וואס טהוט מען? איך בין היינט אנעהרגטער איד מיט מיינע ביידע קינדער.

— איך האב פאר אייך צוויא עצות, ר׳ זימל, אונ איינע פון זיא וועט איהר געווים מוזען פאלגען.

— וואס איז פאר עצות? פרעגט זימל.

— אדער איהר זאלט בארקויפען אייער הויז מיט אייער קראם, דאס הייסט ראזארייען זיך אונ ווערין איין ארומאן; אדער עס זאל אייך אקאפייקע ניט קאסטען.

יאזעף זילבערשטיין איז געוועזען פון דיא נאייוועלטיגע, עס האבען ביא איהם ארום געוועבט אין קאפף פרייע אידעען, אונ ווייל ער איז געוועזען רייך, פלעגט ער זיך ניט זשעניערען ארויס צוא זאגען אפרייע אידעע (דעה) פאר דעם גרעסטען ארטאדאקס.

— וויא הייסט עס, עס זאל אקאפייקע ניט קאסטען? פרעגט זימל

פריידיג

דער כהן (ח״ג)

פריידיג, אז עס קען מעגליך זיין, ער זאל ארויס פון דער צרה און געלד אויס געבען.

— גאנץ איינפאך, ר' זימל: מאכט חתונה לאהצען מיט מרקוסען. איך נעהם זיך אן ביי זייא צוא פועלין, זייא זאלען חתונה האבען חאטש היינט.

— וויא הייסט עס! פרעגט זימל; זיא איז דאך ניט אנגעטע!

— פאר וואס דארף זיא זיין אנגעטע, ר' זימל? זיא איז דאך אמיידעל!

— שטייטס! זיא איז דאך אבער איין אשת איש!

אמיידעל זאל זיין איין אשת איש! איך הער דאס ערסט.

— וויא הייסט עס, זאגט זימל: דוא האסט זיך גאר פארגעסען דיא מעשה, אז מען האט איהר מקדש געוועען?

— איך פארשטייא ניט, זאגט יאזעף: אייער לאהצע האט געבעטען דעם זוליק, ער זאל איהר מקדש זיין!... דאס איז איין אקט! וויא קומט זיא צוא אזא פאקאסט?

— וואס רעדסט דוא, יוסף! ניט שוין וועט מיין לאהצע בעטען אזוליק, אפאדך, ער זאל איהר מקדש זיין! משוגע איז זיא, וואס?

— היינט אז עס איז געוועען אן איהר ווילען איז גאר ניסט, איז דאס ווערט אציבעלע!

— וויא הייסט עס! זיא האט אבער דיא געלד ניט ארויס געווארפען פון האנד.

— אונ אז זיא האט ניט געוואוסט, אז מען דארף דיא געלד ארויס ווארפ:ן פון האנד, וואס קומט איהר דער פאר? אונ אז זיא האט ניט געוואוסט וואס דער זוליק האט איהר דארטען געזאגט אפאר ווערטער, וואס קומט איהר דער פאר?... צוא דען דער פאר דארף זיין אבגעשניטען איהרע יאהרען!... צוא דען דער פאר דארף איהר טאטע ראזאריעט ווערן!... וואס איז — ווילע יענקעצקע הוהו וויל ביא איהם צוא נעהמען זיין גאנצען איינעם... דומעס צייג! נאך דעם גראדען שכל: דארף זיך קדושין סאוועשען אין געגעוואורט פון ערב, אדער אזוא איין אנזעהנליכע פערזאן, פאר וועלכען זיא זאל ארויס זאגען איהרע פאלגע סאגלאסיע; דאן קען דיא קדושין האבען וואנאצינע. אבער אזוא האלטען אפרויענציממער פאר אטראפקע, אז יעדער ליידאק זאל זיך קענען דזעקעווען איבער איהר — דאס האט קיין דין ניט!... אזעלכע פאקאסטען קען מעהר ניט זיין ביא דיא אזיאטען, אבער ניט אונטער ציוויליזירטע מענשען.

הערענדיג אזעלכע ווערטער, האט זיך זימל פערטראכט אויף איינינע מינוטען. נאכהער זאגט ער: דאס איז דאך אבער אדין ביא אונז אידען.

— אז דער וואס האט געשטעלט דעם דין, זאגט יאזע:, וואלט האבען

רער כהן (ה"ג) אטאבמער

אַטאַכטער און אַז עס וואָלט איהר מקדש געוועזען אַמין יענקעצקע הוהו, וואָלט ער ניט געשטעללט אַזאַ דין.

— וואָס רעדסטו, יוספקע! וואָס פּלוידערסטו! דוא ביזט פון זינען אַראָב?... וויא הייסט עס, ווער עס שטעללט דעם דין, שטעללט דאָס נאָך דעם איינענעם שכל? ער נעמט דאָך אַרויס פון גמרא, און דיא חכמי התלמוד, ווייסטו דאָך, זיינען געוועזען בעלי רוח הקודש, איז וואָס זייא האָבין געזאָגט, האָט מען זייא געהייסען מן השמים, פאַרשטייסט?

הערט, איך האָב אייך פיל וואָס צוא ענטפערין, נאָר ניט איצטער איז דיא צייט, און ניט דאָ איז דער אָרט וועגען דעם פאַנאַנדער צו ריידין זיך; אַז איהר וואָלט מיר אויס הערין, וואָלט איהר געוויס געפינען אַז איך בין גערעכט. פאָלגט מיר, ערלויבט דיא קינדער חתונה צו האָבען און שטעללט אויס דעם יענקעצקע הוהו אַפּייג.

— הלעבען, דוא רעדסט וויא אַמשוגענער, זאָגט זימל: דאַכט זיך אין מילי דעלמא ביזט דוא אַמענש מיט שכל; נאָר קומט אין דיא אידישע זאַכען ביזטו פשוט אַמשוגענער, בפועל ממש אַמשוגענער!... מען דאַרף דיך בינדען און אַוועק פיהרען אין דאָס סימאַשעדשיך, אַט וויא דוא זעהסט מיך אַאידען. שטייטס! חתונה מאַכען איין אשת איש.

— איהר ווילט ניט? וויא איהר ווילט זיך! איהר ווילט יענקעצקע הוהו געבען געלד, גיט איהם. פאַרקויפט אייער הויז און אייער קראָם, גיט איהם אַוועק אַללעס וואָס איהר האָט און לאָזט פאַר זיך מעהר ניט צוואַנציג קאָפּיקעס אויף אַטאַרבע צו געהן איבער דיא הייזער.. דען קען אַנדער ברירה האָט איהר ניט.

— פאַרפאַללען, זאָגט זימל, איך וועל זיך לאָזען שניידען ביז ביין; אויף דערויף זיינען מיר אידען. איז וואָס טהוט מען? וואָס זאָל איך פּאָרט איצטער אָנהייבען צו טאָן? דער מחותן פאַרפינסטערט מיר גאָר מיינע יאָהרען; ער שיט מיר זאַלץ אויף מיינע וואונדען.

— דעם מחותן מושט איהר שוין אָב שרייבען אַבריף, זאָגט יוסף, אַז איהר האָט פון דעם זוליק געקראָגען אַגט... (נישקאָסע פון דרך שלום וועגען מעג מען זאָגען אַליינען) און איהר האַלט היינט צו טאָן אַשידוך מיט אייער טאָכטער נאָר אַגרויס אַרטיגען, איהר פאַרשטייט? דער מיט וועט איהר איהם איינשטיללען; און דאָ זאָלט איהר דער ווילע אַרבייטען מיט אַללע קרעפטען, אַז איהר ווילט דורך אויס בעקומען אַגט פון דעם זוליק, מוזט איהר זיך זעהען מיט פייוול קאַרנאַץ, און ער זאָל וואָ שטאָ בי נישטאָלא איהם אויף זוכען און בעקומען פון איהם אַגט. ער איז פאָרט אַבריה, אַז ער נעהמט זיך צו וואָס, פיהרט ער אויס; אַט האָט ער אויפגעזוכט מיין ברודער לעאנס טאָכטער, וואָס זיא איז פאַר פאַללען געוואָרין פון צוואַנציג יאָהר, איהר

פֿערשטייט ? אויסער איהם האט איהר ניט, ווער עס זאל אייך דא דורך טראגען.

— דוא ביזט גערעכט, יוסף; איך וועל טאן אזו. איך זעטץ זיך שוין שרייבען אבריף אונ נאכדעם וועל איך אריבער שיקען נאך קארנאצען.

— ווייסט איהר וואס נאך? זאגט יוסף: עס וואלט ניט איבעריג געווען, אז מושל זאל שרייבען אבריף צו דער כלה אונ זאל איהר אביסל אופרעקאייען פאר וואס דער פאטער האט געשריבען אזא בריף.

— דוא ביזט גערעכט, יוסף: דוא רעדסט אלס זעהר טאלקאווע; ווא עס איז נאר ניט נוגע אין אידישקייט, ביזטו נאר אוואזנער מענש, אז דיא ביכלעך האבען דיר גאר איבער געפיהרט... טא גייא זעה, זייא זיך מטריח אונ שרייב אן פאר מושלען אצערנאווקע, אבער עפעס אזו, עס זאל דורך נעהמען... דוא האסט נעבעך אסך חלאפאט מיט מושלס בריף! דער פאר אם ירצה השם אויף דיין חתונה וועל איך דיר אב דינען.

יוסף איז אריין געגאנגען אין מושלס צימער. דיזער איז געלעגען אפען בעטעל; ער איז געווען אונוואהל, דעם מחותנם בריף האט איהם זעהר טריוואזעט.

—וואס איז מיט דיר, מושל? פרעגט איהם יוסף.

—דיא קאפף טהוט מיר וויא; איך האב גרויס עגמת נפש פון מחותנם בריף.

—דער טאטע שרייבט ערסט אהין אבריף זאגט יוסף, אונ ער האט געהייסען דוא זאלסט אויך שרייבען צו דער כלה.

—שרייבט, זאגט מושל, וויא איהר פארשטייט.

יוסף האט זיך אוועק געזעצט האט אנגעשריבען אצערנאווקע. ער האט ווירקליך גרויסע פארוירפע געמאכט דיא האנדלונג פון איהר פאטער, וועלכער, אנשטאט איהם צו טרייסטען אין זיין אונגליק אדער זאגאר ווא מאגליך הילפע צו לייסטען, — מאכט ער איהם אן אזוי פיל קומער אונ הערצלייד אונ זא ווייטער. אם ענדע פון בריף האט ער צו געלייגט דיזע ווארטען צו זיינער געליבטע: איך בין פאן איהרעם בילדע ענטציקט (צום גליק האט זיך געפאסט דיזע ווערטער, דען מושל האט אויך געהאט פון זיין כלה אבילד) איך מוז זיא דורכאוים זעהען: דאפאן איזט אונזער בידערזייטיגעם גליק אבהאנגיג.

אז ער האט אבגעשריבען האט זיך מושל געזעטצט איבער שרייבען מיט גרויס שווירינקייט. אז ער האט געענדיגט זאגט יאזעף צו איהם: איך זעה מושל, אז דוא ביזט היינט ניט בייא זיך; ווייז, אויב דוא ווילסט, וועל איך אטפראווען דעם בריף איך געה זא וויא זא אויף פאסט.

מושל האט איהם מיט דאנק געגעבען דען בריף. יאזעף האט נעגימען (ח"ג) דער כהן

גענומען דען בריף אונ איז אוועק פריער צו זיך אהיים, האט צו געשריבען דיזע ווארטען: ווען מעגליך, פאהרען זיא גלייך ארויס נאך עד[illegible]ט; „ווען זיא קענען ניכט אויספאהרען, ווערדע איך צו איהנען קאממען, „אבצוואר עס איזט מיר יעצט אונמעגליך. צום בעוויז דאס איך ערנסט מיינע, „שיקקע איך איהנען ביא ליעגענד איינען רינג מיט איהרעם נאמען דארויף „אויסגראווירט. אללענפאלס ערוואטע איך איהרע אנטווארט (אויף מיינע „אדרעססע ביינש גאלדשטיין) מיט דער גראססטען אונגעדולד”. ער האט גענומען דעם בריף האט איהם איינגעשלאסען אין אקאנווערט, האט גענומען אנאלדענעם רינג מיט איינעם איינגעפאסטען בריללאנטען, איז אוועק צו אגראוואר, האט געלאזט אויסקריטצען דעם נאמען ר׳ זילבערבלאטט (ער האט געוואוסט איהר נאמען פון דער פאטאגראפישע קארטע, וואס זיא האט איהם צוגעשיקט, אויף וועלכער וואר איהר נאמען. ער האט איינגעוויקעלט דעם רינג אין אפאפיר, אויף וועלכע וואר אויפגעשריבען „פיר מאדעמאאזעל זילבערבלאטט” איז אוועק אויף פאצט אונ האט אוועק געשיקט.

יעטצט, טראכט ביא זיך יאזעף, קען זיך דארטען טאן ביא גמליאל גרינשטאק וואס עס ווילל. ווער זיא וועלען פערהיימליכען דיא זאך, ווער זיא קענען זאגען; דער רינג איז פון איהרען אפערוואנדטען אדער אחתן, פאר וואס ניט? אונ אויב עס וועט דיא זאך ארויס אפען טעללער, אז דא איז געווארען אליבע דורך דיא פערמיטלונג פון מוישלען אונ זיין כלה, ארט מיך אויך ניט: לאזען זייא איצטער זעהען דיא פאסלעדסטוויע פון זייער ניט וועללען לערנען פון זייער פערהאססען בילדונג. אללענפאללס ליידען וועלען זיא ניט דאביי, וואס קען מעהר זיין? וועלען זייא אראב פון סצענע, וועלען זייא ניט זיין אקטארען; אבער ערגער בלייבען זייא דאך ניט איינער פאר דעם אנדערען; עס וועט מעהר ניט מקוים ווערין דער מאמר החכם: טי מניע ווזבוליאן, א יא טעביא ווקאפוסטו. אשיינער גלייכוועטעל וועט זיין, עס מאכט ניט אויס! איך פאלל שוין פאר געלעכטער ה ה ה ה!

7.

ער פאללט דעם שונא צו דיא פיס.

אז זימל דאבקין האט אב געשריבען זיין בריף צום מחותן, האט ער אריבער געשיקט אמענשען נאך פייבוס קארנאץ. דיזער האט געענטפערט: ער האט קיין צייט ניט צו געהן; אויב ער וויל זאל ער קומען צו איהם.

דער כהן (ח״ג) זימל

זימל האט זיך געשטעלט מיט אביטערן קרעכטס. אך און ווייא איז מיר, זאגט ער, צו וואס איך בין געקוממען! אז אזעלכע לײדאקעס איז געווען איין עהרע צו שטיין בייא מיר ביין טהיר, און היינט דארף איך געהן פאללען זייא צו דיא פים.

ער האט זיך אנגעצויגען דעם פאלטא און איז אוועק געגאנגען: קארנאץ האט איהם העפליך צו גענומען און פרעגט: נוא וואס גוטס וועט איהר זאגען ר׳ זימל.

— איך בין, ר׳ פייבוס, צו אייך געקומען מכח מיין אונגליק, איהר זאלט מיך זעהען צו ראטעווען, פריער גאט, נאכדעם איהר. איהר זייט פארט אבריה נפלא. אז איהר האט געקענט געפינען לעאנס טאכטער, קענט איהר שוין אללעס אין דער וועלט, און מען קען זיך אויף אייך פערלאזען.

— אמת, זאגט קארנאץ, דאס וועל איך אייך ניט לייקענען, געפינען קען איך איהם, איך האב שוין דיא שליסלען דער צו. און ווייטער וועגען געלד, פארשטייא איך, וועט איהר ניט שטיין. איך האב אפילו שוין איינמאל גענומען בייא אייך 300 רוביל, נאר דאס ווייסט איהר דאך אלליין: איך האב זייא פאר קריינקט פון דעם שטאך, וואס יענקעצקע האט מיר געגעבען.

— איהר זייט גערעכט, זאגט זימל. געלד וועל איך אייך געבען, און איך מיים איהר וועט פון מיר ניט פערלאנגען אן יושר.

— איך פערלאנג מעהר ניט פון אייך דרייא הונדערט רוביל, הונדערט שוין און צווייא הונדערט ווען איך וועל ברייגגען דעם גט.

— וואס זאל איך טאן? איך גיב, זאגט זימל מיט אזיפץ.

— עס איז אבער דא נאך אצרה, זאגט קארנאץ: איהר זאלט וויסען, אז איך בין איין עהרליכער איד: גענהמען בייא אייך געלד און נארען אייך וויל איך ניט. איהר זאלט וויסען אז מעהר וויא געפינען איהם נעהם איך זיך ניט אן, — ריידען מיט איהם, ניט איך וויל, ניט עס טויג צו דעם ענין: ווילען וויל איך ניט איבער אגאנץ פראסטען טעם; ער זאל מיר ווידער ניט דער לאנגען מיט דעם מעססער, איהר פאר שטייט? ערסטען טהוט טאקע זעהר וויא, און צווייטען קען מען פארשפארען צו זאגען ווידוי. — און טויגען טויג ניט דעראיבער: ער האט דאך מורא, איך זאל איהם ניט איבער געבען אין פאליצייא, ער האט אויף זיך פיל אונגאלאוונע דיעלעס — וועט ער גלייך ענטלויפען. אלזא הייסט עס, טאר איך זיך גאר פאר איהם ניט ווייזען.

— איז לכן געהסט איהר זיך גאר ניסט ניט אן? זאגט זימל מיט אזיפץ.

— ניין, עס איז דא איין עצה: עס זאל מיט מיר מיט פאהרען נאך אייגער.

— וועל איך דארפען יענעם געבען געלד בעזונדער?

— עס פארשטייט זיך. ווער וויל דאס נעהמען אויף זיך אטרחא אן געלד?

— אוי וויא איז מיר! וויא איז מיר! זאגט זימל מיט אביטערען זיפץ.

— פון מיינט וועגען קענט איהר זיך שיקען איין אנדערען, זאגט קארנאץ: איך זאג זיך ניט נאך דעם געשעפט. איהר פערשטייט? אום דעם יענקעצקען אויף צו זוכען דארף איך געהן נאך פרעגען "יגע אדרעססע ביא זיינע לובאוויצעס, מיט וועמען ער שרייבט זיך בריף, און מען דארף קענען צו זייא צו מאכען זיך, איהר פערשטייט? איך וואלט אייך מכבד זיין אט דעם כבוד ר' זימל, צו גיין האבען צו טאן מיט דיא מיידלעך... איך בין דאך עפעס אאיד!... שיקט אייך וועמען איהר ווילט, און מיך לאזט צו רוה.

— ניין ניין, ר' פייבוס, זאגט זימל: איהר מוזט דאס מיר טאן, איהר מוזט מיך ראטעווען.

— טא זאל מיט מיר מיט פאהרען נאך איינער, ווייסט איהר ווער? — זעליג בריל.

— זעליג בריל?

— יע יע, דווקא זעליג בריל אהרן שטיינפעלדס פראוולאיוסצע. איך רעכען, ער האט אויף איהם אויף דעם יענקעצקען אוויליאניע.

— וויא אזוי? וואס איז ער מיט איהם פאר אקנאפף?

— איך האב פון יענקעצקען געהערט עטליכע מאל, אז דיא עצה פון מקדש זיין האט איהם דאס געגעבין זעליג בריל, און ער איז זעליגען דאנקבאר דער פאר און פאר אטובה וואס ער האט איהם אמאל געטאן.

— א יע, איך האב זיך דער מאנט, זאגט זימל; ער האט טאקע יעמאלט אין יענער אונגליקליכע נאכט, בשעת ער האט זיך אראב געלאזין פון פענסטער דער מאנט זעליג בריל. אוי וויא! שלעכט, שלעכט! ער וועט נאר ניט וועללען מיר טאן אטובה, אדער ער וועט בעטען אסך געלד.

עס וועט אבער ווערט זיין, איהר פערשטייט? מיט איהם וועט יענקעצקע ריידען נאר אנדערש, און וועט זיך לאזען בייגען, ווארום ער אונוואזעט איהם, דאס ווייס איך דען זעליגס פאטער האט איהם אמאל געראטעוועט פון סאלדאטען. און דער פאר קען גביילינג זיין, אז ער וועט פון איהם אבדינגען געלד אויך, וועט ער דאך געוויס ווערט זיין.

— ווייסט איהר וואס, ר' פייבוס, זייט אזוא גוט רעדט איהר מיט איהם דורך וועגען דעם.

— זאלל גאמט אוים היטען! ... איך אוודאי ניט!... ער איז אויף אייך אש להבה פאר וואס איהר האט איהם יעמאלט ארוים געטריבען... אז איך זאל

דער כהן (ח"ג)

זאל איהם דאס גאר דער מאגען, וועט ער מיר פארחראקען דיא צורה.

— וואס זאל איך טאן? זאגט זימל מיט אביטערין זיפץ.

— בעט איין אנדערין וועמען עס איז; אדער גייט טאקע אליין צו איהם, בעט איהם איבער, וועט ער אייך מוחל זיין.

— איך זאל גיין צו דעם פארך, פאללען צו דיא פיס?... אוי רבונו של עולם!

— ניט פאר געסט, ר׳ זימל, אז אן איהם וועט זיך דער גאנצער גליק פון אייער טאכטער. ניט פאר געסט, אז היינט האט אייער טאכטער קיין אנדער נאמען ניט, וויא יענקעצקע הוהוס ווייב... אונ ווייטער קען ער אייך טאן אטובה אין אפאר טויזענד רובל אונ אפשר מעהר. פאלגט מיר, ר׳ זימל, לאזט אראב דעם קאזיריק אונ געהט אריבער צו איהם.

— איך ר׳ שמערעלע ריבצע שעפטעלעס אזון זאל געהן צו אזא לייאק, צוא אזא קאטליקאגיע בעטען זיך... גיין!... דאס וועט ניט זיין!

— אלזא קענט איהר אייער טאכטער חתונה מאכען אזוא. איך זאג זיך אב, אן זעליג בריל וועל איך גאר ניסט מאכען. אדער זוכט זיך אייך איין אנדערין, אונ מיך לאזט צו רוהע.

— וואס טהוא איך? וואס טהוא איך? האט גענומען זימל ברעכען דיא הענד אונ זיפצען.

— הערט, ר׳ זימל, איך בין אפערנומענער מענש; אונ איהר נעמט מיר צו מיין צייט; איך בעט אייך: לאזט מיך לויז.

— איך קען פון אייך ניט אב טרעטען, איהר מוזט מיך ראטעווען.

— טא גייט צו זעליג בריל, אונ אויב ניט לאזט מיך צו רוהע.

— אפשר וועט איהר אויך מיט געהן מיט מיר?

— אקיצור, איך וועל מיט געהען מיט אייך. אזעכציג יאהריגער איד וויל מען זאל אים גאנצענען.

פייבוס קארנאץ האט זיך אנגעצויגען דעם פאלטא אונ איז מיט זימלען ארויס געגאנגען. קארנאץ טראכט ביא זיך: דא וועט זיין אסצענע; איך גע׳ גאר מיט איהם צוא זעהען דיא סצענע; איך ליב צו זעהען, וויא מען האקט דיא פליגלען פון דיא אנגעבלאזענע העהנער.

זייא זיינען געקומען צו זעליג בריל. דיזער האט געוואוינט אויף דעם צווייטען עטאזש. זייא זיינען אריין אין פערעדנאיא, פון פערעדנאיא אין שטאלאווע, דא איז געזעסען ברילס פרויא. זימל פרעגט: ר׳ זעליג איז דער היים?

— ווער איז דארפען? האט זיך געלאזט הערין אשטימע פון אנייטיגע קאממער.

— ר׳ זימל דאבקין איז געקומען! ענטפערט דיא פרויא.

דער כהן (ה״ג)

זאג

— זאג איהם, ענטפערט ער הויך פון צימער: אז איך בין ניטא דערהיים... פאר ר' שמערעלע ריבצע שעפטעלעס זון בין איך דערהיים ניטא!

ביא זיכלען האבען זיך בענאסען דיא אויגען מיט טרערין פון שאנדע, דיא פיס האבען זיך איהם אונטער געהאקט, אז ער האט ניט געקענט איינשטיין.

— גייט אריין אין קאמער, זאגט איהם שטיל קארנאץ: בעט איהם איבער, גיסקאסע.

קארנאץ האט איהם אריין געשטופט ליזע אין קאמער, ער איז איהם נאך געגאנגען.

— ליבער, ר' זעליג, זאגט זימל שטייענדיג אין טיהר מיט אהייזריגע שטימע האלטענדיג דען קאפף אראפ געלאזען: האט רחמנות, באטעוועט מיין טאכטער!... זייט ניט קיין נוגם ונוטר.

— איך האב מיט אייך קיין געשעפטען ניט! זאגט בריל צוא איהם צוא גייענדיג מיט כעס: — א הערר קארנאץ! זאגט ער צוא קארנאצען, איהם רייכענדיג דיא האנד: וואס נוטס וועט איהר זאגען? זיטצט!

— איך בין דאס געקומען מיט ר' זימלען אייך בעטען, איהר זאלט מיר מיט העלפען ארויס קריגען אנט פון יענקעצקע הוהו. פון געלד איז קיינע רעדע.

זעליג בריל האט אפ גערופען קארנאצען אן אזייט אונ זאגט ליזע:

איך וועל אייך ניט לייקענען, עס קריינקט מיך זעהר, וואס איך האב אן געמאכט אזא אצרה. איך האב ניט גערעכינט, אז דער באנדיט זאל אי בעגנבענען אי בעטען פארין גט אזוא פיל געלט... עס יאמערט מיך זעהר זיין ארעמע לאהצע, וועלבע ליידעט נעבעך אונשולדיג. אלזא צוליב איהר בין איך נאטאוו צוא טאן אטובה אונ איך וועל אפשר אויספיהרען, — אבער איהם, פאר דיא אסקארבלעניע וואס ער האט מיר געטאן, מוז דאס אנקומען מיט נאל... ער מוז זיך בעטען ביא אהרן שטיינפעלד, ער זאל מיט איהם טאן דעם שידוך.

נאך דעם זאגט בריל הייך:

— איך מהוא פאר איהם גאר ניסט, ניט פאר קיין געלד אין דער וועלט! שטעלט זיך פאר: איך קום אריין צוא איהם אין שטוב, שלאג פאר אשידוך מיט מיין פרינציפאל מיט אהרן שטיינפעלד, דאס איז פאר איהם איין עהרע אונ אגליק, — אונ ער, דער פוסטער מיוחס, טרייבט מיר ארויס פון זיין שטוב אונ פאר וועמען אין דיא אויגען? פאר יאזעף זילבערשטיין! איהר פארשטייט? עס האט אין מיר געפלאטצט דיא גאל פון בזיונות. איך האב זיך בעשלאסען מיט איהם אפ צוא רעכענען זיך, אונ

האב זיך אבגערעכינט... גייט אייך ר׳ זימל, געזונטערהייט, אונ דאנקט גאט, וואס איך בעהאנדעל אייך ניט, אזוא וויא איהר מיר.

— איך בעט אייך, זאגט קארנאץ, האט רחמנות אויף זיין טאכטער; זיא איז דאך נעבעך גאר ניסט שולדיג.

— לאז זיא מאנען בייא איהר טאטען דעם מיוחס, אונ איך וועל ניסט טאן וואס אהאר איז ווערט. איך קען אפילו טאן: יענקעצקע וועט מיר ניט אפ זאגען, וואס איך וועל איהם בעטען; דאס בין איך זיכער. דען מיין פאטער האט איהם געטאן אמאל אגרויסע טובה, אונ ער איז מיר זעהר דאנקבאר דער פאר, ער וועט פאר מיר געהן אין פייער אונ אין וואסער, דאס וויים איך... אבער איך וועל פאר ר׳ זימלען גאר ניסט טאן!

— האט רחמנות, האט ווידער אנגעהייבען זימל מיט אוויינענדע שטימע.

— איהר זאלט מיר ניט דורען דיא קאפף אונ גייט זיך אייך! איהר הערט?... אז איך וואלט ניט אוועאזען אייער טאטען דעם משוגעגעם ר׳ שמערעלע ריבצע שעפטעלעס, וועלכער האט תמיד געמאכט אגעבעק מצה, ווייל אקריסטין איז געזעסען אויף דיא האליץ, אונ וועלכער האט געמאכט אקצב פאר אין ארומאן דער פאר, וואס בייא דעם אינגעל, וואס האט געטראגען דיא פלייש, האט מען געפונען אפסלע צצה, — אז איך וואלט איהם ניט אוועאזען, וואלט איך אייך געוויזען דיא טיהר!... אונ גייט!... איהר זאלט מיר ניט אריין בריינגען אין כעס.

זימל איז ארוים געגאנגען פון שטוב מיט טרערין אויף דיא אויגען אונ מיט אפערקלעמטע הארץ. ער האט זיך אראפ געלאזען אויף דיא טרעפ זיך עטוואס צוא ערהאלען. ער האט פארשטעלט דיא אויגען מיט דיא הענד אונ האט געחליפעט.

אין צעהען מינוט ארום איז ארוים געגאנגען קארנאץ.

— שטייט אויף, ר׳ זימל, זאגט ער צוא איהם; נעהמט זיך אזוא ניט דעם לעבען: עס איז נאך ניט אלעם פערלארין, עס איז דא אמיטעל.

— וואס פאר אמיטיל? זאגט זימל, זיך שטעלענדיג אונ האט גענומען געהן מיט איהם אראפ דיא טרעפ.

— אז אהרן שטיינפעלד, זיין פרינציפאל, וועט איהם הייסען, וועט ער פאלגען.

— אהרן שטיינפעלד, זאגט איהר? דארף איך דאך, הייסט עס, בעטען אהרן שטיינפעלד.

— יע יע! אודאי איהם בעטען!

— ער וועט מיך אויך אזוא אויפנעהמען אט וויא דער פארך.

— פאר וואס?

דער כהן (ח״ג)

גוויילע

— ווילע איך האב ניט געוועלט טאן מיט איהם קיין שידוך.

— טא טהוט יע מיט איהם א שידוך. איהר שיקט צוא איהם א שדכן? איהר פערשטייט?

— איך, ר' שמערעלעס אזון, זאל טאן מיט ארקע שטיינפעלד?

— נוא אויב איהר ווילט ניט מיט שטיינפעלדען, טא לאז בלייבען שידוך מיט יענקעצקע הוהו.

וויא איך זעה האט דיזע געשיכטע נאך ניט ארויס געשלאגען פון אייער קאפף אייער שגעון, און אייער שכרות פון יחוס האט זיך נאך ביא אייך ניט אויס געוועבט. אגוטען טאג ר' זימל, אן זעליג בריל פאהר איך ניט. קארנאץ איז פון איהם אוועק געגאנגען.

8.

דיא ליבע האט געפייערט איהרען בונד.

זימל דאבקין איז געקומען אהיים זעהר טרויעריג, איז אריין אין זיין קאבינעט, האט זיך צוא געלייגט אויף זיין קושעטקע און זאגט מיט א ביטערען זיפץ: נוא האב איך דאס צרות אויף דער עלטער! עס איז אריין געגאנגען שרה זיין ווייב און פרעגט: וואס הערט זיך? ווען וועט פאהרען קארנאץ נאך אגט?

— ער וועט ניט פאהרען. ער וויל אן זעלקע בריל דעם פארך ניט פאהרען.

— נוא טא בעט זעליגען, ער זאל מיט פאהרען. איז נאך אפינף און צוואנציגער, וואס זאל מען טאן?

— גיב איהם פינף הונדערט וועט ער אויך ניט פאהרען.

— פאר וואס? פינף הונדערט רובל איז א שיינע מטבע פאר איהם; ער איז דאך ניט קיין נגיד.

—ער איז אויף מיר אש להבה פאר יענע מעשה, דוא געדיינקסט?

—אי, וואס דוא האסט איהם ארויס געטריבען!

—און זאלסט וויסען, ער האט דאס גענומען נקמה אן מיר און האט אנגעלערינט דעם זוליק ער זאל כיר אונגליקליך מאכען. ער, ער איז מיין גזלן.

—ניין, זאגט שרה מיט כעס; דוא ביזט דיין גזלן! דוא ביזט אונזער לאינקעס גזלן! להיי וואלסטו געטאן דעם שידוך מיט אהרן שטיינפעלד; להיי וואלסטו איהם האטס ניט ארויס געטריבען.

—וואס זאל איך וויסען, אז ער איז אזא ניפטיגע שלאנג. איך האב

געריבינם: אזא פערביל וואס קען ער מיר טאן? ערשט היינטיגען טאג טרעט ער מיר מיט די פיס. ער קען מיר נאך היינט אויך העלפען.

—טא לויף צוא איהם, גזלן, שרייט שרה; וואס האסטו זיך דא אוועק געלייגט, אקוראט ווי די קאפף וואלט געוועז גאר רוהיג: לויף, פאל איהם צוא די פיס און בעט זיך...

—איך בין שוין געוועז שרה, זאגט ער מיט אזיפץ; נאר... ער האט מיר פשוט ארויס געטריבען... מיך ר׳ שמערעלעס אזון האט אזא יונג ארויס געטריבען!...

—ער האט דיר גאנץ ערליך בעצאהלט, זאגט זיא: דיר קומט אלעס; אבער לאינקע מיין פייגעלע, וואס איז זיא געבעך שולדיג? וואס דארף זיא געבעך אפקומען פאר איהר טאטען דעם פערד?

—פייבוס קארגאץ האט מיר אפילו געגעבען איין עצה.

—טהוא וואס ער זאגט, גזלן, טהוא כאטשע אונזער לאינקען:

—וויא עס קען צו זאמען קומען הימעל מיט ערד, אזוי קען דאס זיין: ער זאגט, אז אהרן שטיינפעלד וועט הייסען זעליגען, וועט ער איהם פאלגען און לאינקע וועט זיין אנגעראטעוועטע און עס וועט נאך קאסטען ווייניג געלד אויך.

—נו, טא גייא בעט אהרן שטיינפעלד.

—דוא ביזט גאר אנאר!... אזעלכע נארען וויא די ווייבער זיינען איז אגרויל! דוא האסט פארגעסען, אז איבער די זעלביגע זאך, וואס בריל איז אויף מיר אין כעס, איז שטיינפעלד אויך אביסעל ברוגז.

—שא, ווייסט דוא וואס, זימל, שיק אשדכן צו שטיינפעלדען... די קינדער ליבען זיך שייא ווישייא... און עס קען זיין ער וועט וועלען דעם שידוך.

—צו וועט ער וועלען דעם שידוך!... אבער איך וועל ניט וועללען: ר׳ שמערעלע ריבצע שעפטעלעס איז מיט ארקע דעם שנארער קיין מחותן ניט!

—שטייטס! דוא ווילסט נאך היינט אויף דעם שידוך ניט!.. דוא האסט דאך שוין לאהצען צו געזאגט, בשעת זיא האט בייא דיר געבעטען.

—איך האב ניט צו געזאגט און וועל דעם שידוך ניט טאן, און גענוג צו ריידען וועגען דעם!

—גזלן! רצחן! האט זיא גענומען שרייען: דוא הרגעסט אוועק אונזער קינד!... דוא האסט דאך שוין אלליין געזאגט, אז אן ברילען וועט מען מיט יענקעצקען ניסט מאכען אט בלייבט זיא דאך היינט איין עגונה...
אוי וויא איז מיר, ווייא איז מיר! מיין לאינקע איין עגונה!... היינט וואס פאר איין נאמען זיא האט אין שטאדט, געבעך!... זיא איז דאך

דער כהן (ח״ג)

נעכטען

נעכטען געקומען אנגעהאלעסטע פון גאס: אינגלעך זיינען נאך איהר נאך
געלאפען און האבען געשריען ; אט איז יענקעצקעס הוהוס ווייב . ווייבער
האבען איהר גערופען הולטייקע פאר וואס זיא גייט מיט אייגענע האאר...
דא איז אריין אין שטוב פאלענדיג איך האב איהר קוים אפ
געמינטערט .

—אבער וויא קען איך אנטאן אזעלכע בזיונות מיין טאטען ?

—שרעק זיך ניט , דיין טאטע וועט ניט רויט ווערין אין קבר פון בזיונות... עס האט זיך נאך ניט געטראפען אז אמת זאל רויט ווערין , אלטער נאר !

—אי... בהמה !... איך מיין דאך אויף יענעם עולם . שטעלל זיך פאר , אז עס וועט קומען זיין זיידע צו מיין טאטען , און....

—שווייג שוין שווייג ! אלטער נאר ! איינס פון דיא ביידע : אדער דוא זאלסט שוין שיקען אשדכן צו אהרן שטיינפעלד , אדער נעהם אמעסער און דער קאנצע שוין מיט דיין טאכטער ; וואס זאל זיא זיך מוטשען געבעך אויף דער וועלט ?

זימל איז געבליבען זיטצען שטילל . ער האט איהר אוואָרט ניט געענטפערט . זיא איז ארויס געגאנגען און האט אריבער געשיקט נאך שמעיה צפה זלאטעס דעם שדכן . זיא איז אריין געגאנגען צוריק אין זיין קאבינעט און זאגט : באלד וועט קומען דער שדכן , און דוא זאלסט איהם גלייך שיקען צו שטיינפעלדען , און זאלסט מיט איהם ניט מאכען דיינע משוגענע תנועות , דוא הערסט ? און לאז שוין זיין אמאל אסוף צו אונזערע צרות . זימל האט געשוויגען . אין אפערטיל שעה ארום איז אריין געגאנגען שמעיה צפה זלאטעס .

—אויף וואס דארפט איהר מיך ? פרעגט ער : וועגען אשידוך מסתמא ניט , ווארום אייער זון איז דאך שוין אחתן , און אייער טאכטער איז דאך שוין אוויבעל....

—שווייגט שווייגט ! זאגט שרה : אשדכן זאל זיין אנאר איז גאר בזיונות . איך האב אייך גערופען איהר זאלט גיין ריידען אשידוך מיין טאכטער , איהר פארשטייט ?

—אייער טאכטער ? איך פארשטייא ניט : זיא איז דאך שוין א....

—פרעגט קיין קשיות ניט , זאגט זיא : גייט אריבער צו אהרן שטיינפעלד און לייגט פאר דעם שידוך מיט זיין זון מרקוסען .

—אבער ע ע ע !...

—ער האט איהר שוין גגט און גענוג אייך שוין צו וואונדערין זיך .

—א א ! שיידען אזוי . איז וויא פיל נדן גיט איהר ?

—פינף טויזענד רובל , און געהט שוין .

—פינף טויזענד רובל , זאגט איבער זימל ; און פינף טויזענד קאפיקעס

ה[illegible] זוליק האט דאך מיר בגנבט 3000 רובל און איצטער דארפען איהם [illegible] געבען 6000, אט בלייב איך שוין בייא נאר גיכט.

—װעסטו איהם אװעק געבען דעם מױער, װאס מיר האבען.
—און מיר זאללען געהן איבער דיא הייזער?
—מיר װעלען נאך קענען לעבען פון אונזער קראם ניסקאסע. גייט ר׳ שמעיה און װאס גיכער.
—װאס שװייגט איהר, ר׳ זימל, איהר הייסט געהן?

—עס איז אפילו על אפי ועל חמתי דער שידוך, זאגט זימל; נאר װאס זאל איך טאן? איך האב קיין ברירה ניט. געהאט.

ר׳ שמעיה איז ארויס געגאנגען. שרה איז אריין אין צימער צו לאהצען און האט איהר אנגעזאגט דיא פרייליכע בשורה, אז דער טאטע האט שוין אװעק געשיקט אשדכן צו שטיינפעלדען און דורך איהם איז אהאפפנונג זיא זאל נצול װערין פון דעם זוליק, דען ער װעט בעטען זעליג בריל, און דורך זעליגען קען דיא זאך געמאכט װערין גיך און גוט און מיט חעניג געלד. װיא לאהצע האט דער הערט דיא גוטע בשורה, איז זיא ארויף געפאללען דער מוטער אפען האלז, האט איהר געקושט און געװיינט פאר פריידע. זיא האט געװארט מיט געשפאנטער אונגעדולד דעם קומען פון שדכן צו הערין דעם רעזולטאט. זיא האט מעהר געהאפט אויף גוט; דען זיא האט געװאוסט, אז אהרן שטיינפעלד װילל זעהר טאן דעם שידוך מיט איהר פאטער, הײנט אז דער פאטער אלליין שיקט צו איהם אשדכן, װעט ער אננעהמען מיטביידע הענד, ובפרט נאך אז מרקוס װעט זיין דער בייא, איז קיין ספק ניט, אז דער שדכן װעט באלד קומען מיט אגוטע בשורה און מען װעט באלד פייערין זייער פערלאבונג. זיא האט אזוי אב געװארט אגאנצען טאג, און ר׳ שמעיה איז נאך אימער ניט געקומען. זיא האט שוין אנגעהייבען אונרוהיג צו װערין און האט שוין געװעלט אריבער געהן צו פאלינע האנף און דארטען זעהען זיך מיט מרקוסען. זיא האט דאך ניט געקענט אװעק געהן. זיא האט נאך געלוישט יעדען שקריפ מיט דער טיהר, האט זיך אלס געזאגט: אט געהט ער! קיין מאל איז דער שמעיה ניט געװען אזוי טייער אין איהרע אויגען װיא דיזען טאג. ער דארף דאך מיר ברייגען דיא גליקליכע בשורה פאן װעלכער עס איז אבהענגיג מיין גאנצעס לעבען; ער דארף דאס ארויס זאגען דיא װארטער: „אהרן שטיינפעלד איז מרוצה, ער פרעגט: װען זאל ער קומען מאכען אקנין" אבער ער קומט נאך אימער ניט!.. װאס קען דאס בעדייטען? פיללייכט האט ער איהם ניט געטראפען צו הויזע. דיא אונגעדולד האט איהר אזוי געקוילעט, אז זיא האט זיך קיין ארט ניט געפונען.

דער כהן (ח״ב)

אין דיזער געשפאנטען ערוואַרטונג איז איהר פאראיבער געגאנגען דער טאג אונ דיא נאכט, וועלכע זיא האט גיט אנגעפאנגען צו שלאפען פאר פערצווייפלונג. זיא האט שוין ביא זיך בעשלאסען, אז דעם מארגענס זאל זיא זיך זעהען מיט מארקוסען וואס פריער אום צו וויסען וואס דא טהוט זיך.

אין דער פריה וויא זיא איז אויפגעשטאנען אונ האט זיך אנגעקליידעט, האט זיא דער זעהען דורך דען פענסטער: שמעיה גייט. עס האט איהר גענומען קלאפען אין הארצען ער האט אבער אויס געזעהען זעהר מיריש אונ פערדריסליך. א גאטט! זאגט זיא: ווער ווייסט וואס פאר אבשורה ער ברייננט איצטער!

זיא איז צו געלאפען צום פאטערס צימער הערן אונטערן וואנד, וואס פאר איין ענטפער האט ער איהם דא געבראכט. איידער ער איז אריין, הערט זיא וויא דער פאטער גייט ארום איבערען צימער אונ רעדט צו זיך: ר' שמערעלע ריבצע שעפטעלעס זאל מאן אשידוך מיט איין ארקען אבראדיאגע שומו שמים!... מען דארף דאך קורע זיין!

עס איז אריין געגאנגען שמעיה ציפע זלאטעס אונ האט אנגעהייבען מיט אגעשרייא:

— איך פאר שטייא גאר ניט, ר' זימל, וואס האט איהר צו מיר וואס האט איהר מיר געדארפט שופך דמים זיין!

— וואס איז! וואס איז! שרייט זימל.

— איהר פרעגט נאך: וואס איז! איהר ווייסט, אז עס איז ניט קיין גלייכער שידוך וואס האט איהר מיר געדארפט שיקען? איהר האט ניט געהאט פון וועמען צו לאכען?

— איך ווייס אוודאי, אז עס איז ניט קיין גלייכער שידוך; נאר אז איך בין שוין מרוצה.

— איהר זייט מרוצה, אדאנק אייך; וויא איז אבער אז ער איז ניט מרוצה? ער איז אויף מיר ארוף געפאללען מיט אגעשרייא: וויא שטייא איך זיך אונטער צו ריידען איהם אזא שידוך?

— וויא? דער פארך, ער וויל נאך ניט?

— אוודאי וויל ער ניט. ער זאגט: וויא קומט זימל צו מיר? ווער איז ער דאס אזעלכער? פאר זיין טאטענס יחוס גיב א ך ניט אשמעק טאבאק.

— פאר מיין טאטעס יחוס! גיט אגעשרייא מל מיט אהייזעריגע שטימע: מיין טאטע! אי אי אי מיין טאטע בעטרעפט ביא איהם ניט!... מיין טאטע, ר' שמערעלע ריבצע שעפטעלעס!...

— יע יע! ער זאגט אייער טאטע מיט זיין מקוה מיט זיינע שמורה אונ אייער ש"ך מיט דעם ת"ח מיט דעם תרבך – איז ביא איהם ניט ווערט אציבעלע.

אי אי

דער כהן (ח"ג)

— אי אי אי אי! האט זימל גענומען שרייען און האלטען זיך פארין קאפף: עס איז קורע צו זיין.

— ער האט געזאגט היינט אן ווייטער שמעיה, אז פון אנפאנג האט ער מסכים געווען וויא עס איז צום שידוך, ווייל עס זיין זון מארקוס האט זיך צו איהם צו געשטעלט, און ר' זימל דאבקין הערט זיך פאר איין ערהליכען מאן, האט ער געוועלט טאן היינט עס צו ליב אייך ניט צו ליב אייער יחוס, און היינטיגען טאג וויל ער גאר ניט הערען און ניט זעהען.

— שא, וואס איז היינט? פרעגט זימל.

— איהר פרעגט נאך? זאגט שמעיה: עס איז עפעס א כבוד, אז מען האט איין עדים יענקעצקע הוהו? עס איז א כבוד, אז מען האט אזא מאן? אין גאנץ שטאדט רופט מען אייער טאכטער ניט מיט קיין אנדער נאמען, וויא יענקעצקעס הוהוס ווייב... מילא איך האב געהאט אפינקסטערען שמיני עצרת, אז איך וועל דאס צייט לעבען געדיינקען ער האט מיר געוואשען כאחד הריקים: שטייטם! וויא שטייא איך זיך אונטער צו ריידען אזא שידוך! ער האט מיר געגעבען, אז מיר איז פינסטער און ביטער געווארען: איך האב קוים געטראפען דיא טהיר.

עס איז אריין געגאנגען שרה און זימל האט איהר דער צייל׳ט אז אהרן שטיינפעלד וויל נאך ניט.

— איך האב פריער גערעכענט, אז ער וועט ניט וועלען זאגט זיא: נאטירליך אז דוא האסט איהם פריער פאבראקירט, אט ברעקעלט ער זיך איצטער. דער זון איז געוועזן דער ביא? פרעגט זיא שמעיהן.

— דער זון איז ניט געוועזן דער ביא.

— ניסקאסע, זאגט שרה, עס איז נאך ניט אללעס פערלארען. איהר, ר' שמעיה, עסט זיך ניט אב דיא הארץ, איהר וועט האבען אייערע שדכנות. דוא זימל, זאלסט ניט שלאפען. דוא זאלסט שוין אריבער גיין צו לעאן זילבערשטיין און צו פיינמאן, ער ווייס גאנץ גוט אונזער וויטאג, און דוא זאלסט זייא בעטען רחמים, זייא זאלען זיך אריין לייגען אין דעם אינטערעס און זאלען אוים פיהרען דעם שידוך, דען אן דעם ווענדעט זיך דאס לעבען און דאס גליק פון אונזער טאכטער. איך וועל דער ווייל אריבער שיקען נאך מארקוסען און איך וועל זיך מיט איהם עצות האלטען, וויא אזוי ער זאל דייסטעווען. און איך האפפע צו גאט אז מיר וועלען אוים פיהרען. ניט פאר געם אז לעאנען האט שטיינפעלד צו פערדאנקען זיין גאנצען לעבען אז לעאן וועט איהם זאגען איין ווארט, איז שוין גוט.

דיא עצה איז געוועזן זעהר גוט. וויא דער אלטער זימל איז געקומען צו לעאנען און האט פאר איהם גענומען וויינען, איז ער געווארען זעהר גערירט, ער האט איהם געזאגט: איך האב אויך א טאכטער, איך ווייס דיא

געפיהלע פון אפאטער הארץ צו אקינד , איך וויים אייער וויטאג . אמת איהר זייט געוועזען אומגערעכט געגען אהרנען , נאר איך וועל שוין זעהען איהר זאלט ווערען גוט פריינד אונ שידוך מוז בלייבען צווישען אייך שידוך . איהר פאסט זיך גאנץ גוט , דעסטא מעהר , אז דיא קינדער ליבען זיך . איך וויים וואס ליבע איז .

קורץ זייא האבען אללע געארבייט אין דעם אינטערעס : לעאן אפארט , פיינמאן אפארט אונ מארקום אלס זון אפארט ; אונ האבען אוים געפיהרט ; אהרן שטיינפעלד האט נאכגעגעבען , ער איז מרוצה געווארען אויף דעם שידוך אבער מיט זייער שווערע אוסלאוויעס פאר זימלען דאס הייסט נדן דארף ער געבען ניט 5000 , נאר 8000 , אונ שטיינפעלד איז ניט אביאזאן צו געבען אקאפייקע ; ווערט ער וועללען געבען אלס פראזענט , איז גוט ; פערפפליכטעט איז ער גאר ניסט .

אין פינף טעג ארום האט מען געמאכט אקנין , אונ מען האט פעסט געזעטצט , אז גלייך וויא זייא וועלען בעקומען אנט פון יענקעצקען , זאלען זייא פייערען דיא פערלאבונג (דיא תנאים) פון מארקוסען מיט לאהצען . אויף דעם קנין ווער לעאן זילבערשטיין , יצחק פיינמאן , אויך פייבוס קארנאין אונ זעליג בריל . דיזער האט שוין פערשפראכען שטיינפעלדען , אז ער וועט מיט פאהרען מיט קארנאצען ארויס קריגען אנט פון דעם יענקעצקען . ער האט אבגערופען מרקוסען אן אזייט אונ זאגט : איהר האט מיר ביטטערע פאר־ווירפע געמאכט , וואס איך האב אויפגעטאן אזא שקאנדאל , — איך האב זיך אויך ביטערע פארווירפע געמאכט , וואס עס האט זיך אזוי אוים געלאזען , דען איך האב אויף אזוי פיל ניט גערעכענט , אונ היינט זעהט , וויא עס האט געפיהרט צו איהר ציל : איך האב אנגעפאנגען צו זאממען צו פיהרען דעם שידוך אונ האב צו זאממען געפיהרט . עס ווארען אפילו צו שטרענגע מיטטעלן ; אבער אז קיינע אנדערע האבען ניט געקענט ווירקען , זא מוז מען דיזע אננעהמען פארגוט . דאס ווערט אנגערופען באמבארדירט אבער גענומען .

— איך וועל אייך ניט לייקענען , זאגט מארקום , אז דער מחותן זימל איז ווערט געוועזען דיא אללע קלעפ אום דאמיט ארויס צו שלאגען פון איהם דעם רויש פון יחוס אונ זיין שטאלץ ; אבער דער ווייל האבען אבער זייטיגע געליטען , איך , דיא מחותנתטע אונ מינע לאהצע , פאר איהר וועל איך אייך ניט פערצייהען .

— וואס זאל מען טאן ליבער מארקום ? אז מען מאכט ארעפאראציאן מען שניידט אוים אוואונדע , מוז מען פערצעפען געזונדעס פלייש אויך . נאר איך האף איהר וועט מיך פערצייהען : איהר וועט געניסען אזיסעס לעבען מיט אייער מינען , אונ דאס וועט איהר דאך מיר האבען צו פערדאנקען .

— זאגט מיר , ליבער בריל , זייט איהר זיכער , אז איהר וועט מיט דעם גליק דורך מאכען ?

איך

דער כהן (ח״ג)

—איך האפּפע; זיכער בין איך ניט; ער איז דאך יענקעצקע הוהו. און וואס איך האב געזאגט מיט אזא פעסטיגקייט, אז איך וועל דורך זעטצען, דאס האב איך דאך געדארפט בעווייזען זימלען, אז אין מיין האנד ליגט דיא גאנצע פּרוזיגע, זא מוז ער אנקומען צוא מיין לאסקע; בדאדורך האב איך זיך מיט איהם אפּגערעכענט פאר מיין אסקארבלעניע, וואס איך האב געהאט ביי איהם, — און ערסט האב איך איהם געגעבען צוא פערשטיין, אז אהנע דיא פערמיטלונג פון העררין שטיינפעלד וועט ניסט זיין; און אום צוא בעקומען זיינע פערמיטלונג, מוז ער איהם פאלען צוא דיא פיס און בעטען ביי איהם, עס זאל זיין שידוך.

—און מיין פאטער האט אויך זיין ראלע גוט געשפּילט, זאגט מרקוס: ער האט זעהער געוועלט דעם שידוך, ערסטען ווייל דער דאבקין רעכענט זיך יע פון דיא שיינע מענשען אין שטאדט; האטש ער האלט ניט פון זיין שגעון און פון זיין פוסטען שטאלץ, אבער דאך איז דאס ארעכטער שידוך; צווייטען איז דא עפעס איינע אורזאכע דער צוא, וואס ער וויל דעם שידוך, און דריטען האט ער געוועלט צוליב מיר; דען איך האב איהם געזאגט, אז איך ליב זיין טאכטער און איך קען אן איהר ניט לעבען. נאר פון דעסטוועגען האט ער געשפּילט דיא ראלע, וויא ער וויל דורך אוים דעם שידוך ניט, אום איהם זאל דאס אנקומען מיט גאל.

— קורץ יעדער האט געווירקט אין דער מאכינאציאן נאך זיינער ארט. איצטער שטעהט נאך פאהר איין שטיקעל ארבייט און דיא שווערסטע: פון דעם יענקעצקען לויז צוא ווערין.

אויף מארגען נאך דעם קנין איז קארנאטץ מיט ברילען אוועק געפאהרען אויפזוכען יענקעצקע הוהו און בריינגען פון איהם אגט. קארנאץ האט גענומען הונדערט רובל און צווייא הונדערט דארף ער קריגען, אז ער וועט בריינגען דעם גט: בריל האט גענומען צווייא הונדערט רובל, און פיר הונדערט האט ער צוא בעקומען פון זימלען נאך דעם גט. ווייטער האט ער מיט גענומען פיר טויזענד רובל צוא געבען יענקעצקען, און וואס ער וועט אפּדינגען קריגט ער דער פון אדריטעל. וואס ער נעהמט מעהר פאר קארנאצען דאס רעכענט זיך שדכנות געלד, ווייל ער האט דאך פון אנפאנג פארגעלייגט דעם שידוך.

ביי זימלען אין שטוב איז שוין געווארען אורה ושמחה. זייא זיינען געוועזען רעכט זיכער, אז בריל וועט געווים בריינגען אגט; אלזא איז שוין דאס גליק אויפגעבויט. זימלען האט אפילו גוט געביסען דיא עטליכע רובל, נאר ער האט געהאפט, אז אהרן שטיינפעלד, זיין מחותן, חאטש ער האט זיך ניט מתחיב געווען, פון דעסטוועגען וועט ער קיין גראבער מענש ניט זיין און וועט געבען נדן, און דער מיט וועט זיך עטוואס פאקרייזאיען דער שאדען פון דינע געלד.

דער כהן (ח״ג) פּרקים

מרקום קען שוין איצטער פריא אריין געהן צוא זיין כלה, און זייא דארפען שוין מעהר ניט האבען קיינע פערמיטלונג פון פאלינע האנד: לאהצע איז שוין געווארען פריילך און מונטער; האט שוין גענומען זינגען און שפילען וויא אמאל, ווען דער פאטער וואר ניט צוא הויזע. ווען מרקום פלעגט אויך זיין, פלעגען זייא צוזאמען זינגען און שפילען און זיך קושען.

9.

זיך פערליבט אין דיא גובערנאטערקע.

אין צווייא טעג ארום האט זימל געהאט אקליינע געפריאטנאסט, דעם מאל ניט פון לאהצען, נאר פון מוישלען. עס איז דעם מארגענס אוהר עלף, זימל געהט ארום איבערין זאל גלעט זיך דיא בארד וויא פערגניגט. ער איז שוין געקומען צוא זיך פון אלע זיינע זארגען און חלאפאטען וואס ער האט געהאט, עס געהט שוין אלעס אויף אלאד. ער האט זיך שוין איבערלעגט, אז דער שידוך מיט שטיינפעלדען איז גאר אפיינער שידוך ער איז ארייכער מאן און איין אנגענומענער אין שטאדט; זיין זון מרקום איז אקלוגער אלמדן אגעבילדעטער און דער צוא ליבט ער אזוא זיין טאכטער, וועט זיא דאך האבען פאר איהם אגליקליכען לעבען, וואס דארף מען מעהר? צום מחותן, צוא גמליאל גרינשטאק האב איך שוין אוועק געשיקט אבריף אז איך האב געטאן אשידוך מיט מיין לאהצען מיט אפיינעם מאן מיט אהרן שטיינפעלד, וועלכער איז אגלאסנער אין דומע; ער וועט קוועלען דער פון, און ער וועט מיר שוין מעהר ניט מוטשען מיט זיינע בריף. איך האף איך וועל חתונה מאכען ביידע קינדער אין איין טאג, און לאם איך האבען נחת פאר אלע מיינע צרות וואס איך האב געהאט.

עס האט זיך געעפינט דיא טיהר, עס איז אריין דער פאצטיליאן, זימל געהט איהם ענטגעגען, נעהמט פון איהם צוא אבריף, ער גיט אקוק: דער שטעמפעל איז פון מחותן, פון ר' גמליאל גרינשטאק. וואס קען דא זיין? זאגט ער: עפעס אצוא דיקער בריף. ער צערייסט דעם קאנווערט, שלעפט ארויס אבויגען פאפיר.

— וואס איז דאס! גיט ער אגעשרייא אין שרעקען: הא, דיא תנאים!... ער שיקט מיר אפ דיא תנאים... וואס איז דאס פאר אצרה!

דאס געזיכט האט זיך ביי איהם געביטען אין אלערלייא קאלירען, איז געווארען רויט און בלאס, עס האבען איהם גענומען ציטערין דיא הענד. ער שלעפט ארויס נאך אצעטעלע, איינע ווערטער. ער לעזט אזוי:

דער כהן (ח"ג)   כבוד

„כבוד הרבני הנגיד המופלג ומפורסם שלשלת היוחסין, סיני ועוקר הרים בה"ה הרב ר' זימל נרו יאיר לעד!

— ער שרייבט מיר גאר ניט מחותן, אך רבונו של עולם! וואס איז דא פאר איין אונגליק? ער לעזט ווייטער: „ר' זימל, איך בין געקומען אייך „מודיע צוא זיין, אז איך האב דערנאנגען, אז אייער זון, דער געוועזענער „חתן פון מיין טאכטער, שפילט אליבע מיט אגובערנאנטקע. אזוא איין „איידים, פארשטייט איהר אליין, לוינט פאר מיר ניט. לכן שיק איך אייך „אב אייערע תנאים, אונ מיר בלייבען גוטע פריינד פון ווייטען, מנאי ידידו „דו"ש גמליאל גרינשטאק.

— א רבוש"ע! האט זימל גענומען שרייען אונ זיך רייסען דיא האר פון קאפף: אב געלאזען דעם שידוך!... אזא טייערין שידוך!... אזא יחוס! אוי וויא, אוי וויא איז מיר!... וואס צרות וואס חלאפאטען איך האב געהאט, איידער דער שידוך איז געווארען... נאך אזא שידוך וועל איך ניט קריגען!... פאר וואס איז דאס? — ווייל ער שפילט אליבע מיט אגובערנאטערקע מיין מוישקע האט זיך פערליבט אין אגובערנאטערקע!.. איך וועל ניט אויס האלטען!..

זימל האט גענומען געהן האסטיג איבערין צימער; עס האט זיך געבראכען דיא דילע אונטער איהם; ער שטעלט זיך אב, חאפט זיך פארין קאפף: מיין מוישקע פיהרט ליבעס... אונ מיט וועמען?... מיט אפריצטע!... א טאטע טאטע, אז דוא וואלסט דאס הערין פון קבר וואלסטו נאך אמאל אין דער ערד אריין. אוי אוי אוי! וויא איז מיר מיין מוישקע פירט ליבעס!.. נאר עס קען ניט זיין!.. ווא האט ער געקענט חאפען דיא גובערנאטערקע? ווא האט ער געקענט מיט איהר בעקאנט ווערין?... נאר גמליאל וועט קיין ליגען ניט זאגען!.. אז ער זאגט איז דאס הודאת אמת. בשעת ער איז געוועזען דארטען צו גאסט, קען זיין גייענדיג שפאצירען אפען בולוואר, האט זיא איהם בעגעגנעט... אשיינער יונג איז ער אין שווארצע יאהרען... זיא האבען גענומען ריידען אונ זיא זיינען בעקאנט געווארען... ער האט געמוזט מיינען זיא איז גלאט אפריצטע ניט דיא גובערנאטערקע, אט שרייבט ער זיך מיט איהר בריף אונ שפילט מיט איהר אליבע יע, עס קען זיין, עס קען גרייליך זיין!... אוי וויא אוי וויא! וואס פאר איין אונגליק דאס איז אויף מיין קאפף! אונ וויא וועט זיין אז דער גובערנאטער וועט זיך דער וויסען? מיט וואס שמעק איך? מיט וואס שמעקט ער, דער יונג? מיט וואס שמעקען כלל ישראל? אקליינינקייט אגובערנאטער! ער איז דאך בעקאנט מיט אוועלט גרויסע לייט!.. א וואס אונגליקען, וואס אונגליקען עס פאללען אויף מיין גראע קאפף! מוישקע! מוישקע! האט ער גענומען שרייען מיט אריסענדער שטימע: מוישקע! אהער גיה!

עס איז אריין געגאנגען מוישל זעהר צו טראגען . ער האט פער־שטאנען פון דעם רוף , אז דא וועט ניט גוט געבען ; ער האט פאר דעם פאטער מורא געהאט . וויא ער איז אריין , גייט איהם זימל ענטגעגען זעהר האסטיג , דער לאנגט איהם צווייא פעטש , אז דיא שויבען האבען גענומען טרעסקען ; דען דער זימל איז געוועזען געזונד אונ שטארק . דער קאפף האט זיך בייא מוישלען פארדרייט אויף אזייט .

—נא דיר ! שרייט זימל , פאר פיהרען ליבעם , אונ נא דיר , וואס מען האט אבגעלאזען דעם שידוך !

וויא דיא צווייא פעטש האבען מוישלען פארגלושעט , האבען איהם דיא פאר ווארטער מעהר צו טומילט : וואס רעדט ער דא ! טראכט ער בייא זיך .

—דוא הולטייא ! דוא ארצענער יונג ! האט אנגעהייבען וויעדער זימל : דוא וועקסט מיר פיהרען ליבעם !.. דוא וועסט מיר פערשווארצען דיא אויגען !.. איך דארף זיך דאך בעגראבען פון בזיונות !... מען האט דאך מיר אבגעשיקט דיא תנאים !

—טאטע ! וואס רעדסט דוא ?

—שווייג , בן סורר ומורה ! וואו זאל איך זיך היינט אהין טאן פון בזיונות ?.. ביז היינט בין איך געוועזען דער גרעסטער מענש , דער גרויסער מיוחס , אונ היינט וואס בין איך ? אפאסקודנער ווערמיל , אללע וועללען מיר טרעטען מיט דיא פיס , אונ איבער וועמען ? איבער דיר , דוא ארצענער יונג , דוא הולטייא !

— טאטע ! אבער איך וויים פון קיין זאך ניט !

— דוא ווייסט פון קיין זאך ניט , הא ! אללע גנבים זאגען אזוא... הא , דער מחותן וועט שרייבען ליגען ? ניין , ר׳ גמליאל , איז איין עהרליכע איד... ; וואס ער רעדט וואס ער שרייבט איז היילג . אך דוא הולטייא ! לחיי וואלטען דיר דיא שדים צו גענומען אין דיין קינפעט איידער איך האב דיך אויפגעהאדעוועט אזא הולטייא , אזא יונגאץ , וואס זאל מיר פערשווארצען דיא אויגען !... אונזער יחוס ציהט זיך אוועק אויף טויזענד דורות ביז גמליאל בן פדהצור , — אונ דוא איינער ביזט געקומען אונ האסט אלעמען פערשווארצט דיא אויגען . אזא יונג פירט ליבעם !... איז גאר געהערט געווארען אין אונזער משפחה ליבעם מיט נאך טרייפענע מעשיות אזעלכע... אונ נאך מיט וועמען ? מיט אקריסטין... מיט דיא גובערנאטערקע !... טרייפענער ביין ! מעהר וויא דאס פעהלט דיר ניט ?... מיט דעם גובערנאטערס ווייב שפילען אליבע ! הא ?...

— וואסער גובערנאטערקע , טאטע ? וואס רעדסטו ?

— שווייג ! שלאג מיר ניט איבער ! אונ וואס וועט זיין , אז דער גובערנאטער וועט זיך דער וויסען הא ? איך פרעג בייא דיר : וואס וועט

זיין, אז דער גובערנאטער וועט זיך דער וויסען? מיט וואס שמעקסטו יעמאלט? מיט וואס שמעק איך? מיט וואס שמעקט אונזער גאנצע משפחה? דוא יונגאץ איינער!

— אבער, טאטע, איך וויים ניט פון וואס צו זאגען! ערקלער מיר דאך וואס דא איז.

— נא לייען! אונ קלייב נחת! דוא האסט שוין קיין כלה ניט!... אונ איך וועל מיט דיר מעהר קיין שידוך ניט טאן!... דען אנידריגער שידוך פאסט פאר מיר ניט, אונ א רעכטער שידוך איז שוין היינט ניטא... אויסער דעם שידוך איז ניטא קיין רעכטע שידוכים. אונ ווער וועט דאס איצטער וועלען טאן מיט מיר? ווער וויל האבען איין איידים אהולטייא? דוא וועסט שטארבען אבחור!... גאר אזא יונג, עס ארט איהם זעהר ווייניג מיידלעך איז פראנען אויף דער וועלט!

מוישל האט דער ווילע איבער געלייענט דעם מחותנם צעטעלע, ווערלעכעס, וויא מיר ווייסען, וואר אידיש געשריבען ניט העבראיש אונ דאס האט ער גיקענט דורך קריכען.

— וואס זאגסטו, טאטע, גובערנאטערקע?

— שא, וואס דען? אדרבה גיב דוא מיר בעסער צוא פערשטיין, דיא קאץ ווייס וואס זיא האט גענאשט; נוא לאם איך שוין הערן.

— דא אין בריוועלע שטייט גאר ניט גובערנאטערקע.

— שא וואס דען?

— דא שטייט גוווערנאנטע.

— הא הא הא! איך לאך. אזאך אונ וויא איז מיין געלעכטער... מיין טייטש!... ער ערקלערט מיר אויף טייטש! וואס איז דיא נפקא מינא גובערנאטערקע אדער וויא דוא זאגסט גוווערנאנטקע? אז מען רופט דיך מוישקע אונ אנדערע רופען דיך משקע, ביזטו ניט דער זעלביגער יונגאץ, וואס פאר שווארצט דעם טאטען דיא אויגען.

— דא איז אבער ניט גלייך.

— וואס איז ניט גלייך? פויער! צו אז דא שטייט מיט אוואו, איז זיא שוין ניט דעם גובערנאטארס ווייב? אונ דוא וועסט ניט פארשווארצט ווערען?

— אגוווערנאנטקע איז ניט דעם גובערנאטערס ווייב, דאס איז גאר אהויזלעהרעקע.

— אלעהרעקע, זאגסטו? וואס נאך וועסטו מיר איינריידען? מיין גרויסער קענער! מיין טייטשקענער! איך וועל זיך אויף דיר אסך פאר לאזען.

— פרעג ביא וועמען דוא ווילסט.

דער כהן (ח"ג)

גשווים

— געוויס וועל איך פרעגען. אז אך און ווייא איז מיר, וואס דוא האסט ניט געוואלט לערנען איך מוז אלס פרעגען בייא אנדערע, אויף דיר קען איך זיך ניט פערלאזען. פריער האב איך זיך געטרייסט; אז דוא וועסט ניט קענען, וועסטו ניט זיין קיין אפיקורס, היינט האט זיך אויס געלאזען ביזטו אפראסטער הולטייא... מילא אז ניט אנובערנאטערקע... און אז אלעהרערקע איז שוין גוט? שפילען ליבעס מיט פריצטעס איז שוין גוט?

— איך ווייס פון קיין זאך ניט, טאטע; איך שווער דיר בייא מיינע אידישקייט.

— אויף דיינע אידישקייט קען מען זיך אסך פערלאזען, יונגאץ איינער! וויא קענסטו זיך לייקענען? וויא האט מען דאס פארשטאכענע אויגען? אז אט איז דעם מחותנס בריף און אט איז דיא תנאים, וואס ער האט אב געשיקט. דאס שטעכט דאך אויס דיא אויגען.

— דא מוז זיין א בילבול, טאטע.

— אבלבול! ר׳ גמליאל גרינשטאק וועט מאכען אויף דיר בלבולים.

— איך מיין, שונאים האבען זיך דא אריין געמישט.

— שווייג שוין שווייג, ארצענער יונג!... שא אט איז יוסף. אט ער וועט אונז גאר ערקלערין וואס דא איז.

עס איז ווירקליך אריין געגאנגען יאזעף זילבערשטיין, דער געהען צו איז ניט געוועזען א בריף דען עס איז שוין באלד אוואך וויא ער ווארט מיט דער גרעסטען אונגעדולד דיא אנקונפט פון יענעם פריילין, וועלכע ער ליבט אזוא שטערבליך. ליידער איז זיא נאך ניט געקומען און ער האט פון איהר אויך קיינע נאכריכט.

— דוא זעהסט, וואס פאר איין אונגליק מיר האט געטראפען, זאגט זימל איהם ווייזענדיג דעם בריף. יאזעף גיט א קוק, גיט זיך אחאפ פארין קאפף און א געשרייא: איי! זימל האט געמיינט, אז אויס מיט לייד צו איהם האט ער אזא געשרייא געטאן. יאזעף האט אבער א געשרייא געטאן, ווייל ער האט פון דעם בריף דער זעהען, אז זיין אינטרינגע איז ארויס אפען טאג. טויזענדע געדאנקען האבען זיך גענומען הויפען בייא איהם אין קאפף: צוא ליידעם זיא ניט דאדורך? וויא אזוא האבען זייא דאס ערפאהרען? פיללייכט האט זיא זייא אליין געזאגט. וואו איז זיא יעטצט? איז זיא ארויס געפאהרען? אדער זיא איז געבליבען דארטען, ווייל זיא קען ניט ארויס פאהרען. וויא דער געהט מען דאס אללעס?

זימל האט איהם געלאזען זיך בעטראכטען, דען ער האט געמיינט אז איהם איז דאס אויך אנגעגריפען שטארק זיין אונגליק. נאכהער זאגט ער:

— וואס זאגסטו, יוסף, צו מיין אונגליק?

— עס איז ניט אזוי שטראסנע, שרעקט זיך ניט, ר׳ זימל.

— שטייטס ניט שטראסנע! ער האט דאך מיר אבגעשיקט דיא תנאים!

דער כהן (ד״ג) איד

— אִיךְ נֶעהם זִיךְ אָן דָאס צו הֶעלְפֶֿען, זַייט רוּהִיג.

— וִויא אַזוֹי ? שְׁטַייטְס...

— וִויא אַזוֹי וַויים אִיךְ נִיט. אָבֶער אִיךְ וֶועל אַייךְ הֶעלְפֶֿען. דָאס אִיז קְלָאר וִויא טָאג.

— שְׁטַייטְס, עֶר שְׁרַייבְּט דָאךְ, אַז מוֹישקע הָאט זִיךְ פַֿארְלִיבְּט אִין דִיא נוֹבֶּערְנַאטֶערְקֶע.

— אִין דִיא נוֹבֶּערְנַאטֶערְקֶע זָאגְט אִיהר הַה הַה הַ! אַייעֶר מוֹישֶׁל הָאט זִיךְ אַיינְגֶעלִיבְּט אִין דִיא נוֹבֶּערְנַאטֶערְקֶע הַה הַה הַ! אִיךְ פַֿאלל פֿון גֶעלֶעכְטֶער.

— וִויא הֵייסְט עֶס, אֶט שְׁטֵייט נוֹבֶּערְנַאטֶערְקֶע.

— דָאס מַאכְט גוּוֶערְנַאנְטְקֶע ר׳ זימל.

— וָואס אִיז דִיא נַפְֿקָא מִינָּע ?

— אַגוּוֶערְנַאנְטְקֶע אִיז אַהוֹיז לֶעהְרֶערְן... בַּייא זַייא אִין הוֹיז אִיז וַואהְרְשַׁיינְלִיךְ דָא אַפְּרַיילִין אַלֶעהְרֶערִין, אוּנ צוּ אִיהר הָאט מֶען דָאס גֶעשְׁרִיבֶּען בְּרִיף וַואהְרְשַׁיינְלִיךְ...

— אוּנ מַיין מוֹישקע הָאט זִיךְ דָאס מִיט אִיהר גֶעלִיפֶּעט, דֶער אַרְצָענֶער יוּנְג.

— אַייעֶר מוֹישֶׁל גֶעוּוִיס נִיט. דָאס קֶען אִיךְ אַייךְ שְׁוֶוערֶען.

— טָא וָואס דֶען אִיז דָא פַֿאר אַמַעֲשֶׂה ? נָאט מַיין גָאט.

— אִיךְ וֶועל אַייךְ שׁוֹין זָאגֶען אוֹיף קְלָאר, ר׳ זימל; זַייט נָאר גֶעדוּלְדִיג.

— וֶוען ? וִויא אַזוֹי וֶועסְטוּ דָאס דֶער וִויסֶען ?

— עֶס מוּז דוֹיעֶרְן אֵייניגֶע טֶעג, אָדֶער פִֿילְלַייכְט אֵיין טָאג. אוּנ אִיךְ וֶועל אַייךְ שׁוֹין זָאגֶען אַקוּרַאט וָואס דָא אִיז פַֿאר אַנֶעשִׁיכְטֶע. אוּנ אַייעֶר מוֹישֶׁל אִיז גָאר נִיט שׁוּלְדִיג, דָאס הֵייסְט אִין דֶעם אִינְטֶערֶעס. דָאס אִיז בַּייא מִיר קְלָאר וִויא טָאג.

— אָבֶער וָואס זָאל זַיין מִיט דֶעם שִׁידוּךְ ?

— אִיךְ לֵייג אַייךְ מַיין קָאפְּף: שִׁידוּךְ וֶועט בְּלַייבֶּען שִׁידוּךְ. אִיהר וֶועט זֶעהֶען וָואס יאזעף זילבערשטיין קֶען.

— וָואס זָאל אִיךְ אִיצְטֶער טָאן ?

— דֶער וַוייל גָאר נִיסְט. נָאר זַייט רוּהִיג, פֶֿערְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מִיר אַגוּטֶען טָאג.

מִיט דִיא וֶוערְטֶער אִיז עֶר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען.

אַנְדֶערְס נִיט, דֶער יוספקע אִיז אַמְכַשֵּׁף. עֶפֶּעס זַיינֶע רֵייד, זַיין פַֿאר זִיכֶערְן אוּנ זַיין הַאלְטֶען בְּסוֹד אִיז אַלְּס וִויא אַמְכַשֵּׁף. אַקִיצוּר, לָאז זַיין מִיט כִּשׁוּף, נָאר הֶעלְפֶֿען זָאל עֶר מִיר.

10

הנאהבים והנעימים.

יאזעף איז ארויס געגאנגען פון זימל דאבקין ענטציקט און בעוועגט צו זאמען. דאס איז קלאר, רעדט ער צו זיך, אז דארטען ווייס מען פון דער אינטריגע; נאר וויא אזוי זייא האבען זיך דער וואוסט — דאס וואלט איך גערן וויסען. דאס ווייס איך איצטער, אז זיא איז געוועזען בייא זייא איין גוווערנאנטע, — היינט אז דארטען איז בעוואוסט, אז זיא האט געשפילט אליבע מיט דעם חתן, וויא גמליאל שרייבט, קען זיא דאך דארטען שוין מעהר ניט זיין; פאלגליך איז זיא ארויס געפאהרען, און געפאהרען איז זיא געווים אהער אין עדענפורט. אלזא האט זיא דאך שוין דא געדארפט זיין אדער זיא וועט היינט זיין, היינט וואו זעה איך איהר? וואו געפין איך איהר? אויב זיא פאהרט אהער לויט מיין בריף, האט זיא מיר געדארפט שרייבען אבריף אדער לייגען אטעלעגראממע; און אויב איך זאל דאס ניט האבען פון איהר היינט אדער מארגען, זא אכטעט זיא ניט אויף מיינע בריפע, און אללע מיינע האפפנונג זינד צערטרימערט. א שרעקליך איז דיזער געדאנקען. איך מוז שוין לויפען צו מיין פריינד ביינש גאלדשטיין, זיך ערקונדיגען צו איז ניטא פאר מיר אבריף צו אטעלעגראממע.

ער האט גענומען איין איזוואסציק און האט געהייסען פאהרען וואס ראשער. ער איז געקומען צוא גאלדשטיין, האט ער איהם ניט געטראפען צוא הויזע. ער האט געפרעגט צוא אי דא ניט געוועזען אבריף פון פאצט אדער אטעלעגראמע, האט מען איהם גיענטפערט דא וואר היטע קיינע. פאלער פערצווייפלונג איז ער אוועק אהיים, ער געפינט דארטען ביינש גאלדשטיין, וועלכער ווארט אויף איהם. דיזער האט איהם דערלאנגט אקארטע, אויף וועלכער וואר געדרוקט פון איינער זייט: „רבעקקא זילבער-בלאטט" און אויף דער אנדערער זייט אנגעשריבען: „לאזירט אין גאסטהויז ווארשא № 4".

— וואו האבען זיא דיזע קארטע בעקאמען? פרעגט יאזעף מיט האסט.

— אאינגעל פון גאסטהויז האט דאס מיר געבראכט. און איך ווייס דאך וויא וויכטיג דיזע נאכריכט איז, אט האב איך עס אליין געבראכט.

אגרויסען דאנק, ליבער גאלדשטיין, זאגט יאזעף איהם בייכענדיג דיא האנד: ענטשולדיגען זיא מיר, איך מוז שוין פאהרען אהין. מיט דיא רייד איז ער האסטיג ארויס פון דיא טרעפ, האט אבשיד גענומען

דער כהן (ח״ג)

גענומען פון גאלדשטיין, האט גענומען איין איזוואסציק אונ איז אוועק געפארען.

אין נאסטיניצע ווארשא פאר צוויא שטונדען צוריק איז אנגעפאהרען דאס פריילין רעבעקקע זילבערבלאטט. דער לעזער וועט געוויס ערראטהען אז איהר ווירקליכער פאמיליענאמען ווער ניט זילבערבלאטט, נאר זילבערשטיין. דען, וויא מיר ווייסען, אז יאזעף האט אין איהר בילד ערקענט דאס זעלבע פריילין, וועלכע איז מיט איהם צוזאמען געפאהרען, ווייסען מיר דאך שוין אויך וואס איהרע אממע חוה האט איהר ערצאהלט, ווען זיא איז דעם ערסטען מאל דורכגעפאהרען ערענפורט. אלזא איז דיזעס פריילין דיא ווירקליכע טאכטער לעאן זילבערשטיינס; אונ יענע, וועלכע קארנאין האט איהם געפונען, ווער איינע פרעמדע. יאזעף האט דאס ניט געקענט וויסען. ער ווייס נאר, אז ער איז אין איהר דאפעלט פערליבט: פריער האט איהם איהרע שאנהייט אונ גראציע גערייצט, נאכהער איהרע מאראלישע אייגענשאפטען, וועלכע ער האט ערקענט אין איהרע בריפע. היינט ווייסען מיר, אז לעאנס ווירקליכע טאכטער איז דאס געווען דיא גוווערנאנטע בייא גמליאל גרינשטאק בייא זומלם מחותן, אונ זיא האט דאס געשריבען דיא בריפע צוא מוישל דאבקין אנשטאט זיין כלה. אז יאזעף האט זיך אין איהר פערליבט אונ האט פעסט בעשלאסען איהר צוא הייראטהען, ווייסען מיר שוין. יעטצט וואלען וויר זעהען, וויא האט זיא זיך אטנאשעוועט צוא זיינע בריף. דאס ווייסען מיר, אז דיא בריפע, וואס זייא האבען זיך געשריבען איינאנדער מיט דיא הענד פון חתן אונ כלה, האבען זיך פאלקאמען הארמאנירט (געשטימט), אונ וויא ער ווער פון איהר שרייבען ענטציקען, אוים וועלכעם ער האט איהרע צארטליכע געפיהלע אונ איהרע קענטניסע קענען געלערינט, — אזוא ווער זיא ניכט מינדער ענטציקט פון זיינע קענטניסען אונד עדלען כאראקטער, וועלכע האבען זיך אין זיינע בריפע געצייכנעט. זיא האט זיך אויך געזאגט: אזא מאן מיט זעלכען אייגענשאפטען קען איינע פרויא גליקליך מאכען. אבער ווער איז ער? אויב ער איז אריכער מאן וויל ער דאך געוויס געלד, אלזא בין איך פאר איהם קיינע פארטיע. נאר גיכער איז צוא גלויבען, אז ער איז ניט רייך, דען ער שרייבט דאך בריפע פאר דעם חתן, איז דאך ווארשיינליך שרייבען זיינע פראפעסיאן אונ וואו ניט רייך, קען יע מאגליך זיין איינע פארטיע אוים ליעבע. ער האט זאגאר זיך אויסגעדריקט אין זיינע בריפע, אז ער זוכט קיין געלד, — אבער דאס איז דאך מעהר ניט וויא געזאגט, וויא עס וועט קומען צוא וואס וועט ער בעטען געלד, אונ דיא אלע זיסע רייד וועלען אוועק געהן מיט רויך.

דער כהן (ח״ג)

מיט אזעלכע געדאנקען איז זיא אומגעגאנגען. זיא האט זעהר געווינשט, אז פון דיזער קאמעדיע זאל ארויס וואכסען פאר איהר איינע פארטיע: ערכטען ווייל זיא האט קיינע אויפזיכט געהאט אויף איינע אנדערע פארטיע, ווייל זיא האט קיין געלד ניט; אונ צווייטען האט זיא געזעהען אין דעם מענשען איינע וויכטיגע פערזאן, וואס קען איהר גליקליך מאכען. נאר זיא האט ניט פעסט געגלויבט אין זיינע רייד; דאך האט זיא געזאגט: לאז געהן וויא עס געהט, פילייכט וועט עס דאך פיהרען צו איינעם ציל.

ביי גמליאל גרינשטאק, וואו זיא איז געוועזען אלס גוווערנאנטע פאר דיא קינדער, האט זיא געהאט זעהר פיל אונאנגענעהמליכקייט; מען האט איהר דארט גראב בעהאנדעלט; איבער הויפט דינה, דיא כלה, האט אויף איהר פעראכטליך געקוקט, דיזע וואר זעהר אויפגעבלאזען אונ האט נאר ניט פער־שטאנען, וואס פאר אשאנדע דאס איז, אז איין אנדערער זאל שרייבען בריפע פאר איהר צום חתן. זיא פלעגט איהר ניט בעטען אנשרייבען פאר איהר אצערטליכע, זיא פלעגט איהר הייסען. אונ דאס האט רבעקקען זעהר אויפגעבראכט, זיא האט ביי זיך בעשלאסען זיך מיט איהר דאפיר צורעכען (נקמה צו נעהמען). היינט אז עס האט זיך געמאכט דער צופאלל, אז זיא האט זיך געקענט צו זאממען ריידען מיט דעם יונגען, וואס שרייבט פאר דעם חתן, האט זיא זיך דאריבער זעהר געפרייט, אז זיא קען שפילען אראלע אין דיזער קאמעדיע, דורך וועלכע זיא וועט קענען איהרע ראכע אויספיהרען. זיא האט זיך לאנגער געוועלט ענטזאגען פון זייער הויז, נאר זיא האט געווארט איינע גינסטיגע געלעגענהייט. יעטצט, וויא עס איז אנגעקומען יאזעפס בריף, אז ער ווינשט זיך דורך אוים מיט איהר צוזעהען אונ אז זייער גאנצעס גליק איז דאפאן אבהאנגיג, האט זיא געזאגט: יעטצט דארף מען אראב לאזען דעם זאנאוויעס, אוים קאמעדיע! אונ מען דארף זעהען דעם רעזולטאט פון אונזער גאנצען בריפוועכסעל. זיא האט דעם זעלבען טאג געבעטען באסצאט: זיא דארף אוועק פאהרען. זיא האט ערקלערט, אז זיא האט אחתן אין עדענפורט אונ זיא האט איהם געמוזט פערשפרעכען, אז ווען ער וועט איהר צו שיקען דעם רינג, זאל זיא גלייך קומען צו פאהרען.

דינה, דיא כלה, האט געזעהען, אז זיא וועט אוועק פאהרען, איז ניא ווער עס זאל איהר בריף שרייבען, האט זיא איהר ניט געלאזען בעטען, וויא עס געהערט צו זיין ביי אזא פאלל, — נאר זיא איז ארויף געפאללען אויף איהר מיט געשרייא אונ מיט זידלעריא אונ האט נאכטאיזוועט, אז דער פאטער זאל איהר ניט בעצאהלען וואס איהר קומט, שיידען זיא זאל זיין ביי זיא ביז דער חתונה.

—נו, זאגט רעבעקקא, אז איהר זייט אזעלכע מענשען, פאהר איך דווקא אוועק אונ איך וועל אין אזא הויז ניט זיין. איך באטה אייך איה

ואלט

דער כהן (ח״ג)

זאלט דעם לעטצטען בריף דעם חתנס געבען לעזען איינעם, וועלכער קען דייטש.

זיא איז גלייך אוועק געפאהרען. און גמליאל גרינשטאק האט ווירקליך געגעבען מוישלם בריף איבער לעזען אדייטשען. דא האט ער זיך דער וואוסט, אז מוישל שרייבט ניט צו זיין טאכטער דינהען, נאר צו דער גוווערנאנטע. אט האט ער אבגעשיקט דיא תנאים זימל דאבקין, און וואס דא האט פאססירט ווייסען מיר שוין.

וויא רעבעקקא איז אנגעפאהרען אין עדענפורט איז זיא אריין געפאהרען אין נאסטינניצא ווארשאווא, האט אבגענומען דעם № 4, האט זיך ארום געוואשען פון וועג, האט זיך אנגעצויגען איין אנדער קלייד, האט עטוואס געפריהשטיקט און האט אוועק געשיקט איהרע קארטע אויף דיא אדרעססע, וועלכע זיא ווייס צו ביינש גאלדשטיין. זיא האט גערעכינט, אז דיזער גאלדשטיין איז דאס דער, וואס האט געשריבען דען בריף. נו, זאגט זיא, יעטצט איז דיא צייט, וואו איך וועל מיך קענען איבערצייגען אין דיא שטאנדהאפטיגקייט פון מאנגליכען באראקטער. עס קען מאגליך זיין, אז פון יעטצטיגען באנדעוואו (דאס זעהען זיך) זאל זיך צווישען אונז שליסען איינע פארטיע; עס קען אבער מאגליכער זיין, אז וויא ער וועט ערפאהרען, אז איך האב קיין געלד, וועט ער זיך רוקען צוריק. וועט ער אבער יע איינ־ווילליגען אן געלד, וועלען מיר גלייך אונזער פארטיע שליסען, ער קען זאנאר זיין האסליך (מיאוס) אדער איין קריפעל (אקאליקע): אפריילין אן געלד דארף ניט זוכען קיינע שאנהייט אין אמאנספערזאן; זיא דארף נור זוכען איינען עדעלען באראקטער אום זיא זאל ניט אונגליקליך זיין אין איהר לעבען.

זיא איז געזעסען ביים פענסטער און האט געקוקט דרויסען אויף דיא גאסס, וואו מענשען לויפען און שטויסען זיך הין און הער יעדער צו זיין געשאפט, אויף דיא איזוואסציקעס און עקיפאזען, וואס שוועבען פארביי הין און הער. זיא זעהט עס איז אנגעפאהרען איין איזוואסציק געגען דיזעם הויז, עס האט אבגעשטייגען איינער מאן עלעגאנט געקליידט רייצענד שאן.

— הא! האט זיא אויס געשריען אטראט געבענדיג צוריק: וועמען זעה איך, דאס איז דאך יענער יונגער מאן, מיט וועלכען איך בין געפאהרען דעם ערסטען מאל אין איין וואגאן.... וועלכער האט געמאכט אויף מיך אזוי איין איינדרוק מיט זיין רייצענדע פיזיאגנאמיע, מיט זיין מילדען בליק און איבער הויפט מיט זיינע זיסע רייד ווען ער האט דאן דיספוטירט מיט איינעם העררן גרינבוים. פלוצלונג האט זיך אונזער געשפרעך איבער געריססען, איך האב דאן געמוזט אבשטייגען פון וואגאן, און ליידער בין איך געבליבען אונגעוואוסט זיין נאמען איהם יעמאלס ערקענערן צוקענען.

א נאט! וואו נעהם איך איהן נאך איין מאל צו זעהען און מיט איהם צו שפרעכען!

מען האט אנגעקלאפפט לייזע אין טיהר.

— ביטטע! זאגט זיא.

עס עפינט זיך דיא טיהר, עס געהט אריין יאזעף זילבערשטיין וועלכער איז ערסט אנגעפאהרען אויף דעם איזוואסציק. עס האט אין איהר אשוועב נעטאן דיזער געדאנקען: נאט האט ערהערט מיין געבעט; נאר פיללייכט קאמט ער אהער אויס איררטהום (דורך אטעות) ער פרעגט געוויס איינעם אנדערין.

— איך האבע דיא עהרע, מיך איהנען פארצושטעללען, זאגט יאזעף זיך האפפליך אגייג געבענדיג: איך בין דער, וועלכער פיר מאזעס דאבקין בריפע געשריבען האט.

— זיא האבען פיר דאבקין דיא בריפע אן זיינע ברויט געשריבען! זאגט זיא העכסט פערוואונדערט: א נאטט, וואס פיר איינע זעלטענע עראייגניס!

— איך האטטע אויך דאס גליק, מאדעמאאזעל, איינסט מיט איהנען אין איינעם וואגאנע צו פאהרען און מיט איהנען איין געשפרעך צו פיהרען, וועלכעס אין מיר איינען גראססען איינדרוק געמאכט האט. ליידער ווארען זיא דאן פלאטצליך פערשוואונדען אונד מיר איזט נור דיא איינציגע עראיננערונג אן זיא, מאדעמאאזעל, געבליבען; אבער דיזע עראיננערונג האט מיך גיא אויף איינע סעקונדע פערלאססען.

— זייא זאגען מיינע געדאנקען, מיין הערר.

— וויא? זייא עראיננערן זיך אויך, מאדעמאאזעל?

— וויא קאנטע מאן א חרע ווארטען פערגעססען, מיין הערר? זייא האטטען זא עדעל, זא מענשענפריינדליך פיר דיא ארמען מאדכען געשפראכען; זיא האטטען זיא זא גראס מוטהיג געגען דיא ראהע אונד גראבע זיטטע דער מאנס פערזאנען געשיטצט, דאסס איך העכסט ענטציקט וואר, איהרע מילדען ווארטע האבען זיך טיעף אין מיינעם הערצען איינגעפראגט. ליידער וואר אונזער געשפרעך צו קורץ אונד...

— איך מוס עס איהנען אפען זאגען, מאדעמאאזעל: איך האטטע דאן פאן איהרער מוטטער געהערט, דאס זיא אין עדענפורט זיין ווערדען, זא נאהם איך מיר דיא פרייהייט זיא אויף דעם וואגזאל ביי יעדעם צוג אויפ-צו ווארטען אום איהרען ווערטהען נאמען אויך איהרע אדרעססע פון איהנען צו ערפאהרען, — ליידער ווארען אללע מיינע ערווארטונגען ערפאלגלאז געבליבען. איך וואר אין פערצווייפלונג.

— אונד יעטצט האט אונס איינע זעלטזאמע עראייגניס ווידער צוזאממען געפיהרט, זאגט זיא מיט אשמייכעל.

—וויר האבען ביידע אונבעקאננטער ווייזע דיא ראלען אלס געליבטער אונד געליבטע אין איינער קאמעדיע געשפילט, אונד איך וואגע צו האפען, דאסס דיזע פערמיינטע ליעבע זיך אין איינע ווירקליכע ליבע פערוואנדעלט האט.

—זיא מיינען? זאגט זיא צווייפעלהאפט.

—איך מיינער זייטס ליבע זיא איניגסט, מאדעמאאזעל, זאגט ער איהר געהמענדיג פאר איהר האנד איך ליבע זיא, מיינע טהייערע, מיט דער גראססטען גלוט יוגענדליכער ליבע... איך ביטטע, איך פלעהע זיא: מאכען זיא מיך גליקליך אונד טהיילען זיא מיט מיר אללע פריידען אונד ליידען דעס לעבענס.

—איך בין איין ארמעס מאדכען, זאגט זיא מיט אהייזערער שטיממע: איך האבע קיינע נדן. זיא זינד געוויס לעהרער אדער אדוואקאט; מיט איהרעם טאלענט קענען זיא וואהל טויזענד אדער צווייא טויזענד רובל געהמען. וואצו זאללען זיא זא פיל געלד פערלירען?

—איך בין וועדער לעהרער נאך אדוואקאט, זאגט ער: מאן גיבט מיר ניכט צווייא טויזענד רובל, מען גיבט מיר צוואנציג אונד דרייסיג טויזענד רובל, דאך וויל איך זיא, מאדעמאאזעל.

—וויא? פרעגט זיא מיט אווואנדער: מאן גיבט איהנען דרייסיג טויזענד רובל נדן?

—יא, ווארום דען ניכט, ווען איך זעכציג טויזענד רובל אין באנק האבע? איך בין איינער דער רייכסטען אין דער שטאדט.

—ביטטע, מיין פריינד, לאסען זיא מיך צו רוהע אונד שפאטטען זיא ניכט מיינער.

—א זיא בעליידיגען מיך, מאדעמאאזעל, ווען זיא פאן מיר זאלכער מיינונג זינד... איך ליבע זיא... איך ליבע זיא הערצליך... איניגסט... שטערבליך...

—איך קאנן איהרע פרויא ניכט זיין... ווען זיא נור ניכט רייך וואָרען, מיין פריינד, העטטע איך מיך גליקליך געשאטצט איהרע פרויא צו זיין... איך האבע יא געהאפפט, דאסס אויס אונזערער בעקאננטשאפט אונזער עוויגער בונד ענטשטעהע, — ליידער האט זיך יעטצט דיזע האפפנונג צערטרימטערט, איך קאנן איהרע פרויא ניכט זיין...

—א, מאדעמאאזעל! זאגט ער מיט טרערן אויף דיא אויגען: זיא ליבען מיך ניכט.

—איך ליבע זיא שטערבליך, מיין העררר, זאגט זיא מיט פייכטע אויגען פון טרערן: מיין הערץ איזט מיר טיעף פערוואונדעט, וואס מיינע האפפנונג צו ניכטס געפידרט האט; אבער איינע גראססע היגדערניססע שטעהט מיר אויף דעם וועגע: איהר רייכטהום.

דער כהן (ח"ג)

ווייא

—וויא קומט עס מאדעמאאזעל, דאס זיא דען רייכטהום זא פערהאססען? דאס זיא איהן זא פירכטען? איך מיינטע, אומגעקעהרט, ער זאללטע זיא מעהר געררייצט האבען, דא ער אים שטאנדע איזט אללעס פערגניגען אים לעבען צו פערשאפפען.

—ניכט דיא מאגליכקייט אללעס פערגניגען אים לעבען צו געניסען איזט פיר מיך איין רייץ; איך וויל איין פאללקאממען גליקליכעס לעבען, אונ ניכט דאס פערגניגען גיבט גליק.

—איך געשטעהע איך, מאדעמאאזעל, דאס ניכט אים פערגניגענס לעבען בעשטעהט דאס גליק; אבער וואראוים שליססען זיא דאס פערגניגען אונד גליק ניכט ביי זאממען וואהנען קעננע?

—דאס האב איך ניכט געזאגט. איך זאגע נור, דאס דיא פערשידענהייט אונזערער שטאנדע קאנן קיינען בונד צווישען אונס צו לאססען.

—ווארום? ערקלארען זיא זיך דאך.

—איך וויל גלויבען, מיין פריינד, דאסס יעטצט אים גלוט איהרער ליבע זעהען זיא ניכט דען אבגרונד, דער צווישען אונס ליגט; אבער דיא צייט מוס דיזע גלוט אויס לאשען, עס בלייבט נור איינע קאלטע ליבע אדער איינע בלאססע אכטונג, דאנן ווערדען זיך איהרע אויגען אפפנען, אונד זיא ווערדען זעהען, דאסס זיא, דער רייכסטע אין דער שטאדט, האט איין ארמעס מאדכען צור פרויא גענאממען, אונד אים לעבען ווערדען געוויסס מאנכערלייא אומשטאנדע קאממען, דורך וועלכע זיא ווערדען זיך גענאטהיגט פינדען מיך דאראן צו עראיננערן... א ניין, מיין פריינד, איך קאנן איהרע פרויא ניכט זיין.

—זינד זיא דען ווירקליך פאן איינער זאלכען נידריגען פאמיליע, דאסס זיא זיך זא פירכטען?

—איך בין, אומגעקערט, פאן איינער גראסען אונד פארנעהמען פאמיליע; נור איך מוז שווייגען: איך דארף ניכט זאגען, ווער מיינע עלטערן זינד... מיינען זיא ניכט, דאסס איך איין עהעלאזעס קינד בין, זאגט זיא מיט אביטערן ערנער: נאטט שיטצע: איך האטטע זעהר גוטע אונד פראממע עלטערן, אבער דאך איזט מיר אונערלויבט איהרען נאמען צו זאגען.

—איך ביטטע, איך פלעהע זיא, נוטעם פריילין, ענטזאגען זיא מיר ניכט. איך ליבע זיא זייט אונזערער ערסטען בעקאננטשאפט; מיינע ברעננענדע ליבע צו איהנען צערנאגט מיר מיין הערץ איך ווערדע עס ניכט אויס האלטען...

—דיא זעלבע ליבע ווירד מיך אויך פערצעהרען אבער... איך קאנן ניכט אונבעזאננען האנדעלן... איך קאנן איהרע פרויא ניכט זיין!...

—זיא זאגען ענטשידען? זאגט ער מיט וואוטה.

—ענטשידען! זאגט זיא לייזע.

דער כהן (ה"ג)

—זיא האָבען קיין הערץ... אַדיו. מָערדערין!

—וואָללען וויר גוטע פריינדע בלייבען, זאָגט זיא איהם רייכענדיג דיא האַנד... זאַגען זיא איהרען ווערטהען נאָמען.

—יאזעף זילבערשטיין, זאָגט ער.

—האַ! זאָגט זיא בעוועגט: זיא זינד פאָן דער פאַמיליע זילבערשטיין?

—איך בין לעאָן זילבערשטיינס אַברודער.

—איהר זייט ל אָן זילבערשטיינס אַברודער! אָ גאָטט! האָט זיא אויס געשריען, האָט פערשטעללט דיא אויגען אונ האָט גענומען חליפען.

עס וואַר איינע פויזע. יאזעף איז געשטאַנען פערוואונדערט. ער האָט ביי זיך געטראַכט: ווען לעאָן וואָלט ניט געהאַט געפונען זיינע טאָכטער, וואָלט ער געוויס גערעכנט, אַז דאָס איז זיא, נאָר יעטצט, אַז זיא איז ניט זיין טאָכטער וואָס האָט איהר אַזוי גערירט דער נאָמען זילבערשטיין. וואַהר־שיינליך מוז דאָ זיין איינע אַנדערע געשיכטע.

—זיא זינד יאזעף זילבערשטיין, זאָגט זיא אונד צוויא שטראָמען טרערן האָבען גענומען פליסען איבער איהרע וואַנגען: איך וויל זיין איהרע פרויא.

— אָ! וויא גליקליך בין איך! האָט ער אויס געשריען איהר האַסטיג אומאַרמענדיג, זיא האָט איהם אויך פעסט אומגעאַרמט. עס האָט זיך געלאָזט הערין אַלאַנגער הייסער קוס.

זיא זיינען געשטאַנען איניגע מינוטען אומגעשלונגען דיא אַרמען, מיט טרערין אויף דיא אויגען. דאָס וואַרען דיא זיסעסטע טרערין אים מענשענלעבען, טרערין דער וואָננע.

נאָך דער ערסטער איבעררַאשונג האָבען זייא זיך אַוועק געזעטצט אויפין דיוואַן אונ זיינען געזעסען געאַרמט.

— יעטצט, מיינע טהייערע, זאָגט יאזעף איהר ליבליך קוקענדיג אין דיא אויגען: ביטטע ערקלאָר מיר וואָס פאַר אַצוויבערוואָרט וואַר דער נאָמען זילבערשטיין, וועלכער האָט געמאַכט אויף דיר אַזוא אַיין איינדרוק אין וועלכער האָט דיינען ענטשלוס זאָ אויגענבליקליך געאָנדערט?

— הערר לעאָן זילבערשטיין האַט איינסט איינע גראָסע וואָהלטהאַט אונזערער פאַמיליע ערוויזען דיא זאַכע איזט אין געהיים; מיינע מוטער האַט מיר ניכט ערלויבט עס צוא ערצאָהלען, אונד איך ביטטע איהר ברודער זאָל דאַפאָן ניכט וויסען. מיט דער צייט ווערדען זיא אַלעס וויסען. אַלזאָ בין איך יעטצט גליקליך דאָס איך יעטצט אין זיינע פאַמיליע איינטרעטע.

ער איז ביי איהר געזעסען אַפּאָר שטונדען. זיא האָט איהם ערצאָהלט איהרע לעבענס געשיכטע, נאַטירליך זיא האָט פערהעהלען אַנדערע זאַכען, וועלכע מען האָט געדאַרפט. נאָכהער האָט זיא ערצאָהלט וויא זיא איז אַנגעקומען ביי נמליאל גרינשטאַק, וויא זיא האָט דאָרטען געלעבט, וויא

דינה דיא כלה האט איהר גראב בעהאנדעלט, וויא זיא איז ווערט געוועזען מען זאל מיט איהר שפּילען; דיזע קאמעדיע אונ זאל אבקומען פאר איהר גראבעס בענעהמען. נאכהער האט זיא איהם ערקלערט, אז זיא מוז פאהרען אהיים, חאטש זיא איז הייטע זעלבסטשטאנדיג, פון דעסטוועגען וויל זיא איהרע עלטערין געבען דיא עהרע אונ בעטען ביי זייא זייער צושטימונג. אונ נאכהער וועט זיא קומען מיט זייא אהער אונ זייא וועלען פייערין זייערע פערלאבונג (תנאים). יעטצט, זאגט זיא, האט זיא אבצושטאטען אוויזיט איינער פארנעהמען פערזאן. פאר נאכט געהט אב דער פאיעזד האט זיא איהם געבעטען ער זאל קומען איהר בעגלייטען.

יאזעף האט זיך מיט איהר היים צוא קוסט אונ איז אוועק אהיים פאללקאממען גליקליך.

זיא האט דערווייל גענומען איין איזוואסציק, איז אוועק געפאהרען אפען בית עלמין זיך אביסיל אויס וויינען אויף דער מוטערס קבר.

פאר נאכט איז יאזעף געוועזען אפען וואגזאל איהר בעגלייטען, זייא האבען זיך אויפגעגעבען איינאנדער זייערע אדרעססען מיט דעם פייערליכסטען פערשפרעכען זייא זאלען זיך טאגליך בריפע שרייבען. ער האט איהר געגעבען איין בראסלעט צום פראזענט, אונ זיא איז אוועק געפאהרען.

11.

דער פערדאכט (חשד).

אויף מארגען אין דער פריה האט לעאן זילבערשטיין געשיקט נאך יאזעפען. ער איז געקומען: דארטען איז געזעססען אויך אהרן שטיינפעלד. דיזער איז געזעססען פארטראכט. לעאן איז געוועזען אונמוטהיג אונ פער-דריסליך. יאזעף האט זיך אוועק געזעטצט. ער איז אויך געוועזען צוטראגען; ער האט פערשטאנען וועגען וואס מען האט איהם גערופען, אונ האט זיך אנגעגרייט וויא מען זאגט לדורון לתפלה ולמלחמה. יאזעף האט אויף איהם אקוק געטאן, וויא איינער זאגט: נוא הייב שוין אן. לעאן איז געוועזען צוקאכט, ער האט ניט געוואוסט, וויא ער זאל דא אנהייבען מיט גוטען צוא מיט בייזען.

— יאזעף, הייבט אן לעאן: איך האב פון דיר דיא גרעסטע פערדרוס, וואס איך האב זיך קיין מאל אויף דיר ניט גערעכט. דוא פערפינסטערסט מיר מיין עלטער.

— וואס איז? פרעגט יאזעף.

— דוא פרעגסט נאך: וואס איז? דוא ווייסט גאנץ נוט. איך האב אב־געפינסטערט מיין וועלט אין אזוי פיל צרות. אם ענדע האט מיר גאט געוויזען אשטראהל פון טרייסט. קומסטו צו געהן, יאזעף, אונ רייבסט פון מיר דיזע שטיקיל טרייסט אויך אוועק. דוא האסט מיר פערשפראכען צו הייראטהען מיין רעבעקקען, איך בעטראכט אייך שוין וויא חתן כלה, דארפט איהר זיך אפט זעהען, פערברייגגען, — אונ דוא ווייכסט איהר איממער אויס, דוא געהפסט צו איהר קיין מאל ניט אריין, אונ ווען עס טרעפט, איהר בעגעגענט זיך גיבסט דוא איהר אמאל דיא האנד אונ אמאל מאכסט דוא זיך גאר ניט זעהענדיג אויך. מיר רייסט דאך דאס מיין הערץ, איך געה דאך ארום פער חושכט דער פון... אז אחתן זאל זיך ניט וועלען אפט זעהען מיט זיין כלה, וואס פאר אלעבען קען נאך דעם זיין ביא זייא? רעבעקקא האט דאך געוויינט פאר מיר אונ האט געזאגט: איך זעה ניט איין איך זאל האבען אגליקליכעס לעבען. איך פרעג איהר: וואס? וועגן? זיא זאגט מיר ניט, זיא איז דאך איין עדעל קינד, זיא קען דאך ניט ארויס ריידען אללעס וואס עס קאכט זיך אין איהר הארצען. זיא האט מיר מעהר ניט אזאג געגעבען איין ווארט: יאזעף ווייכט פון מיר, אט האב איך שוין אללעס פערשטאנען.

יאזעף איז געזעסען דיא גאנצע צייט העכסט בעוועגט. וויא מיר ווייסען, ער האט געליבט איינע אנדערע, אלזא קען ער דיזע רעבעקקען ניכט הייראטהען; אבער ער האט פיל מיטלייד געהאט מיט לעאן, ער וויל איהם ניכט קריינקען; נאר וואס קען מען מאכען? עס מוז דאך דיא זאך אויס ברעכען, עס מוז דאך נעהמען איין ענדע. ער זאגט צו לעאן:

— הערר לעאן, דוא האסט ערסט געזאגט, אז אחתן ווייכט אויס דיא כלה, קען זיא ניט האפפען אויף אגליקליכעס לעבען.

— געוויס האב איך דאס געזאגט, אונ איך זאג איצטער אויך.

— אלזא וואלט איך דיר ראטהען, אום דיין טאכטער גליקליך צו מאכען, — זעה פאר איהר איין אנדער חתן.

— הא! וואס רעדסט דוא? ניט אגעשרייא לעאן אויסער זיך: דוא ענטזאגסט זיך פון מיין רעבעקקען?

— איך בעט, דיך ליבער ברודער, בעפרייע מיך דאפאן...

— דוא בעטסט איך זאל דיך בעפרייען פון מיין רעבעקקען!... דוא ווילסט ניכט הייראטהען מיין רעבעקקען!... דוא ווילסט ברעכען דיין ווארט!... דוא ווילסט פון מיר אוועק רויבען מיין לעצטען טרייסט!... א דאס איז צו פיל!

— פאר וואס זאלכטו איהר טאקע ניט וועלען? פרעגט אהרן שטיינפעלד: זיא איז דאך אשיינע, אקלוגע אגעבילדעטע. אז זיא וואלט ניט האבען דיא מעלות, וואלסט דוא אפשר געווען גערעכט, — אבער היינט אז זיא איז אזא

גערעטעטע, פאר שטייא איך ניט פאר וואס זאלסט דוא איהר בראקירען?

— עס ציהט מיר מיין הארץ ניט, זאגט יאזעף; אין איהר בענעהמען איז ניטא קיינע סימפאטיע. איך האב מיט איהר איינגע מאל אריין גערעדט פאם עהעלעבען, פאן דיא פפליכטען פון מאן אונד פרויא, — זא ווארען איהרע מיינונגען, איהרע אנזיכטען אזוי געמיין, אזוי גראב, אז עס האט מיר געעקעלט הערענדיג. זיא האט זיך פארט ערצויגען צווישען אונגעהאבעלטע מענשען, אט איז איהר באראקטער אויך אונגעהאבעלט. קורץ, זיא הארמאנירט זיך מיט מיר גאר ניט אונ מיר קענען ביידע צו זאממען ניט גליקליך זיין. אלזא איזט באמהזאם: לעאן זאלל פאר איהר זוכען איין אנדער חתן, אונ איך וועל מיר זוכען איינע אנדערע כלה.

— וועלכע דוא האסט שוין אנגעגרייט, זאגט לעאן מיט כעס: איך וויים יאזעף אז דוא ליבסט איינע אנדערע; מען האט מיר ערציילט אז דוא האסט געבעטען בעגלייט אויף דעם וואגזאל עפעס אפריילין. אונ איך וויים גאנץ גוט, אז דוא וואלסט ניט געהאט געליבט איינע אנדערע, וואלסט דוא מיין רעבעקקען, געוויס ליבען.

— דוא אירדסט זיך, לעאן; רעבעקקע האט מיך ניט גערייצט נאך בעפאר איך האב יענע גיקענט.

— א דיא ליבעם! זאגט לעאן מיט אזיפץ.

— ווער עס רעדט אויף ליבעם! זאגט יאזעף, דוא לעאן, דארפסט געוויס שווייגען, פון דיר דארף איך אזעלכע זיטטענלעהרע ניט הערען.

— ווער ווייסט וועמען דוא האסט זיך דארטען אוים געקליבען!

— זיא איז אהויך געבילדעטע, העכסט מאראליש געזאנגען, אונ דער צו אשיינע וואס עס גיבט ניט אונטער דער זאנגע, אונ דער צו שטאמט זיא פון אנרוויסע פאמיליע.

- אללע פערליבטע זאגען דאס זעלבע אויף דיערע געליבטע, זאגט שטיינפעלד; נאכהער ווערט עס אנדערס. מיר ווייסען שוין דיא מעשיות.

— איך האפפע, אז איהר וועט איהר ווען עס איז זעהען, וועט איהר זאגען אנדערס.

— יאזעף, יאזעף! דוא זאלסט דאס מיר טאן! זאגט לעאן מיט אביטטערין זיפץ.

— הער צוא, לעאן, זאגט יאזעף: דוא ביזט מיר אטרייער ברודער?

— געוויס.

— דוא וואלסט וועלען, איך זאלל ליידען אויף מיין וועלט?

— געוויס ניט.

— טא ווארום זאלסט דוא באסטאיוען אויף דיזען בונד, דורך וועלכען איך וועל זיין אונגליקליך אונ רעבעקקע אויך. זוך בעסער פאר איהר איין אנדערין חתן, אי איך וועל זיין גליקליך אי זיא וועט זיין גליקליך.

דער כהן (ה"ג)

הער

— הער צו, יאזעף, זאגט לעאן מיט בעס: זאלסט וויסען, אז עס קען אנדערס ניט זיין: דוא מוזט געהמען מיין רעבעקקען; דוא הערסט?

— מיט וואס קענסט דוא דאס מיר צווינגען? מיט צוואנג מאכט מען גאר ניסט.

— איך וויל ניסט ריידען פון צווינגען, פון דריקקען עס קען אנדערס ניט זיין, דוא מוזט זיין מיין איידאם; דוא הערסט? איך בין איין עלטערער ברודער, דוא מוזט מיר פאלגען.

— אין אזעלכע זאכען פאלגט מען אטאטען אויך ניט, אויב מען איז נאר זעלבסשטענדיג. אונ איך בין ניט אבהאנגיג פון קיינעם. איך בין נאטאוו צוא טאן פון דיינט וועגען אללעס אין דער וועלט, דוא ביזט ביי מיר זעהר טהייער, איך אכטע דיך זעהר אונ בעדויער דיך זעהר; אבער פערביטטערן מיין גאנצעס לעבען איבער דיינעם אקאפריז קענסט דוא פון מיר ניט פערלאנגען.

— אויב דוא טהוסט דאס מיר ניט, זאלסט דוא מיך ניט רופען מעהר ברודער.

— וואס זאלל איך טאן? דיינע רעבעקקען הייראטהען קען איך ניט אונ וועל ניט.

— צווישען מיר אונד דיר איז אויס!! זאגט לעאן מיט בעס אונ איז אריין אין זיין קאבינעט.

יוסף איז געווארען געווארען, אז ער קען לויז ווערין פון דער סצענע האט ער גלייך געבריכט שטיינפעלדען דיא האנד אונ איז ארויס געגאנגען.

— אט איז דאס צרות אויף מיין קאפף! זאגט לעאן, ווען יאזעף איז געוועזען ארויס געגאנגען וויא דאס שיקזאל פערפאלגט מיך איבעראלל אהנע ערבארמונג! אויף אזעלכע צרות האב איך מיך קיין מאל ניט געריכט! איך האב מיר דאס קיין מאל ניט פארגעשטעלט.

אך גאטט מיין גאטט! ווען וועסט דוא מיך אויפהערין צו שטראפין?

— וואס נעהמט איהר זיך אזוא דאס לעבען? זאגט שטיינפעלד: וואס איז דא דער אונגליק אזוא גרויס! טהוט מיט איהר איין אנדער שידוך, אונ לאז ער זיך טאן איין אנדער שידוך, וועט זיין אי וואלק סיט, אי קאזא ציעלא.

— זיא האט זיך אבער פאר ליבט אין איהם, איהר פאר שטייט? עס איז געוועזען איין אונגליק אויף מיר, וואס איך האב דאס גאר אויף געטאן,

— אבער היינט איז שלעכט: זיא וויינט אונ קלאגט. נאטירליך זיא זאגט מיר ניט וואס; אבער איך פערשטייא דאך, מיין פאטער הערץ פערשטייט, וואס פאר אוואונד ביי איהר אין הארצען איז.

— פון דעסט יעגען פערצווייפעלט זיך ניט אזוא: איך נעהם זיך אן דורך צוא האנדלען מיט איהם, אדער מיט איהר; אדער ער זאל איינוויליגען

איהר צו הייראטהען, אדער איך וועל מאכען זיא זאלל איהם ניט וועללען.

— איך בעט אייך אונ איך פערלאז זיך אויף אייך. איך בין צוא שוואך מיט זייא צו קאמפפען.

עס איז אריין דער לאקייא אונ האט אנגעמעלדעט; אימיצער איז געקומען אונ פרעגט הערין זילבערשטיין.

— לאז ער אריין אהער, זאגט לעאן. עס איז ארויס דער לאקייא. עס איז אריין אאיד מיט אגראליכען בערדיל מיט חיטרא אויגען אונ זאגט:

— הערר זילבערשטיין! מיר האבען געהערט, אז איהר צאהלט דיא הובות פון אייער טאכטער אונ פון איהר אממע חוה שטיין, ביא וועמען זיא האט זיך געהאדעוועט, אט האבען מיר עטליכע מלוות אונ קרעמער אנגעטרויט זייערע וועכסלען אונ רעכנונגען אייגענהאנדיג פון דער געשטארבענע אונטער געשריבין, אונ...

— ווייזט אקארסט אהער, זאגט לעאן, לאם איך זעהען אייערע וועכסלען אונ רעכנונגען. איך פאר שטייא גאר ניט, וואס איז דארטען פאר אמאטאוויקע געוועזען, וואס זיא האט פערשוועגדעט אזוא פיל געלד! שוין עטליכע מאל זיינען דא געוועזען אזעלכע מאנערס.

— אונ איהר האט אללעמען בעצאהלט? פרעגט שטיינפעלד.

— געוויס האב איך בעצאהלט, וויא דען?

— טאמער איז דאס פאלשע פאפירען? פרעגט שטיינפעלד.

— איך האב זיך דערויף אויך געחאפט; איך האב אבער געפרעגט ביא רעבעקקען, האט זיא פריזנייעט, איהר פערשטייט? דיא וועל איך אויך פרעגען רעבעקקען.

ער האט אנגעקלונגען. עס איז אריין דער לאקייא, ער האט איהם געהייסען אריין רופען רעבעקקען. זיא איז אריין געקומען. ער האט איהר געפרעגט: וואס איז דאס פאר פאפירען האט זיא זייא פריזנייעט.

— וויא קומט עס, וואס דיא חוה שטיין האט אזוא פיל שולדען געמאכט? פרעגט שטיינפעלד.

— עס איז קיין וואונדער, זאגט רעבעקקע. איין מאל האט זיא גיעפינט אפוטצמאגאזין, האט געהאט אייגענע עטליכע רובל אונ האט געהאט קרעדיט אויך. דער מאגאזין איז אב געברענט געווארען, אט זיינען געבליבען הובות; דער ביא איז געוועזען אונזער קווארטיר, עס איז פאר ברענט געווארען אונזערע קליידער אונ כלי בית, מען האט געדארפט זיך אב מאכען אנדערע, אט האט מען געזונגען אין חובות.

— ביא אזעלכע אבסטאיאטעלסטוועס, זאגט שטיינפעלד, וויא קומט עס, וואס איהר קרעדיט האט זיך געהאלטען אויף ווייטער?

— זיא האט געהאט אדייכען פעטער (איצטער איז ער געשטארבען), האט ער איהר געשטיצט, זיא זאלל קענען ווייטער האלטען איהר מאגאזין;

אונ אז מען האט געזעהען זיא איז ביא אנגעשאפט , איין ארענטליכע פרויא איז זיא געוועזען , אט האט מען איהר ווייטער געגעבען . דאס וואר אללעס פאר איינינע יאהרען צוריק . צוא דיא לעטצטע יאהרען האט זיא איהר געשעפט אויפגעגעבען , האט זיא צוא געמאכט דעם מאגאזין , אונ דיא שולדען זיינען געבליבען . מיר האבען געלעבט מעהר ניט פון שטונדען , וואס איך פלעג געבען . אין דער צייט פון איהר קראנקהייט , האבען מיינע שטונדען ניט געקלעקט אי אויף לעבענס מיטטעל אי אויף מעדיצין , אט האבען מיר זיך זעהר פערשולדיגט .

—איך קען ניט הערען דיא אללע פאדראבנאסט , זאגט לעאן , אונ האט שוין געוואלט עפנען דעם אייזערנעם שראנק ארויס צו נעהמען געלד אונ צו בעצאהלען . שטיינפעלד האט איהם אוואונק געטאן ער זאל אב-האלטען , אונ דעם אידען האט ער געזאגט :

—קומט צו מיר אויף מיין קווארטיר , איך וועל אייך בעצאהלען . ביא מיר איז הערר זילבערשטיינס געלד . וויא פיל איז דער סך הכל פון דיא שולדען ?

—אכט הונדערט אכט אונ זעכציג רובל פיר אונ זעכציג קאפייקעס , זאגט דער איד .

—גאנץ שיין , קומט צו מיר אין אשטונדע ארום מיט דיא פאפירען , בעצאהל איך אייך .

דער איד איז ארויס געגאנגען . נאך איהם איז רעבעקקא אויך ארויס געגאנגען .

—הערר זילבערשטיין ! זאגט צו איהם שטיינפעלד ; ביא אייך מוז זיך נאך סאכראנייען הוהעס בריוועלעך , וואס זיא פלעגט שרייבען צו פריידלען עליה השלום , בשעת זיא איז געוועזען אפען דאטצע ?

—איך ווייס ניט , עס קען זיין עס ליגט צווישען פריידעלעס בריפע ; צו וואס דארפט איהר דאס ?

—איך וויל זעהען איהר האנדשריפט אונ וועל צו גלייבען צו דיא וועכסלען אונ רעכנונגען .

—וואצו ? אז רעבעקקא פריזנייעט , איז שוין גענוג .

—פון דעסט וועגען ווייזט . מעהר זיכער זיין אין דער וואהרהייט איז דאך בעסער .

לעאן האט געפינט דעם שובלאדציק , אין וועלכען עס איז געוועזען בעוואהרט פריידעלעס בריפע , האט דארטען ווירקליך געפונען איינינע צעטעלעך הוהעס , אונ האט איהם דער לאנגט . שטיינפעלד האט גענומען דיא צעטעלעך אונ זאגט :

—יעצט וועל איך געהן זיך פאנאנדער רעכנען מיט דיא חובות .

—איהר זאלט זעהען דורך צו האנדלען מיט יאזעפען אויך,
זאגט לעאן.
—זייט רוהיג, הערר זילבערשטיין; איהר פערלאזט זיך נאר אויף מיר.
—אויף אייך בויא איך זאגט לעאן. ער האט איהם גערייכט דיא האנד
אונ שטיינפעלד איז ארויס געגאנגען.

12.

דיא אונטערזוכונג.

אהרן שטיינפעלד איז געקומען אהיים פערזונקען אין שווערע געדאנקען. ווער ווייסט, רעדט ער צו זיך, צו מיין ארמער לעאן איז דא ניט פערוויקקעלט אין איין געטץ, וואס שונאים האבען איהם אונטער געשטעללט. צו איז ער ניט ווידער איין אפפער פון אשרעקליכע אינטריגע יעדע זאך, וואס איך בעטראכט נאר, שיינט מיר זעהר פערדאכטיג. דיא רעבעקקא האט קיינע אהנליכקייט מיט איהר מוטער, מיט פריידעלן. (איך האב דאך איהר גוט געקענט) ניכט דיא מינע, ניכט דיא געזיכטסציגע ערינערין אן פריידעלן; זיא האט אויך דיא מינדעסטע אהנליכקייט מיט לעאנען; איהר בענעהמען, איהר בליק איז אזוי פרעך (אזוי נאבאל), אז פון לעאנען אונד פריידעלן קען אזא קינד ניט געבארען זיין. יאזעף איז גערעכט, וואס ער וויל איהר ניכט היירטהען, זיא האט ווירקליך ניכטס אנציהענדעס, ניכטס סימפאטישעס. אונ דער פאר האב איך זיך אזוי ניט איינגעשטעללט, יאזעפען איבער צו רעדען, — דען ער איז דאך גערעכט. דען פערדאכט (דעם חשד) האב איך נאך לאנגער געהאט; נאר איך האב דאס לעאנען ניכט געוועלט זאגען; איך האב גערעכינט: לאז ער זיך האבען זיין זיסען טרוים. אונ פיללייכט איז זיא דאך זיינע ווירקליכע טאכטער, עס קען דאך געבען קינדער ניט אהנליכע אויך; וואצו זאל איך איהם מאכען אזוי פיל קראנקונגען? נאר יעטצט האט זיך ביי מיר דער פערדאכט גענומען שטארקען, דיזע אפטע שולדען, וואס מען פרעדיאוועט לעאנען, געפאללען מיר זעהר ניט.... צו איז דא ניט פראגען אהעלישע אינטריגע!.. יע, היינט וואס זיא פאהרט ארויס אללע צוויא — דרייא טעג בודטא צו איהרע אפריינדין, געפאללט מיר אויך ניט: אז מען פרעגט ביי איהר, ענטפערט זיא האלבע ווערטער; עס איז ארויס צו זעהען, אז זיא וויל ניט ריידען וועגען דעם.... איך וועל זיך נעהמען דער צו, איך מוז דא דער געהן, וואס דא טהוט זיך דיא ערסטע שליסעל וועט ביי מיר זיין הודם אמאלינע צעטעלעך, וואס איך האב; אונ דאן, אויב דאס וועט מיר

דער כהן (ה"ג)

פיהרען

פיהרען צום ציל, וועל איך אריבער פאהרען אין מאלהע, אונ דארטען וועל איך אללעס ערפא־רען. אונ מעהר וויא איך אלליין טאר דער פון גיט וויססען; דען אויב דא איז איין אינטריגע, וואהרשיינליך זיינען דיא אינטריגאנטען קלוג אונ האבען בעארבייטעט דיא זאך קיילעכדיג; נאר איך וועל שטיללערהייט אונטערגראבען, אז זייא וועלען גיבטס אהנען (פיהלע).

עס איז געקומען דער פריערדיגער אידעל מיט דיא וועכסלען אונ רעכנונגען, וועלכע וארען אידיש אונטערשריבען. שטיינפעלד האט גענומען איינעם פון זייא איז אריין אין זיין קאבינעט, האט שליצאיעט (פערגלייכט) דיא אונטערשריפטען פון איהרע בריף מיט דיא אונטערשריפט פון וועכסעל, האט ער זיך אנגעהאפט פארין קאפף: אי! זאגט ער, דא איז ווירקליך איין אינטריגע... דאס איז גאר ניט דיא האנדשריפט! עס איז גאר קיינע אהנליכקייט ניט! א, דער ארמער לעאן, מען שפילט מיט דיר אהעלישע קאמעדיע!

ער האט אלע אונטערשריפטען אונטערזוכט, האט ער געפונען אז דיא פאלשע זיינען אלע גלייך, אבער מיט דיא ווירקליכע האנדשריפט הוהעס שטימען זייא גאר ניט. ער האט בעשלאסען ניט צוא געבען קיין געלד אונ ניט צוא ווייזען אז ער פערשטייט וואס. ער רופט זיך אב צום אונבעקאנטען קאלטבליטיג:

— דיא אלע וועכסלען אונ רעכנונגען זיינען דאך ניט אייערע?

— געווים ני־. זייא קענען דאך אלע ניכט פאהרען אהער אט האבען זייא מיר אנגעטרויט.

— טא וואו איז אייער דאוויערענאסט? פרעגט שטיינפעלד.

— אגוטער יאה"ר אויף אייך, זאגט ער: זיין טאכטער ווייס דאך דיא אלע חובות, וואס דארף מען דא אדאוויערענאסט?

— וויא קען איך געבען אן אדאוויערענאסט? וואס ווייס איך טאטער האט מען בייא זייא גגנבט אונ מען האט אייך געגעבען אויף צוא מאנען געלד אויף זייא.

— וואס מאכט איהר פאר נייסען? לעאן האט שוין איינינע מאל בעצאהלט געלד אונ האט זיך פערלאזען אויף זיין טאכטער.

— איך קען זיך אויף איהר ניט פערלאזען, איהר פערשטייט? עס קען זיין אז דיא מיידעל האט אויף זיך אשטיקעל חטא, זיא האט מורא מען זאל אויף איהר ניט ערצאהלען דעם פאטער, אט טהוט זיא וואס מען הייסט איהר. קורץ איך דארף האבען אדאוויערענאסט אפעריאוועטען. שרייבט אהיים צוא אייער פרויא, זיא זאל אריין געהן צוא דיא אלע מלוות אונ געהמען פון זייא אדאוויערענאסט, איהר פערשטייט? אונ לאז זיא צושיקען צוא אייך, אט קריגט איהר דיא געלד.

— דער ווײלע װעט דאס דױערין אײניגע טעג, אונ איך װעל דארפן זיטצען אונ צעהרען זיך.

— דאס נעהם איך אויף מײנע רעכנונג, זאגט שטײנפעלד. איצטער האט איהר דאך צוא מיר גאר ניסט. זעהט איהר — װאס איך קומט, װעל איך אײך שוין אװעק געבען.

— אט דיא צװײא װעכסלען איז מײנע.

— זעהר שײן, זאגט שטײנפעלד; װײזט מיר אײער פאס, גיב איך אײך שוין דיא געלד.

— איך האב ניט בײא זיך. אויף װאס דארפט איהר דעם פאס?

— װיא הײסט עס! איך דארף דאך װיסען, צוא זײט איהר װירקליך דיא פערזאן װאס שטײט אין דיא װעכסלען. איך קען דאך אײך ניט, ליבער פריינד, דער פאר דארף דאך יעדער מענש האבען אפאס.

— אבער רעבעקקע קען דאך מיר.

— אך ליבער פריינד, איך האב דאך אײך געזאגט, אז מען קען זיך אויף איהר ניט פערלאזען. זיא איז דאך מעהר ניט װיא אקינד. איך קען דאך קלערען אז מען האט איהר אײנגעשטראסעט מיט װאס. גײט ברײנגט אײער פאס, גיב איך אײך דיא געלד.

— װאס זאלל איך טאן, אז איהר צװינגט מיר? איך װעל שיקען אהײם נאך אדאװיערענאסט, אונ װעל שוין קומען מיט דעם פאס אויך, אבער געדײנקט װאס איהר האט געזאגט: איך װעל דא זיטצען אויף אײער רעכנונג.

— יע יע, זאגט שטײנפעלד. איך װעל אײך ניט עולען.

דער אונבעקאנטער איז ארױס געגאנגען. אהרן שטײנפעלד זאגט: יעטצט איז קלאר װיא טאג, אז דא איז אײן אינטריגע. דא קען קײן דאװיערע־נאסט פון אײניגע פערזאנען ניכט זײן; דען אין אזעלכע זאכען לוינט זעהר ניט צו פאסװיאשצײען פיל מענשען אין דער טײנע, דא מוז זײן װײניגער טהוער, אז ניט קען דאס ניט אױס געהאלטען װערען. אונ װאס דער חברה־מאן האט ניט מיט געבראכט זײן פאס פיהרט מיך אויף דעם געדאנקען, אז אין זײנע װעכסלען שטײט ניט זײן װירקליכער נאמען אום אין פאלל, אז עס װעט זיך אבנארוזשעװען אפאדלאג, איז ער אײן אנדערער אונ מען האט צו איהם גאר ניסט. הײנט װאס הײב איך איצטער אן צו טאן? זאל איך דאס אללעס ענטדעקען לעאן, װעל איך איהם אװעק הרגענען, ער װעט דאס ניט אױס האלטען! לאזען דיא זאך זאל געהן װיא עס געהט, אונ לאז ער זיך אזױא געניסען צין זיסען חלום? עס טרעפט דאך אז מען אדאפטירט אקינד, מען האדעװעט אפרעמד קינד אנשטאט אײן אײגענעם.... נאר טאמער איז דא אײן אינטריגע דװקא פון אשונא, הײנט װיא קען איך צו לאזען ער זאל אױס גיסען זײנע ליבע אונ טרײהײט אויף אקינד פון אשונא? ער זאל אװעק געבען

זײן ער כהן (ת״ג)

זיין איינענס — דען זיא איז דאך זיין נאסלעדניצע — זיינעם אבלוט פיינד זיין ! דאס קען איך ניט צו לאזען. איך מוז דיא זאך דער געהען ביז גרונד, אונ נאכהער וועל איך זעהען צו עס לוינט לעאן זאל וויסען דער פון צו ניט. אום דיא זאך אונטער צו גראבען, אז קיינער זאל ניט שטערן, איז זעהר נייטיג צו מאכען, אז דער געגנער זאל ניכטס שפירען. אלזא דארף מען פריהער אריבער געהן צו רעבעקקען געבען איהר גוטע האפפנונג אויף יאזעפען. איך וועל איהר זאגען, אז איך האב זיך אנגענומען, וועל איך שוין דורך זעטצען. מיט יאזעפען וועל איך ריידען, ער זאל צו איהר אפטער אריין קומען אונ זאל איהר ווייזען אפריינדליכע מינע; עס וועט אפילו זיין שווערליך איהם צו בעוועגען דאצו; נאר ער איז אקלוגער, איך וועל איהם געבען אוואונק, אז דא פיהר איך איין אינטריגע וו יעווא פאלזו, — וועט ער מיר פאלגען אונ וועט זיך פארלאזען אויף מיר, אדער איך וועל אויס טראכטען אשווינדעל צו וואס מיר איז דאס נייטיג. נאר מיין פערדאכט איהם אויס זאגען פאר דער צייט לוינט ניט. מעהר וויא איך אליין טאר דער פון ניט וויסען. היינט מוז מען דער געהן אויף קלאר וואו הין פאהרט זיא דאס אזוי אין געהיים. אז מען זאל דאס דער געהן, רעכען איך, וועל איך פאקען דעם רעכטען אינטריגאנט, אונ דאס איז דיא הויפט זאכע. איידער עס וועט זיך דאס ערפאהרען דארף מען אריבער פאהרען אין מאלהע אונ דארטען אויך דיא זאך אונטער זוכען.

וויא אהרן שטיינפעלד האט דאס אללעס בערעכנעט, האט ער אנגעהייבען צו דייסטעווען. פריער איז ער אוועק צו רעבעקקען, האט מיט איהר דורך גערעדט זיך אונ געגעבען גוטע האפפנונג אויף יאזעפען. נאכהער איז ער אריין צו יאזעפען, האט מיט איהם דורך גערעדט, אונ ער האט איהם פערשפראכען צו זעהען זיך אפטער מיט רעבעקקען אונ מיט איהר זיך אונטערהאלטען אונ ווייזען זיך פריינדליך.

נאכהער האט ער אנגעזאגט מרקוסען זיין זוהן, ער זאל קלוג נאך שפירען וואו הין זיא פאהרט אונ אויב ער וועט דער געהן, אז דער ארט איז פערדאכטיג, זאל ער זעהען אויב עס וועט זיין מיגליך, דורך אטאווארישץ, דינגען דער ביא אקוואטיר אונ נאך שפירען וואס דארטען טהוט זיך. אז אהרן שטיינפעלד האט דאס אללעס איינגעריכטעט, איז ער אוועק געפאהרען נאך מאלהע אונ לעאן האט קיין זאך ניט געוואוסט.

13.

דאס קאמפלאט (אבונט) אונ דיא שרעקליכע איבערראשונג.

עטצט, מיין ליבער לעזער, איז צייט מיר זאלען זיך ערראינערען אז אונזערן איין אלטען בעקאנטען, וועלכען מיר האבען געזעהן אין דעם ערסטען טהייל פון אונזער געשיכטע, אונ וועלכען מיר האבען מימאהאדאם דערמאנט אין צווייטען טהייל, אונ מעהר האבען מיר איהם ניט געזעהן אין פערלויף פון אונזער גאנצען ערצעהלונג, — נעמליך כלב זעלדין.

דאס איז שוין ניט דער אמאליגער זעלדין אהויכער אדיקער מיט ארויטע געזיכט מיט אדרייכטען אונ פרעכען בליק, מיט דעם גוטען ראק מיט דיא גאלדענע קעטטע אויף דער ברוסט, — היינט איז ער בלאס-געלב אויף דעם געזיכט, דיא אמאליגע דיקע באקען היינגען היינט אראב, דיא אויגען שוואך פערטרערט, ארום דיא אויגען בלא אונ אין קארצעס, דער קאפף קאהל (פלעשיוו), געהט איינגעהיקערט, דער ראק אלט אבגעטראגען ניטא דער אמאליגער מוטה. וואס האט איהם דאס אזוי געענדערט? צוויא זאכען: אלטקייט אונ ארעמקייט, יעדע פון זייא איז דיא גראסטע פלאגע פון מענשען, אבער אז ביידע צוזאממען טרעפען זיך אין איין פערזאן, — דאס איז פון דיא פלאגען וואס שטייט אין דער תוכחה ניט.

ער וואהנט יעטצט ניט אין בעלעטאזש מיט 18 צימערן, וויא אמאל, — ער וואוהנט יעטצט אויף אשיילקע ביי אקריסט אפען הויף. דיא שיילקע האט צווייא תאדען (ארויפגאנגע) אונ איז געטהיילט אויף צווייא קווארטירען, אין דיא גרעסערע וואוהנט אקריסטין, וועלכע האלט ביי זיך אוצעניקעס אפען קווארטיר, אונ אין דער אנדער האלבען וואוהנט זעלדין. דיא וואהנונג איז בעשטאנען פון צווייא צימערן, זעהר איינפאך מאבלירט.

עס איז אוואך נאך דיא פארגעשריבענע בעגעבענהייט. כלב זעלדין געהט ארום איבערן צימער האלט אפאפיר אין האנד אונ איז זעהר צופרידען. אויף אשטוהל איז געזעסען זיין שנור דיא געוועזענע, דען זיין זוהן שמעון איז פאר צווייא יאהרען צוריק געשטארבען. זיא פלעגט צו איהם אפט קומען אונ ער פלעגט איהר בעהאנדלען וויא אטאכטער. דארטען איז אויך געזעסען דער זעלבינע אונבעקאנטער, וועלכען מיר האבען פאר אוואך צוריק געזעהען ביי לעאן זילבערשטיין; ער איז דאס געקומען מיט דיא וועקסלען אונ מיט דיא רעכנונגען בעטען ביי איהם געלד אונ אהרן שטיינפעלד האט איהם מדחה געוועזען. דארטען איז אויך געוועזען כארא פליטין, וועלכע מיר האבען געזעהען אין דעם ערסטען קאפיטעל פון דיזעם טהייל.

בעפאר מיר וועלען הערין זייער געשפרעך, רעכען איך פאר נייטיג דעם לעזער צו ענטדעקען, נאר איך גלויב ער האט דאס אליין ערראטהען

דער כהן (ה"ג) געטראפען

(געטראפען), אז דאס פריילין , וועלכע לעאן רעכנט פאר זיין טאכטער , איז ניט זיינע ווירקליכע טאכטער . אבאנדרע פון דריא מאנספערזאנגען אונ דריא פרויענצימער האבען געמאכט אבונד צו וואספאלזעווען זיך מיט לעאן זילבער-שטיינס פערמעגען. זייא האבען געזעהען, ער איז אלט אונ שוואך , עס בלייבט פון איהם אגרויסער קאפיטאל , אונ ווער וועט איהם ערבען (ירשענען) ? — זיין ברודער, וועלכער נוזדייעט זיך ניט אזוי שטארק. היינט וויא באלד לעאן זוכט זיינע פערלארענע טאכטער וויא מיט ליכט , ער שיט טויזענדער נאר איהר צו געפינען , אום צו זעהען אין איהר אקליינע טרייסט אויף דער עלטער ; אונ וויא באלד יענע צוא געפינען איז דאך קיינע האפונג (דען אז מען האט אין צוואנציג יאהר ניט געקענט געפינען , איז זיא געוויס געשטארבען , אדער זיא וועלגערט זיך וואו עס איז אן אנאמען , אז מען קען איהר צייט לעבען ניט געפינען) , — היינט ווארום זאל מען איהם ניט צוא שארען איינע אנדערע טאכטער ? לעאן וועט זיך זיין געטרייסט , אונ דאצו וועלען זיך פאזיווייען נאך איינע, וועלכע האבען נויט . דער ערסטער פון דיא אינטריגאנטען וואר כלב זעלדין, וועלכער, וויא מיר ווייסען , איז זעהר פאר ארמט געווארען , אונ האט געהאט איין איניקעל, זיין זוהן שטעונס אטאכטער , וועלכע איז געווען אשיינע אקלוגע אונ אגעבילדעטע אונ דער צוא אן אקאפייקע געלד. ער איז געפאלען אויף דעם געדאנקען , אז איצטער איז אצייט זיך צוא ראבען (נקמה צוא נעהמען) אן לעאנען פאר אלע צרות וואס ער האט פון איהם געהאט ; מען דארף איהם אונטער פיהרען דווקא זיין איניקעל צפורהען (וועלכע וואר אנאמען נאך זיין עלטערע טאכטער , לעאנס ערסטע פרויא) ; לאז לעאן אויס גיסען זיין הארץ אונ זיין געלד דווקא אויף זיין שונאס איניקעל . אום אוים צוא פיהרען דיזען העלישען פלאן האט ער זיך צונויף נערעדט מיט פייבוס קארנאין, וועלכער וואר בעוואוסט פאר דיא שליסעל פון אלע געהיימניסע , אן איהם האט זיך לעאן אנגעטרויט , האט איהם געגעבען געלד , ער זאל ווא שטא בי ני סטאלא איהם אויפזוכען זיין טאכטער ; אן איהם וויעדער האט זיך אנגעטרויט כלב , דורך איהם אויס צופיהרען זיין פלאן . דער קארנאין וואר איי ארענטליכער מאן אונ אבעל סוד , ער האט לעאנען ניט אויס געזאגט , אז ער שטייט אין בונד מיט כלב זעלדין, זיין בלוט פיינד, אונ ווייטער האט זיך דאס איהם טאקע ניט געלוינט אויך . אלזא האט קארנאין געארבייטעט דאברא-סאוועסטנא אי פאר לעאן אי פאר כלבן . וויא מיר ווייסען , אז אין יעדער זאך וואס ער פלעגט טאן , פלעגט ער זעהען זיין געוויסען זאל זיין ריין , האט ער דא גערעכינט , אז ער טהוט דא ארעכטע זאך : ערסטען פערשאפט ער דאך לעאנען אטרייסט אויף דער עלטער ; דיא ווירקליכע טאכטער איז דאך אונמאגליך צוא געפינען , אונ ווייטער וואס איז דיא נפקא מינא : דיא מיידעל האט אזא נאז , אונ דיא אזא ; דיא קען האבען שערע אויגען

און די בּרוינע ? — דאָס איז אַלץ פּוסטאיע . לעאַן דאַרף האָבּען אַטאַכטער און געננוג . אַלזאָ פון דעם שווינדעל וועט אַרויס קומען פיל טובות: ערשטען פאַר לעאַנען, וויא מיר האָבּען געזאָגט; צווייטען: וועט איין אָרעמע מיידעל האָבּען מיט וואָס חתונה צוא האָבּען, דאָס אַליין איז דאָך אויך אַדבר מצוה; דריטען, אַז זיא וועט ווערט רייך, וועט זיא שטיטצען אָרעמע קרובים; פירטען: דיא וואָס וועלען מיט אַרבּייטען אין דעם שווינדעל וועלען וואָס פאַרדינען; וויטער פינפטען: מיט דער צייט קען זיך אויסלאָזען בּיידע שונאים זאָלין גוט ווערין, איז ער מקיים דיא מצוה פון הבאת שלום בין אדם לחבירו; און זעכסטען: אויסער דעם וועט ער דאָך אויך דער בּייא פערדינען; ער איז דאָך אַאיד אַמטופּיל מיט קליינע קינדער, ער דאַרף זיא געבּען אין חדר; און פאַרדינען קען מען דאָ געשמאַק; פון לעאַנען נעהמט ער פאַר דעם זוכען און פאַר דעם געפינען און פון דיא טאַכטערס צד וועט ער צייט לעבּען האָבּען אַקוואַל פון פרנסה. מיט אַזעלכע בּשׂורה געדאַנקען האָט זיך קאַרנאַץ גענומען צוא דער אַרבּייט. ער האָט אויפגעזוכט איין אַקטריסע פון אַאידישע טרופּע סאַרא פליטין, וועלכע האָט גוט געשפּילט ראָלען פון קראַנקע און פון שטאַרבּענדע, און דיזע האָט זיך אָנגענומען צוא שפּילען דיא ראָלע פון דער אַמע חוה שטיין וויא זיא האָלט בּיין שטאַרבּען; און אום דיזע זאָל שפּילען גוט איהר ראָלע, האָט זיא געבּאַרפט וויסען גענוי, וויא עס האָט זיך געפיהרט יעמאָלט בּייא לעאַן אין הויז; אין וועלכע פערהאַלטניס פריידעל איז יעמאָלט געוועזען מיט איהר אַמע, וואָס האָט בּייא זייא פּאַסירט דיא לעצטע צייט און איבּער הויפּט דיא לעטצטע נאַכט פון פריידעלעס שטאַרבּען. דאָס איז אָבּער קאַרנאַצען געוועזען לייכט צוא דער געהן. ער האָט געוואוסט אַז לעאַן האָט מקרב געוועזען דיא הויז מענשען, וועלכע האָבּען געדינט בּייא איהם אין הויז פאַר פריידעלעס לעבּען, ער האָט געגעבּען זייערע מאַנען שטעללען אין זיינע געשעפטען. דיזע האָט קאַרנאַץ אויפגעזוכט און האָט פון זייא אַללעס גענוי ערפאַהרען און האָט דאָס סאַרא פליטין איבּער געגעבּען. דיא זאַכע דאַרף מען אָבּער דורך מאַכען אין אַנדערע שטאָדט און אין איין אָבּגעלעגענעם אָרט. ער האָט געהאַט אַגוטען בּעקאַנטען עקיבא עסיגמאַן אין מאָלהע, וועלכער האָט געהאַט אייגענע הייזער, ער איז צוא איהם אַוועק געפאָהרען. ער האָט געזעהען, בּייא איהם איז פראַנען אַהייזעל אַפּאַרט זעהר אודאַבּנע צוא זיין אינטערעס, האָט ער בּייא איהם אָבּגעדונגען דיא הייזעל, האָט איהם פערטרויט דעם גאַנצען שווינדעל, און האָט איהם אויך אַריין גענומען פאַר אַצלען אין דעם קאָמפּלאָט (זאַגאָוואָר); קאַרנאַץ האָט דאָס געפונען פאַר נייטיג, אים פאַלל אַז מען וועט קומען נאָך פרעגען, שלעדעוועז, זאָל זיין ווער עס זאָל ענטפערין וואָס מען דאַרף. און אַז קאַרנאַץ האָט זיך אָן איהם פערטרויט, האָט ער געוואוסט, אַז מען קען אויף איהם בּויען. עסיגמאַן האָט גענומען

אײנריכטען

דער כהן (ח״ג)

איינריכטען דאס הויז מיט מעבעל וויא עס געהערט צוא זיין אונ קארנאץ איז אוועק געפאהרען ברייגנען סארא פליטץ מיט דעם פריילין זעפירא (צפורה) זעלדין, וועלכע האט זיך יעטצט אנאמען געגעבען רעבעקקע, דיזע האט געהאט אטאלאנט צוא שפילען אויף דער ביהנע, אונ זיא האט שוין איינינע מאל געשפילט אין געהיים פון איהרע עלטערן אין אידישע קפעקטאקלען, אלזא האט זיא איהר ראלע געקענט שפילען. איהר מוטער איז מיט זייא אויך מיט געפאהרען.

אויף מארגען איז געקומען צו פאהרען אין מאלהע לעאן זילבערשטיין מיט פייבוס קארנאץ אונ ווייטער וואס דארטען האט פאסירט האט שוין דער לעזער געזעהען אין דריטען קאפיטעל פון דיזעם טהייל.

יעטצט, מיין ליבער לעזער, לאמיר הערין וואס פאר אנגעשפרעך האבען געפיהרט דיא צלענעס פון דער סאבראניע, וועלכע ווארען אויך דיא טהיילנעהמער פון דער אינטריגע. קארנאץ איז דא ניט געוועזען, דען ער וואר, וויא דער לעזער וויים, אוועק געפאהרען מיט זעליג בריל זוהען יענקעצקע הוהו אונ מיט איהם דורך האנדלען וועגען אגט פאר מינע לאהציע דאבקין. זעפירא זעלדין אדער רעבעקקע זילבערשטיין, וועלכע שפילט דא דיא הויפט ראלע, איז נאך ניט געוועזען, אבער מען האט איהר ערווארטעט. דער אונבעקאנטער, וואס דארט איז געוועזען, איז עקיבא עסינמאן, אין וועמעס הויז עס האט זיך אמאל געשפילט דיא קאמעדיע.

וויא מיר ווייסען, כלב זעלדין געהט ארום איבערין צימער האלט אפאפיר אין האנד אונ איז זעהר צופרידען.

— איהר זעהט, זאגט ער: עס איז שוין ווייטער גוט, אונ ווייסט איהר וואס? נאך בעסער וויא פריער, וויא איך בין אאיד! עס איז גאר זעהר רעכט, אז עס האט זיך אזוא אוים געלאזען. איך וועל דיר ניט לייקענען, עקיבא, אז פארבטאגען בין איך געוועזען זעהר אומרוהיג, בשעת דוא האסט מיר ערציילט, אז ארקע שטיינפעלד פרידירייעט זיך אונ גיט קיין געלד ניט. עס האט אוים געזעהען, אז ער האט געהאפט דעם פאדים פון דער אינטריגע, אונ איך האב געציטערט פאר אמיאוסען סקאנדאל. נאר היינט האט זיך אוים געלאזען זעהר גוט. איהם האט יע עפעס אין קאפף געמוזט ארין פאללען אשטיקעל חשד, אט איז ער אוועק געפאהרען נאך מאלהע, וויא עס איז צו זעהען אט פון דעם בריף, וואס דיין זון חיים שרייבט מיר. אונ זעהט אנם! ביא וועמען פרעגט ער נאך? דוקא ביא דיין זוהן ה ה ה! אוואזהלער גליך ווערטיל, וויא איך בין אאיד! אקלוגער, אקלוגער אונ איז פארט אנאר. ער פרעגט נאך ביא דעם בעל הבית פון דער הויז, וואו סארא פליטץ האט זיך געמאכט קראנק אונ האט געשפילט דיא קאמעדיע. דערויף האט ער זיך ניט געהאפט, דער שוטה

און האט דאס ניט געקענט פערשטיין, אז אויב דא האט זיך געשפּילט עפּעס אַרגעלע, איז מען מיט דעם בעל הבית פון שטוב שוין געווען גלאַט. אַט אַז ער וואלט נאך פרעגען אין שטאָדט וואלט געווען אַנדערש, און אפשר וואלט געווען גאר גיכט: מען וואלט איהם ענטפערין מען וויים ניט. נאר היינט, אַז ער האט געפרעגט בייא דיין היימען, האט ער איהם ערצאהלט דיא גאַנצע ביאָגראַפיע פון חוה שטיין מיט איהר טאָכטער אַזוי וויא עס געהערט צו זיין אַזוי וויא מען האט אָבגערעדט. אַט אין דיזען בריף שרייבט ער מיר בפירוש וואס שטיינפעלד האט בייא איהם געפרעגט און וואס ער האט איהם געענטפערט, און ארקע האט איהם געזאגט, אַז ער איז העכסט צו פרידען און ער פאהרט אַהיים גאַנץ רוהיג. איהר פערשטייט, מיינע פריינד, אַז היינט זיינען מיר גליקליך, מיר שטייען איצטער אויף אַפּעסטע פוס. מיר איז אַראָב עפּעס אַזוי וויא אַבּאַלקען פון דיא פּלייצעס: איך האב אַלע מאל מורא געהאט, טאָמער וועט זיך לעאן מישב זיין, אָדער מען וועט איהם איין עצה געבען, ער זאל גוט נאך פאָרשען און טאָמער וועט זיך אָבּנאַרוזעווען דיא גאַנצע אינטריגע. זיא איז אפילו גוט בעאַרבייטעט, אָבער דאך ניט אַריינע זאך קען אָפּט אַריין פאַלען. אונד היינט אַז מען איז שוין איבער געקומען דיא פאָרשונג מיט דיא סלעדסטוועס קענען מיר שוין גאר רוהיג זיין, קורץ, לאַנג, מיר וועלען זיין רייך: לעאן איז אַלט און שוואך און צפורה בלייבט אַנאַסלעדניצע פון שין אלף רו"ב, און אַז איהר איז גוט, וועט איהרע פריינד אויך זיין גוט; אויסער דיא וועכסלען, וועלכע זיא האט אייך אַלעמען אַרויס געגעבען אויף איהר נאָמען רעבעקקע זילבערשטיין, וועט זיא אייך נאך געבען גוטע פּראָזענטען אָפּט. לאָמיר זיך האַלטען, ברידער און שוועסטער, אַלע פעסט, מיר זיינען אַלע איינאַנדער אַבהאַנגיג.... איך בין נאך אַביסיל אומרוהיג מיט דיא וועכסלען, וועלכע דוא, עקיבא, האסט פאַר אַכטאַגען לעאנען דערלאַנגט... עס איז געווען גאר אַנארישקייט מיט דיא חובות מאַנען.

— וויא הייסט עס! רופט זיך אָב עקיבא, מיר קענען דאך ניט לעבען מיט טרוקענער האָפנונג אַלס וואַרטען אויף שפּעטער; מען דאַרף דער ווייַלע אויך לעבען. דער ווייַלע האָבען מיר זיך צוטהיילט פיל וועניג פון דיא ערסטע געלד, וואס מיינע זין האָבען אויפגעמאָנט.... און עס איז אַראָב גלאַט... לעאן איז אַגלאַטער מענש, בייא איהם איז ניטא קיין אויבער חכמות. דיא טאָכטער זאגט: עס איז ריכטיג, איז ריכטיג. ווער זאל וויסען, אַז דא וועט זיך אַריין מישען אַשוואַרציאהר, דער ארקע שטיינפעלד, און ער וועט נעהמען קנורען און קניבלען.

— איצטער איז שלעכט, זאגט זעלדין, אַז מען איז אַריין געקראָכען, מוז מען ווייטער קריכען; איצטער אַז מען זאל מעהר ניט קומען בעטען דיא געלד, וועט זיין זעהר פאַדאָזריטעלנאַ... היינט וויא בעקומט מען

דער כהן (ח"ג)
אדאוויערנאסט

אדאוויערעגאסט פון עטליכע מענשען? מען קען זיך דאך ניט פארטרויען אזא זאך אויף פיל מענשען!.. אזא שטיקעל געשעפט דארף נאר זיין אונטער וואס ווייניגער מענשען. דער ווילע געה האטס מארגען אריבער צו שטיינפעלדען בעטען דיינע געלד.

—דיא וועקסלען זיינען דאך ניט אויף מיין נאמען עקיבא עסיגמאן נאר אויף איין אויסגעטראכטען נאמען. איהר ווייסט דאך פאר וואס?

—יע, טאמער וועט זיך אקאזען, אז דיא אונטערשריפט חוה שטיין איז ניט ריכטיג, הייסט עס ביזט דוא געפריצאם, וועסטו זיך זאגען: דוא ביזט מעהר ניט וויא אשליח. פוסטאיע! עס איז ניטא וואס מורא צו האבען. יענע חוה שטיין איז שוין לאנג מיט גראז בעוואכסען; אז זיא האט זיך ניט געוויזען איבער צוואנציג יאהר, איז זיא שוין לאנג ניטא אויף גאטס וועלט. מאדאם פליטין! איהר שפילט דיא ראלע פון חוה שטיין, טא שפילט אין גאנצען, שרייבט זיך אונטער אויף צווייא אנדערע וועקסלען.

זעלדין האט אנגעשריבען צווייא אנדערע וועקסלען אויף דעם נאמען עקיבא עסיגמאן אונ סארא פליטץ האט זיך אונטערשריבען. ער האט זיא געגעבען עקיבאן אונ זאגט: איהר זאלט מארגען אריבער געהן צו שטיינפעלדען אונ אבנעהמען דיא געלד... דא איז ניט אזוי דיא געלט, וויא מען דארף ניט צו לאזען, עס זאל זיין פאר שטיינפעלדען אויפפאלענד.

—אונ דיא געלד איז טאקע אויך אזאך, ארובל דרייא הונדערט וועט גאנץ גוט צו נוץ קומען פאר אונס... א זיא וואלט קענען אויס פיהרען זיא זאל זיין דיא קאסירין ביין פאטער, וואלטען מיר פארשפארען דיא אלע געשעפטען, אונ מיר וואלטען זיך ניט נוזדייען אין געלד.

—זיא וועט דאס געוויס אויך אויס פיהרען, זאגט זעלדין. איך האב איהר דאס אויפגעטאן זיא זאל דאס בעטען ביין פאטער. מיר וועללען היינט זעהען וואס פאר נייס זיא וועט אונס בריינגען... וואס זאמט זיא אזוי לאנג? אללע מאל קומט זיא פונקט פינף אוהר אונ יעטצט איז שוין צוואנציג מינוט אויף זעקס... זיא דארף היטע בריינגען וויכטיגע נייעס זיא האט מיר היינטיגע וואך געזאגט, אז עס האלט עס זאלל פארט ווערן שידוך מיט יאזעפען.

—עס האלט ווירקליך עס זאל ווערן שידוך מיט יאזעפען! האט אויסגעשריען דיא מוטטער: א דאס וועט זיין אגליק, דאס וועט זיין דאס העכסטע גליק! וויא אזוי איז דאס געווארען? זיא האט דאך אונס פאר אכטאגען געזאגט, אז עס האלט שלעכט.

—וואס איז פאר אוואונדער? זאגט זעלדין: דיא ליבע איז וויא אווינד אמאל בלאזט אהין, אמאל בלאזט אהער. פריער האט געבלאזען אהין.

דער כהן (ח"ג)

וואהרשיינליך

וואהרשיינליך האט ער געהאט אנגעליבטע איצטער בלאזט אהער, האט ער יענע אויפגעהערט צו ליבען, אדער זיא איהם, וויא דיא מאדעס איז.

—וויא באלד ער איז אזוי פערענדערליך, זאגט פליטץ, קען ער דאך געגען זעפירען (צפורהן) אויך פערענדערליך זיין.

—דוא ביזט נאר אנאר, שרה! זאגט זעלדין. צו מיר יאגען זיך נאך דיא ליבעס מיט דיא דודעס מיט דיא פאליצעס, מיר זוכען נאר יאזעף זילבערשטיין זאל מיט איהר חתונה האבען, זיא זאל זיך רופען זיין ווייב; דאן מעגען קומען טויזענד ארקעס מיט טויזענד דרייקעפלעך אונ זאגען, אז זיא איז ניט דיא ווירקליכע טאכטער, הערט מען איהם וויא דעם קאטער, — אט דאס איז אונזער ציל, פארשטייסטו מיך... שא, עס הערט זיך טריט אויף דיא טרעפ, דאס איז זעפירע (צפורה) געוויס. באלד וועלען מיר הערן נייס...

עס האט זיך געעפינט דיא טהיר, עס איז ארייַן זעפירע אדער רעבעקע זילבערשטיין. זיא איז ארייַן זעהר פריילּיך, איז צו געלאפען צו דער מוטטער, האט זיך מיט איהר צו קוסט, נאך דעם צום גרויס פאטער זעלדין האט זיך מיט איהם צו קוסט, נאכהער צו מאדאם פליטץ, האט איהר געדריקט דיא האנד זעהר פריינדליך, נאכדעם האט זיא געגעבען דיא האנד עקיבא עסיגמאן אויך.

—נו, וואס מיין טאכטער, זאגט זעלדין, עס שיינט, דוא האסט היינטע גוטע נייעס.

זעהר גוטע, פאפא. יאזעף איז היינטע געוועזען ביי מיר, האט ביי מיר פערבראכט ביי אפאר שטונדען, ער איז מיר געוועזען העכסט פריינדליך, ער האט געזאגט; ער איז ענטציקט פון מיר... דוא פארשטייסט, מאמא! זאגט זיא צו לויפענדיג צו דער מוטטער: ער האט געזאגט; ער זעהט אין מיר אזעלכע רייצענדע אייגענשאפט, וואס קיין פריילין בעזיטצט ניט... איהר פערשטעהט, פאפא, ביי וואס מיר האלטען!... אונ ווייסט איהר וועמען מיר האבען צו פערדאנקען? — אהרן שטיינפעלדען... ער האט זיך אנגענומען דורך צו רעדען מיט יאזעפען, אונ ער האט אויס געפיהרט, זיינע ווארטער האבען מעהר געווירקט אויף יאזעפען וויא דעם פאטערס לעאן.

—שטיינפעלד, זאגסט דוא? זאגט זעלדין: דער פארך! ער איז דאך געוועזען אין מאלהע נאך שלעדעוועזען דיא גאנצע געשיכטע.

—ווירקליך? פרעגט זיא מיט וואונדער אונ מיט שרעקען.

—אט איז אבריף פון חיים עסיגמאן; נאר ער האט געטראפען וואו צו פרעגען. נאמירליך חיים האט געענטפערט וואס מען דארף, אונ דיא זאך איז אראב גלאט. אבער וויא איז אז ער וואלט זיך טרעפען אויף איין אנדערן? וואלט דאך געוועזען זעהר ביטטער.

—וואס קען דאס אבער זיין פרעגט רעבעקקע וואס דא האט ער געטאן אזוי גוט פאר מיר אונ דארטען נאר דעם קאנטראסט (דעם הפך)?

—איך רעכע, זאגט דיא מוטטער, אז ער האט גאר ניסט געמיינט; ער האט גלאט געוועלט נאך פרעגען אום צו זיין זיכערער אין דער זאך.

—איך רעכע אויך אזוי, זאגט סארא פליטין.

—איך קען אויף איהם אויך ניט רעכנען קיין שלעכטעס, זאגט רעבעקקע; דען וויא איך האב געזעהען זיינע פריינדליכקייט צו מיר, קען איך דען מינדסטען פערדאכט אויף איהם ניט האבען.

—מיר דארפען אבער רעכנען, זאגט זעלדין, טאמער איז ער אזוליך, אבעטריגער: דא מאכט ער זיך גוט אום מען זאל ניט מערקען וויא ער דייסטעוועט געגען אונס... דאס דארפען מיר האלטען אין זינען אונ פאר-זיכטיג זיין.

—מיר האבען ניסט צו זארגען, זאגט רעבעקקע, היינט שטייען מיר פעסט. דער פאטער איז צו מיר העכסט ליב, וויא איהר קענט זיך פארשטעללען, עס גיבט קיין פאטער וועלכער זאל זיין אזוי צארטליך וויא ער; פון יאזעפען האב איך גוטע האפפנונגען, עס קען נאך זיין, אז דיזע וואכע זאל זיין אונזערע פערלאבונג; אונ וויטער וואס שטיינפעלד האט נאך געפרעגט, איז דאך ארויס מיט אגוטען רעזולטאט.

—יע! זאגט זעלדין: זעפירא מיין איך רעבעקקע איז גערעכט. מיר שטייען אויף אפעסטע פוס. אונזער בונד קען ח"ו האפען איין אונגליק שיידען איינער פון אונז זאלל אונס פערראטהען.

—וויא אזוי קענען מיר פערראטהען (פאלש זיין) זאגט עסיגמאנן, מיר זיינען דאך אבהאנגיג איינאנדער, אונ אונזער אלעמענס גליק ווענדט זיך אן אונזער פעסטען בונד.

—לאמיר זיך האלטען פעסט ברידער, אונ איהר דארפט וויסען, אז מיר טהוען ניט קיין אונרעכטע זאך. מיינע ערסטע טאכטער צפורה, איז געוועזען לעאנס ערסטע פרויא אלזא האט איהר פלימעניצע דאס רעכט איהר צו ירשנען; אונ ווייטער וואס וויים מען אפשר אין איהר שטארבען איז לעאן עטוואס שולדיג (איך וועל ניט זאגען פיל) מעג ער דער פאר פארגיטיגען איהר פלימעניצע; ווייטער מיינע צווייטע טאכטער שלאווע איז דאך געוויס געשטארבען פון איהם, דען אין וואוטה פון וואהנזין (פון שגעון) איז ער אויף איהר ארוף געפאללען, האט איהר גענומען שלעפען אונ זיא האט זיך דער פון איבער געשראקען אונ איז געשטארבען, — אלזא מעג ער איהר פער-גיטיגען דאמיט וואס ער וועט אדאפטירען (צו נעהמען פאר איין אייגען קינד) זייער ארעמע פלימעניצע.

—איהר זייט גערעכט, זאגען אללע; מיר טהון גאר ארעכטע זאך.

—אונ טאמער וועט ארקע שטיינפעלד נעמען מאכען מיאוסע שטיק, זאגט עסיגמאן; ער וועט נעהמען ווייטער זוכען, קנייבלען, זאלסט דוא רעבעקקע

איהם גאר אבראמען פון וועג. זאלסט בעטען דעם פאטער, ער זאל איהם מרחק זיין פון זיך.

—אך, דאס קען איך אויס פיהרען, זאגט רעבעקקע: דער פאטער ליבט מיך וויא דעם לעבען, וואס איך בעט ביא איהם פיהר איך אויס.

—אלזא זעה איהם פארט צו שאפפען פון אייער הויז דעם הונד, זאגט עסיגמאן, לאז ער געהן לעזאזל אונ מיר וועלען פטור ווערין פון אצרה.

ביא דיא רייד האט זיך האסטיג אויפגעריסען דיא טהיר, עס האט זיך בעוויזען אפען שוועלל אהרן שטיינפעלד.

14.

אללעס פערלארען.

אהרן שטיינפעלדס פלאטצליכעס ערשיינען האט אויף זייא אזוי פיל געווירקט וויא עס וואלט זייא אלעמען אדונער שלאג געטראפען. זייא זיינען אללע געבליבען וויא פערשטיינערט, דער שטייענדיג, דער זיטצענדיג, אללע זיינען געווארען טאדטענבלאסס מיט אפענע מיילער, אזוי וויא זייא וואלטען דער זעהען אווילדע חיה. אויך שטיינפעלד איז געוועזען בלייך וויא אטוך, ער האט געציטטערט פאר ווּטה. רעבעקקע, אדער זעפירא האט פאר שטעלט איהר געזיכט מיטביידע הענד אונ האט געציטטערט וויא אבלאטט. עס וואר איינע סצענע, וועלכע האט געדויערט איינע סעקונדען.

— דוא אלטער רשע! האט אהרן אויס געשריען מיט אהייזערע שטיממע אונ דאס געזיכט האט זיך ביא איהם געביטען אין אללע קאלירען: וויניג איז דיר, רשע, וואס דוא האסט אומגעבראכט פון דער וועלט דיא אומשולדיגע פריידלען! וויניג איז דיר, וואס דוא האסט דעם אומגליקליכען לעאן געמאכט אלט אונ קראנק, האסט איהם אבגעשניטען זיין לעבען! וויניג איז דיר, וואס דיא יונגע יתומהלע איז פארוואגעלט אויף דער וועלט נאר דורך דיר, — ביזטו איצטער נאך געקומען פערשטריקען דעם ארעמען לעאן אין אהעלישע אינטריגע פון איהם אוועק צו רויבען זיין געלט מיט זיין הארץ, ער זאל אויס גיסען דיינע ליבע געפיהלע אויף וועמען? אויף זיין בלוט פיינדס אקינד, אויף אזא קינד וואס איז ניט בעסער פאר איהרע עלטערין!

—הער שטטטיינפעלד! האט געגומן זעלדין שטאמלען, דען ער האט שוין דער ווילע סאסטאוועט אפלאן וואס צו ענטפערין: הער שטטטיינפעלד! איהר הההאט אטעות, דדדא איז גאר א א א....

— נענוג גענוג! זאגט שטיינפעלד: איהר האט זיך ניט וואס צו פאר ענטפערין, איך האב געהערט דא דורך דיא וואנד אייער גאנצעס געשפרעך; נאך אין מאלהע איז מיר אייער אינטריגע געווארען קלאר; איך האב זיך ניט פארלאזען אויף חיים עסיג מאנן אלליין, איך האב געמאכט אשפראווקע אפען בית עלמין צוא עס איז געשטארבען יענעם טאג אפרוזיא חוה שטיין, אונ איהר פאר שטייט דאך וואס מען האט מיר געענטפערט.

א א א א!! האבען אללע אוים געשריען מיט אביטערין זיפץ.

— אונ דוא זעפירא זעלדין! (שוין אוים רעבעקקע זילבערשטיין) דיך בעדויער איך זעהר דוא ביזט א יונג קינד, פאר דיר איז דער דאנגער-שלאג אונערטראגליך... פון העכסטען גליק אין טיפען אבגרונד געשטירצט צו זיין!... נאר דוא ביזט אלליין שולדיג: דוא האסט זיך ניט געדארפט לאזען פיהרען אין אזומפף דורך איין אלטען בעטריגער. נאר פון דעסטוועגען, דער נוטער לעאן האט דיך גערופען טאכטער, ער האט דיך פעטערליך געקוסט, האף איך ער וועט דיך ניט פערגעסען....

זעפירא אונ איהר מוטער האבען זיך ביטטער פאנאנדער געוויינט.

— יעמצט, מיינע הערן אונ דאמען, זאגט ווייטער שטיינפעלד: איצטער קענט איהר טאן וואס איהר ווילט. זעפירא זעלדין קען שוין מעהר קיין רעבעקקא זילבערשטיין ניט זיין! איך האב זיך אייך מעהר ניט בעוויזען, אום איהר זאלט וויסען, אז עס איז אסוף פון אייער אינטריגע. אונ דאנקט גאט, וואס איך בין אגוטער מענש אונ גיב אייך ניט איבער פאדסוד. אדיע, איצטער גייא איך צו לעאן.

מיט דיא רייד האט ער זיך אקעהר געטאן ארוים צו געהן. עס האט זיך איהם גלייך געשטעלט אפען וועג עקיבא עסיג מאן אונ זאגט: דוא וועסט פון דאנען ניט ארוים! הערר זעלדין! עס איז נאך ניט אללעס פערלארען, לעאן וויים נאך ניט, מיר קענען איהם צווינגען ער זאל זיין אויך אצלען אין אונזער בונד!.... איהר האט דאכט זיך טויזענדיגע וועכסעל בלאנקען ניט אהער, אונ ער וועט זיך שוין ביי מיר אונטער שרייבען, איהר פארשטייט? אז מיר וועלען האבען אויף איהם אויף דרייא טויזענד רובל וועכסלען, וועט ער שוין שווייגען אונ אללעס וועט זיין בלאהאפאלוצנא.

ביי דער עצה האבען אלע פרייא אויפגעאטמט, עס האט זייא אשיין געטאן אשטראהל פון האפנונג. זעלדין האט ארוים גענומען דרייא בלאנקען צוא טויזענד רוביל, האט אוועק געלייגט אפען טיש, האט צוא גערוקט דעם טינט אונ פעדער.

— נוא שרייב זיך שוין אונטער! שרייט עסיגמאן שקריענדיג מיט דיא ציינער אונ גלאטשענדיג מיט דיא אויגען אידם אנגעהטענדיג מיט ביידע

הענד פארין האלז, שרייבסט? אז ניט דער ווערג איך דיר שוין מיט מיינע הענד.

ביי דיא רייד האט זיך געלאזט הערין אקנאל פון ארעוואלווער. עסינמאן האט זיך אוועקגעטאן צוריק אין שרעקען. אהרן שטיינפעלד האט איהם אויסגעשטעלט ארעוואלווער אונ זאגט: אט דאס איז אזעקס-רוליגער, פרובּיר זיך צוריהרען, בלייבסט דוא אויף איין ארט. ניט שוין מיינסטו אז צווישען אבאנדע באנדיטען גייט מען מיט ליידיגע הענד.

עס האט זיך בעוויזען אין טיהר מרקוס שטיינפעלד. זייא זיינען ביידע ארויס געגאנגען, אונ יענע זיינען געבליבען טיעף נידערגעשלאגען.

15.

דיא שרעקליכע בשורה.

אהרן אונ מרקוס שטיינפעלד האבען גלייך גענומען איין איזוואסציק אונ זיינען אוועק געפאהרען אהיים. אהרן האט אנגעזאגט דעם זוהן, ער זאל קיינעם קיינע זילבע ניט ערצאהלען וואס דא האט פאסירט. ער איז אריין אין זיין צימער, האט זיך צוגעלייגט אויף אקושעטקע, ערסטען צוא ערהאלען זיך פון דיא טריוואגעס וואס ער איז אויסגעשטאנען דעם טאג, פון גרויס הערצעלייד, וואס ער ליידעט פאר לעאנען, אונ צווייטען זיך צו בעדענקען וואס צו טאן. עס האט איהם געשפאלטען דער מוח טראכטענדיג: זאל ער ענטדעקען לעאנען דיא אינטריגע? — ער וועט עס ניט אויסהאלטען; זאל ער ניט ענטדעקען? — וויא קען מען דאס? וויא קען מען דאס לאזען, אשלאנגע זאל איהם זייגען דאס בלוט?... נאר עס איז דאך שוין פארפאלען, דיא זאך איז אב געטאן, דיא אינטריגע איז שוין צוא ענדע, לעאן האט שוין קיין טאכטער ניט... ער מוז דאך וויסען ווארום האט ער קיין טאכטער ניט... איצטער איז ער דער היים אונ קוועלט זיך געוויס, וואס זיא זאמט אזוא לאנג... וואס קומט זיא ניט. איך מוז לויפען!... איך מוז איהם עפענען דיא אויגען!... אבער איך מוז איהם היטען וויא מיין אויג!... א ארטער לעאן... וואס דוא צוא ליידעסט געבעך אויף דיין וועלט!

ער האט זיך גלייך אנגעצויגען דעם פאלטא, איז ארויס פון שטוב, האט גענומען איין איזוואסציק אונ איז אוועק געפאהרען צוא לעאנען.

לעאן איז יעמאלט ארום געגאנגען אין צימער העכסט בעוועגט. וויא אהרן שטיינפעלד איז אריין אין צימער האט ער זיך אוועק געזעטצט אהנע אוואורט צוא זאגען, דיא אויגען וואהרען ביי איהם פול טרערין.

—וויא געפעלט אייך, ר' אהרן, זאגט לעאן; מיין רעבעקקע איז נאך ניטא. אמאל פלעגט זיא ארויס פאהרען, פלעגט זיא זאמען·אהאלבע שטונדע, דרייא פירטיל שטונדע, אשטונדע צום העכסטען... אונ יעטצט איז שוין צוויא שטונדען אונ זיא איז נאך ניטא... וואס קען דאס זיין!... איך בין זעהר אומרוהיג... אונ איך וויים ניט, וואס איך זאל טאן!...

—שיקט אריבער נאך איהר אמענשען, זאגט שטיינפעלד.

—איך וואלט זעהר שיקען, אבער איך וויים ניט וואו... איך וויים ניט, וואו זיא פאהרט דאס אזוי אפט.

—אט דאס איז ניט גוט, זאגט אהרן: אפאטער דארף וויסען, וואו אטאכטער געהט אפט... פון אפטע געהנג אין געהיים טרעפט אפט גרויסע אונאנגענעהמליכקייט פאר דיא עלטערין.

—זיא פלעגט מיר זאגען זיא פאהרט צו אפריינדין, צו איהר שניידערין.. איך וויים? דער גוטער יאהר וויים ווער זיא זיינען... וואס טהוא איך? וואס טהוא איך? שוין מעהר וויא צווייא שטונדען איז זיא ניטא אין דער היים!... עס איז דאך שוין נאכט!

—זיא וועט אין אשטונדע ארום אויך ניט קומען, זאגט שטיינפעלד מיט אהייזערע שטימע.

—וואס רעדט איהר!

—זיא וועט ניט קומען ניט אין אשטונדע ארום, ניט אין צווייא, ניט אין דרייא שטונדען ארום....

—א איהר מאכט מיר שרעקען! שרייט לעאן איהם נעהמענדיג פאר'ן האנד: איהר ווייסט, אז זיא וועט באלד ניט קומען!.. איהר ווייסט וואו זיא איז!... איהר ווייסט פאר וואס זיא וועט באלד ניט קומען!.. א זאגט מיר... זאגט מיר! איך האלט ניט אויס...

—איך בעט אייך, ליבער לעאן, איהר זאלט זיך עטוואס בערוהיגען, איך האב מיט אייך וואס צו ריידען וואס וויכטיגעס, אונ אז איהר וועט זיין בעוועגט קען איך איין ווארט ניט ריידען.

—איך וועל זיין רוהיג, זאגט לעאן זיך זעטצענדיג, אבער ער איז געוועזן העכסט בעוועגט, דאס געזיכט האט זיך איהם געביטען אין אללע קאלירען.

—הערט, וואס איך וועל בייא אייך פרעגען: איינער האט אנאזוויע, אגיפטיגע וואונדע; אז מען זאל איהר ניט אויס שניידען, וועט זיא זיך פערברייטערין איבערין גאנצען קארפער, — דארף מען דיא וואונדע אויס שניידען?

—געוויס מוז מען דיא וואונדע אויסשניידען, מען מוז מאכען אפעראציאן; נאר דער מענש זאל לעבען בלייבען, וויא דען?

אין

דער כהן (ח"ג)

—אונ דעם כורינג, דעם רעפאראטאר קומט קיין נאקאזאניע ניט פאר וואס ער שניידט איהם זיין פלייש?

—וואס פאר אנאקאזאניע! איהם דארף מען פארקעהרט דאנקען ציים לעבען.

—נאך אפראגע: אהונד האט אמאל צו דראפעט זיינעם הערין דיא לייב, קומט דעם הונד צו שיסען?

—געווים, זאגט לעאן: אבער זאגט מיר שוין גיכער וואצו איז אזעלכע פארערעם!

—וויא איז אבער, אז דער הער איז אריין געפאלען אין וואסער, דער הונד האט איהם גערעטעט נאר שלעפענדיג פון וואסער, האט ער איהם צו דראפעט דיא לייב, — וואס קומט דעם הונד?

—דער הערר דארף איהם בעהאנדלען וויא זיין לעבענסרעטער... אבער זאגט שוין וואו הין איהר צילט זיך... א איהר מאכט מיך שרעקען!.. זאגט מיר, וואס פאר אטרויעריגע נאכריכט האט איהר מיר מיט צוטהיילען!.. איהר זאמט? וואס שווייגט איהר? א איך זעה איהר קענט דאס ניט ארויס ריידען... זאגט שוין מיין טאכטער איז ארוים לתרבות רעה? זאגט זאגט!.... שניידט!.... שניידט מיינע וואונדען, וועלכע זיינען נאך ניכט פערהיילט!..

—איהר האט קיין טאכטער ניט, הערר זילבערשטיין, זאגט ער חליפענדיג.

—איך האב קיין טאכטער ניט! זאגט איהר, וואס רעדט איהר? זיא איז געשטארבען?.. זיא איז דער טרונקען געווארען?...

—זיא איז געזונד אונ פריש, אבער זיא איז ניט אייער טאכטער.

—אאיי! האט לעאן גענומען שרייען אונ רייסען זיך דיא האר פון קאפף.... איי! איך האלט ניט אוים!... איך וועל דעם דאנערשלאג ניט אריבער לעבען... נאר ניין! עם איז ליגען! שונאים האבען פאר אייך אנגערעדט אשרעקליכע פערלייםדונג.

—הערט, הערר זילבערשטיין! איך בין אייך דער טרייעסטער דינער אונ פריינד, פון אללע מענשען, וואס זיינען ארום אייך. איהר האט מיך אמאל ארוים געריסען פון נויט אונ געעפינט פאר מיר דיא שערי פרנסה; נאר אייך האב איך צו פערדאנקען מיין רייכעם לעבען אונ מיין פיינעם בערוף, — אלזא זייט איהר ביא מיר טהייער, וויא מיין אויג, איך מוז אייך היטען, וויא אטרייער פודעל.... איך האב געהאט אפערדאכט, אז מען האט אייך פערוויקעלט אין אהעלישע אינטריגע, האב איך אליין גענומען דייסטעוועץ, האב אייך איין זילבע פון מיין פערדאכט (חשד) ניט געזאגט, ביז איך האב דער גאנגען דיא זאך אויף קלאר, -- אונ דער ריכטיגסטער בעוויז איז: אט זעהט איהר, אז זיא קומט ניט.

דער כהן (ח"ג) א ווייא

— א, וויא איז מיר, וויא איז מיר! איך האב קיין טאכטער ניט!... וויא שרעקליך!... וויא אונערטראגליך איז מיר דיזער געדאנקע!... אוי איך וועל ניט אויס האלטען... איך וועל ניט אויס האלטען! אבער אוי!... עס שפאלט מיר מיין מוח... איך האב דאך אלליין גערעדט מיט איהר אמטע, מיט חוה שטיין איניגע מינוטען פאר איהר שטארבען! וויא קען איין שטערבענדער מענש זאגען ליגען... פיהרען אינטריגעס פאר דער גסיסה.

— יענע איז ניט געשטארבען, יענע איז ניט חוה שטיין, — יענע איז איין אקטריסע, זיא הייסט סארא פליטץ... אונ דיא מיידעל האט אויך געשפילט איינינע מאל אין טעאטער.

— א א! שרייט לעאן זיך האלטענדיג פארן קאפף, אזא העלישע קאמעדיע האט מען מיט מיר געשפילט... אונ דיא מיידיל, וועלכע איך פלעג אלס טרייער פאטער אומארמען אונ קושען, אויף וועלכע איך פלעג פאר גיסען פריידענטרערען, פאר וועלכע איך פלעג אויס גיסען מיין הארץ, — איז אפרעמדע, ניט מיין בלוט אונ פלייש... איינע בעטריגערין, וועלכע האט מיך אויס געלאכט... א גאט! וואקף אויף מיר אדונער אונ צערשמעטער מיך!

ער האט זיך גענומען שאטייען אויף דיא פיס, אהרן איז צו געלאפען, האט איהם אוועק געזעטצט אין קרעסלע. לעאן איז געוועזען שרעקליך בלייך, דיא אויגען אויס געגלאטשט, דיא האאר דובאם, אהרן האט איהם גענומען שפריטצען מיט וואסער. ער איז געקומען עטוואס צו זיך. עס וואר איינע פויזע. אין צימער איז געווארען שטילל. אהרן איז געזעסען, האט פון איהם דיא אויגען ניט אראב געלאזען.

— ר׳ אהרן! זאגט לעאן מיט אשוואכע אבער ציטערענדע שטימע: שניידט אויף מיין הארץ, זעהט וואס דארטען טהוט זיך: עס ברענט... עס פלאקערט... עס ברויזט... עס שטירמט... דאס הארץ צערשפרינגט אין מיר... אין מיינע נעהירען איז אבאאס... ר׳ אהרן, טהוט מיר דיא געפעלליגקייט... לאזט מיר אליין אין צימער... איך מוז רוהע האבען.

— איך וועל פון אייך ניט אבטרעטען קיינע סעקונדע... איך מוז אייך היטען וויא מיין שווארצאפפעל... איהר זייט שפאסאבנע אויף ווער ווייסט וואס.

— איהר זייט גערעכט, זאגט לעאן, איך דארף האבען צו זיך אוואכטער, וויא אקליין קינד. אז איהר וואלט געוועזען מיט מיר ביי קאזליצקען, וואלט מיין פריידעלע נאך עד היום געלעבט... אז איהר וואלט געוועזען מיט מיר אין מאלהע, וואלט איך ניט קומען צו איצטיגע צרות...

— עס איז ריכטיג, אז איהר קומט אין בעוועגונג, ווערט איהר אויסער זיך... איהר פערלירט זיך אין גאנצען...

— יע, איך מוז אימער האבען ביא זיך אמענשען, וואס האט אפענע אויגען און אנגעזונדען פערשטאנד . . . נאר איצטער איז שוין מיר ניט נייטיג . . . איך וועל דעם אודאר ניט אריבער לעבען באלד וועט זיין אסוף צו מיינע צרות . . . ניט מיר אביסל וואסער אונ ער ציילט מיר וויא אזוי האט איהר דאס אללעם דער גאנגען .

אהרן שטיינפעלד האט איהם געגעבען אביסעל וואסער אונ האט איהם גענומען ערצייללען, וועלכע זאכען האבען אין איהם דער וועקט אפעראדאכט (אחשד) — דיא ערסטע זאך, זאגט ער, איז מיר ניט געפעלען געוועזען איהר אפטעם ארויס פאהרען פון דער היים אונ מען האט ניט געוואוסט וואוהין; אז מען פלעגט איהר פרעגען, פלעגט זיא זאגען, אז זיא פאהרט צו אפריינדין, אונ פלעגט זוכען, וואס וויינינגער ריידען וועגען דעם. צווייטען איז מיר ניט געפעלען געווארען, וואס מען פלעגט אפט קומען מיט וועכסלען אונ מיט צעטלעך מאנען געלד, אונ דאס מאדכען האט זייא אללע פריזנייעט. איך האב אקוק געטאן, אז איינער פלעגט מאנען פאר עטליכע פערזאנען אונ האט קיין דאוויערענאסט פון זייא ניט געהאט, דאס האט מיך ארויף געפיהרט אויף דעם געדאנקען, אז דא איז איין אינטריגע, אין וועלכע עס לוינט ניט, עס זאלען זיין פערמישט פיל פערזאנען, ווייל עס קען ניט אויסגעהאלטען ווערין. איך האב געפונען אז עס איז נייטיג איך זאל אריבער פאהרען אין מאלהע, דארטען דיא זאך איזסלעדעווען וויא געהעריג איז. פאר דעם אוועק פאהרען האב איך געהייסען מיין זון מרקוסען, ער זאל נאך שפירען, וואו הין זיא פאהרט, אונ אויב עס איז מיגליך זאל ער זעהען אין יענעם ארט צוא דינגען אקוואטיר. וויא איך בין געקומען אין מאלהע, האב איך דיא ערסטע זאך גענומען נאך פרעגען ביא דיא שכנים, וואו דיא פערמיינטע חוה שטיין האט געוואוהנט. מיר האט זיך געטראפען צוא פרעגען ביא איינעם, וואס איז געוועזען פארמישט אין דעם קאמפלאט, האט יענער געזאגט נאטירליך, וויא דאס מאדכען האט ערצאהלט. איך האב זיך בעדאכט, מען דארף נאר מאכען אספראווקע אין פינקס פון קברות מאן צו איז יענעם טאג געשטארבען אפרויענצימער מיט דעם נאמען חוה שטיין, דאס האב איך געטאן, אונ עס האט זיך אזא נאמען ניט אקאזעט. דא איז מיר געווארען דיא זאך קלאר וויא טאג; איך האב נאכדעם גענומען נאכפרעגען ביא אנדערע שכנים פון יענער הויז, האבען יענע גיענטפערט אז זייא קענען ניט קיינע חוה שטיין מיט אטאכטער, אונ אזעלכע האט נאר אין יענעם הויז ניט געוואוהנט. וויא איך בין געקומען אהיים, זאגט ער ווייטער, האט מיר מיין מרקוס ערציילט, אז ער האט דערגאנגען, וואו הין זיא פאהרט דאס אפט, ער האט געזעהען, וויא זיא איז ארוף אויף אהויף, איז ארוף געגאנגען אויף אשאלקע. ער האט נאך געפרעגט: ווער דא וואוהנט, האט מען איהם געזאגט אז איין האלבע פערוואוהנט איין אלטער

איד, צוא וועלכען ,עס קומען אפט מענשען ; אונ אין דער אנדער האלבען וואוהנט אקריסטען, וועלכע האלט אוצעניקעס אפען קוואַרטיר . ער איז ארוף געגאנגען צוא דער קריסטין אונ האט געפרעגט: צוא איז ניטא אפּאַרטעס ציממער צוא פערמיטהען ? אזא ציממער איז געוועזען . אונ ער האט עס אבגעדונגען . דיזעס ציממער האט געהאט אדינע וואנד פון ברעטער, אונ דיזע וואנד האט דאס פאנאנדער געטיילט דיא קריסטינס קוואַרטיר פון דעם אלטענס, אונ דורך דיזע וואנד האט זיך געהערט יעדעס וואָרט, וואס מען האט דאָרט גערעדט . ער האט דאָרטען גענעכטיגט עטליכע נעכט, האט געהערט , וואס זייא האבען גערעדט אונ האט אלעס ערפאהרען . וויא איך בין געקומען, האט ער מיר אלעס ערציילט , האט מיך אוועק געפיהרט אהין , נאטירליך איך האב זיך גוט איינגעהילט יענע זאלען מיך ניט ערקענען . איך בין דאָרטען אבגעזעסען דעם גאנצען טאג . קורץ , פארנאכט האבען זיך אהין גענומען צוזאמען קלייבען אלע צלעגעס פון זייער קאמפּלאָט , אונ פון זייערע רייד האב איך ערפאהרען אלעס אויף קלאר . עס איז ארוף געקומען רעבעקקע , אונ דאס הויפּט געשפּרעך איז געוואָרען: מען זאל זעהען דורך אוים, עס זאל ווערין שידוך מיט יאזעפען , אום דיא זאך זאל ווערין פעסט , אז אפילו עס וועט זיך דער שווינדעל אבנארוזעווען , זאל זיא אימער בלייבען מאדאם זילבערשטיין .

— א זאגט לעאן , וואס פאר אגליק דאס איז געוועזען , אז יאזעף האט ניט געוועלט דעם שידוך ! אז ער וואלט וועלען, אונ מען וואלט זיך ערוויסען נאך דער חתונה, וויא ביטער עס וואלט געוועזען ! איך וועל זיך שעמען היינטיגען טאג פאר איהם , וואס איך האב נאסטאיוועט אויף דעם שידוך . . . יע, וואס איז געוועזען ווייטער , אז איהר האט שוין אויסגעהערט זייער גאנצעס געשפּרעך ?

— איך בין ארייך צוא זייא אונ האב זייא אביאוועט, אז איך ווייס פון אלעס .

— נוא וואס איז געוועזען ?

— זייא האבען געשוויגען . . . זייא זיינען געוואָרען זעהר צושראָקען .

— אונ רעבעקקא וואס האט געטאן ?

— זיא האט פאר שאנדע פארדעקט דאס געזיכט ; נאך דעם האט זיא גענומען וויינען .

— א זיא יאמערט מיך זעהר , זאגט לעאן : ווייסט איהר וואס איך וועל אייך זאגען , העדר שטיינפעלד ? איך האב מיט איהר זעהר מיט לייד . . . עס רייסט מיר מיין הארץ פאר איהר . . . זיא האט דאך מיך גערופען וויא פיל מאל פאטער . . . האט מיך היים געקוסט . . . האט זיך געפונען גליקליך , וואס זיא האט מיך פאר אפאטער . . . זיא האט מיך געליבט . . . איהר וועט זאגען ; עס איז געוועזען פאלש ; אבער עס איז געוועזען איין עטוואס

אמת אויך דערינגען: האט זיא מיך ניט געליבט אלס איהרען פאטער, האט זיא מיך געליבט אלס איהרען וואהלטהאטער... זיא איז מיר געוויס געוועזען דאנקבאר פאר אללעס גוטעס, וואס איך האב איהר געטאן... אלזא וואלט איך וועלען איהר אדאפטירען (רעכנען פאר איין אייגען קינד)... מיינע ווירקליכע טאכטער איז ניטא און איך קען שוין ניט האפען איהר יעמאלס צו געפינען... מיין הארץ איז מיר פוסט... איך מוז האבען אקינד, לאז זיא זיך רעכנען פאר מיין קינד... איך וויל איהר רופען צוריק און מיט דער צייט וועט זיא פאר געסען אז זיא איז מיר אפרעמדע זיא וועט מיר בלייבען טרייא וויא איין אייגענקינד. איך וויל איהר פערצייהען איהר ערסטען פאסטופאק... אבער איך קען דיזען טראכט ניט פערליהרען...

— איהר זייט גערעכט, ליבער לעאן, זאגט שטיינפעלד: דאס וואלט זעהר רעכט געוועזען; אבער אוי וויא! איך בין געצוואונגען אייך צו זאגען וועמעס קינד זיא איז... זיא איז כלב זעלדינס איין ענייקעל.

— אָ אָ! האט לעאן אויס געשריען: אָא דאס איז צו פיל.

— ער איז דאס געוועזען דער גאנצער אויפטהוער פון דער גאנצע אינטריגע.

— נוא, פאר פאללען! גיט לעאן אפאטש מיט דיא הענד: איצטער איז דיזער לעצטער פונק אויך פארלאשען געווארען!.. מיין לעבען איז אויס!... איך וועל דאס ניט אויס האלטען!...

ער איז געווארען שטילל האט פאר דעקט דאס גע‌זיכט מיט דיא הענד און האט זיך פאנאנדער געוויינט וויא אקליין קינד. אהרן האט אויך געוויינט קוקענדיג אויף איהם.

זייא זיינען אזוא געזעסען בייא אצוואנציג מינוט. נאך דעם האט זיך לעאן אכאפ געטאן האסטיג, האט גענומען לויפען איבערין צימער און אין גרויס וואוטה און שרייט:

— דער זעלדין מיין בלוט פיינד האט נאך ניט אויפגעהערט מיך צו פערפאלגען! און האט נאך געוועלט אויף מיך אויס איבען אזא בלוטיגע ראכע: איך זאל אויס גיסען מיין הארץ און מיין געלט אויף זיינעם אקינד!... איך וועל דאס ניט שווייגען!... איך מוז דא וואזבוזדייען אדיעלא!... ער מוז בייא מיר פערשווארצט ווערין אין טורמע!... שוין שיק איך אריבער נאך איין אדוואקאט!...

ער האט געוועלט אנקלינגען עס זאל אריין דער לאקייא אום איהם צו שיקען נאך זיין אדוואקאט נאר אהרן האט איהם אב געהאלטען און זאגט:

— איהר דארפט איהם ניט נאקאזעוען, ער איז שוין גענוג געשטראפט פון דער געשיכטע איהר וואלט איהם זעהען וויא ער האט אויס געזעהען, בשעת איך האב זייא געחאפט ווראס פלאך, — וואלט איהר איהם אויך בעדויערין.

— יע, איך גלויב, זאגט לעין: זיינע געוויסענסביססע (אונריזענע סאוועסטי) איז פאר איהם דיא גרעכטע נאקאזאניע, ער דארף דאס ניט קענען איבער לעבען.

16.

דיא רעכטע טאכטער.

דעם אודאר האט לעאן ניט געקענט איבער טראגען, ער איז געווארען זעהר קראנק, איז אריין געפאללען אין איין נערוועןפיבער זעהר אשטארקען, ער האט שרעקליך געליטטען.

ער איז אבגעלעגען דרייא וואכען קראנק. אהרן שטיינפעלד האט ביי איהם פון צימער ניט אבגעטרעטען אויף איין סעקונדע, ער האט איהם געפפלעגט וויא דער טרייעסטער ברודער, פלעגט זיטצען גאנצעגע נעכט וואך ביי איהם. לעאן איז געוועזען געפאהרליך, דיא דקטורים האבען געגעבען שוואכע האפנונג. לעאן האט געזאגט, אז ער איז דאמיט צוא פרידען, זיין לעבען איז פאר איהם צוא שווער, ער קען אזא קוואלפאלעם לעבען ניט אויסהאלטען. אז ער האט דערלאנגט אסומע געלד אהרן שטיינפעלד, ער זאל צוא טהיילען ארעמע לייט, האט ער איהם דערלאנגט נאך צווייא טויזענד רוביל און זאגט:

— איך בעט אייך, ליבער ר׳ אהרן, טראגט אוועק דיזע צווייא טויזענד רוביל יענעם מאדכען וועלכע איך האב גערופען טאכטער; איך בעט אייך איהר זאלט מיר ניט אבשלאגען, מיין הארץ איז פערוואונדעט וועגען איהר, זיא יאמערט מיך זעהר... זיא האט מיר פילע טעג געגעבען טרייסט, זיא האט מאנכע ביטערע שטונדען מיר פארזיסט... איך פיהל אז איך וועל איהר טאן גוטעס, וועט אראפ אגרויסע לאסט פון מיין הערצען... לאז זיא ניט אונגליקליך זיין און לאז זיא טראגען אגוטע ערמאהנערונג וועגען מיר.

אהרן שטיינפעלד האט געפונען אז עס איז זעהר רעכט, וואס ער טהוט דיזע וואהלטהאט. האט גענומען דאס געלד און האט איהר אוועק געטראגען. ער האט זיא געפונען אין אזעהר טרויעריגע לאגע, וויא דער לעזער קען זיך פארשטעלען. זעפירע (אדער צפורה) האט איהם געבעטען: צוא איז ניט מעגליך מען זאל איהר צולאזען צוא איהם, זיא וויל איהם בעטען אום פערצייהונג פאר זיין שטארבען. ער האט איהר דאס פער-שפראכען צוא פרעגען. ער איז ארויס געגאנגען, דיא איז נאך איהם

גֶאבְּגֶעאַנְגֶען פֶערְהִילְט מִיט אַדִיקֶען וָואאַל. בֵּייא זילבערשטיינס הויז אִיז זִיא גֶעבְּלִיבֶּעןּ שְׁטֵיין אַפֶען גַאס, אונ הָאט גֶעוַוארְט אַיין עֶנְטפֶער. בַּאלְד אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען שטיינפעלד הָאט אִיהר אַוואוּנק גֶעטָאן זִיא קֶען אַרַיין גֶעהן.

עֶר הָאט אִיהר אַרַיין גֶעפִיהרְט אִין זַיין צִימֶער, וואו עֶר אִיז גֶעלֶעגֶען. קֵיינֶער וַואר דַאבֵּייא. אהרן הָאט אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט דֶען קְרַאנְקֶענְוֶואכְטֶער, עֶר אַלֵיין אִיז אַרַיין אִין אַזַייטִיגֶען צִימֶער, אוּם זִיא זָאל זִיךְ נִיט שֶׁעֶמֶען. וִויא זִיא אִיז אַרַיין אִין צִימֶער, הָאט אַקוּק גֶעטָאן אוֹיף דֶעם קְרַאנְקֶען, וֶועלְכֶער אִיז גֶעלֶעגֶען צוּא בֶּעט, אִיז זִיא צוּא גֶעלָאפֶען צוּם בֶּעט, אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף דִיא קְנִיעַ, הָאט זִיךְ בִּיטֶער פַאנַאנְדֶער גֶעוֵויינְט. לעאן הָאט אוֹיף אִיהר מִילְד גֶעקוּקְט הָאט אִיהר אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין הַאנְד, וֶועלְכֶע זִיא הָאט גֶענוּמֶען הֵיים קוּשֶען אונ בֶּעפֵייכְטֶען מִיט אִיהרֶע טְרֶערֶען:

— פַּאפַּא! זָאגְט זִיא: עֶרְלוֹיבּ מִיר צוּם לֶעצְטֶען מָאל דִיךְ צוּרוּפֶען פַּאפַּא... אִיךְ בֶּעט דִיךְ פֶערְצֵייהֶע מִיר!... פֶערְצֵייהֶע מִיר!... אִיךְ גֶעשְׁטֶעהֶע (אִיךְ בִּין מוֹדֶה) אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט גֶעגֶען דִיר... מֶענְשֶׁען הָאבֶּען מִיךְ פֶערְפִיהרְט;... אונ אִיךְ אַלְס יוּנְגֶעס קִינְד הָאבּ נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וִויא גְרוֹיס מַיינֶע זִינְדֶע אִיזְט. אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָבֶּער גֶערֶעכִינְט: עֶס גִיבְּט דָאךְ גוּטֶע מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶע אַדָאפְּטִירֶען פְרֶעמְדֶע קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ מִיךְ אוֹיךְ גֶערֶעכִינְט פַאר דַיין אַדָאפְּטִירְטֶעס קִינְד... מַיינֶע לִיבֶּע צוּא דִיר, פַּאפַּא אִיז רֵיין וִויא דִיא זָאנְגֶע... אִיךְ לִיבּ דִיךְ וִויא אֵיינֶען וִוירְקְלִיכֶען פָאטֶער... דֶען דוּא הָאסְט מִיר פִיל גוּטֶעס גֶעטָאן... דוּא בִּיזְט מַיין וָואהלְטְהָאטֶער... מַיין שָׁאנְדְלִיכֶעס בֶּעטְרַאגֶען אִיז מִיר אִימֶער גֶעוֶועזֶען צוּא לַאכְט... אִיךְ הָאבּ אַלֵיין דִיר גֶעוָועלְט עֶנְטְדֶעקֶען דִיא גַאנְצֶע גֶעהֵיימְנִיס... פֶערְצֵייהֶע מִיר! פֶערְצֵייהֶע מִיר!... אִיךְ הָאבּ גֶעוָועלְט נָאךְ תֵּיכֶף לוֹיפֶען אַהֶער בֶּעטֶען אוּם פֶערְצֵייהוּנְג, נָאר אִיךְ הָאבּ גֶעפִירְכְטֶעט, מֶען וֶועט מִיךְ נִיט צוּלָאזֶען, זָא בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבֶען אוֹיף אַיין אָרְט בֶּעוֵויינֶען מַייִ טְרוֹיעֶרִיגֶעס שִׁיקְזַאל... נָאר יֶעטְצְט, פַּאפַּא, אַז דוּא הָאסְט זִיךְ עֶרְאִינֶערְט אָן מִיר אונ הָאסְט מִיר גֶעשִׁיקְט דַיין מַתָּנָה, זָא הָאבּ אִיךְ פְרֵייא אוֹיפְגֶעאַטְמֶעט אִיךְ הָאבּ גֶעפִיהלְט, אַז אַיין פוּנְק דַיינֶער אַמָאלִיגֶער מִרְיוֹתַיִת אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען אִין מַיינֶעם הֶערְצֶען, אָט בִּין אִיךְ גֶעקוּמֶען צוּא לוֹיפֶען אַהֶער, פַּאפַּא, אוּנ וֶועל נִיט אָבּ טְרֶעטֶען בִּיז דוּא וֶועסְט מִיר זָאגֶען, אַז דוּא פֶערְצֵייהסְט מִיר.

— אִיךְ פֶערְצֵייהֶע דִיךְ, מַיין טָאכְטֶער, שְׁטֶעל זִיךְ.

— אַ אַדַאנְק דִיר! אַדַאנְק דִיר לִיבֶּער פָאטֶער! זָאגְט זִיא זִיךְ שְׁטֶעלְלֶענְדִיג. עֶר הָאט אִיהר אַצִיהֶע גֶעטָאן צוּ זִיךְ אונ הָאט אִיהר אַקוּס גֶעטָאן אַפֶען שְׁטֶערְן. זִיא הָאט אִיהם הֵיים גֶעקוּשְׁט צוּרִיק אונ זָאגְט: גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאטט! מַיין הֶערְץ אִיז מִיר רוּהִיג.

מען האט אנגעקלאפט אין טהיר.

—גייא יעטצט, מיין טאכטער, זאגט ער אונ געדיינק מיך. וועל איך לעבען, וועל איך דיך ניט פערגעסען, אונ וועל איך שטארבען, שטייט שוין אין מיין צואה פארשריבען אז יאזעף מיין יורש זאל דיך אימער שטיטצען, ווען דוא וועסט פערלאנגען.

זיא האט איהם אקוים געטאן אין האנד, האט זיך פערדעקט מיט איהר וואאל אונ איז ארוים געגאנגען. עס איז אריין דער דאקטער, האט איהם געפונען ער איז בעסער, האט געגעבען האפפנונג, אז ער וועט געזונט ווערן, אהרן שטיינפעלד, פערשטייט זיך שוין, וואר אויסער זיך פאר פריידע. אז דער דאקטער איז געוועזען אוועק געגאנגען, זאגט לעאן צו אהרן שטיינפעלד:
וויא געפעלט אייך? איך פיהל מיך זעהר גוט צו מוטה, וואס זיא איז דא געוועזען האט מיך גאנץ בעלעבט; איהרע רייד, וועלכע איך האב געפיהלט געהן פון הערצען, האבען מיר נייע קרעפטען געגעבען. איצטער וואלט איך נאר קענען האפפען צו געפינען מיינע ווירקליכע טאכטער, וואלט איך נאך קענען לעבען.

—איהר שטארקט זיך אונ האפפט. איך רעכען זיא וועט אליין קומען, אויב זיא לעבט נאר. דאס פארשטייט מען, אז אייביג וועט זיא ניט זיין בייא איהר אממע. אז זיא וועט זיך דארפען פון איהר טרענען, וועט זיא איהר מוזען ענטדעקען, ווער איהר פאטער איז, איהר פערשטייט? אונ אויב זיא זאלל זיין אזוי געפיהללאז אונ וועט איהר נאך אימער ניט זאגען, — וועט זיא איהר פאר איהר שטארבען געווים זאגען... זיא מוז קומען, הערר זילבערשטיין... זיא וועט קומען אלליין... איהר דארפט איהר ניט זוכען.

—איהר האט מיר איין נייע זעעלע אריין געזעטצט, זאגט לעאן. אייער ליכטיגער פערשטאנד האט מיך אימער געפיהרט אפען רעכטען וועג.

עס איז פאראיבער געלאפען נאך איינינע טעג אונ לעאן איז אימער געווארען בעסער. מען האט שוין גערעכנט, ער זאל באלד קענען ארוים פאהרען.

יאזעף זילבערשטיין, וויא ער האט זיך ערוואוסט פון דער געשיכטע, אבבצוואר דער שקאנדאל האט איהם העכסט געריהרט, אונ דעם ברודערס צרה האט איהם זעהר געקריינקט, — פון דעסט וועגען איז ער געוועזען עטוואס קאנטענט אויך דער פון: יעטצט האט ער געזאגט, וועל איך מיין ליבבען קענען הייראטהען אונגעשטערט, מיין ברודער לעאן בלייבט מיר טרייא, אונ איך בין מיט מיין גליק זיכער. צו לעאן פלעגט ער אפט געהן בעזוכען אין זיינער קראנקהייט אונ פלעגט אוים מידען צו ריידען פון דיזער געשיכטע אום ניכט לעאנען צו קראנקען. ווען דיזער פלעגט אנפאנגען צו ריידען פון דעם, פלעגט ער געבען איין אנדער ריכטונג זייער געשפרעך אונ פלעגט ניט צו לאזען צו דיא טרויעריגע עראיננערונג, אונ פלעגט זעהען איהם צו טרייסטען.

מיט זיין געליבטע האט ער געפיהרט איינען טאגליכען בריפוועכסעל, זיא האט איהם געשריבען, אז דיא מוטטער ווילעגט איין אויף דיא פארטיע אונ זיא וועט קומען צוזאממען מיט דער מוטטער פייערן זייער פערלאבונג. נאר יעטצט איז דיא מוטטער עטוואס אונוואהל, מוזען זייא געדולד האבען ביז זיא וועט געזונד ווערן.

אויף דיא דריטטע וואך איז שוין לעאן געוועזען אים שטאנדע ארויס צו פאהרען, ער האט געוועלט פאהרען אפען בית עלמין זיך אוים וויינען אויף פריידעלעס קבר, האט איהם שטיינפעלד ניט געלאזען, דען וויא מיר וויסען, ער פלעגט נאך איהם גערן וואו אשאטען, אונ ער האט אן איהם אטריט ניט געקענט טאן. ער האט איהם געזאגט: עס מוז נאך געדולד זיין איניגע טעג.

יאזעף האט ערהאלטען אבריף פון זיינע געליבטע, אז דיזע וואכע וועט זיא קומען מיט דער מוטטער, וועלכע איז שוין יעטצט געזונד. זיא וועט אריין פאהרען אין דעם זעלבען גאסט הויז, וואו זיא איז פריער איינגעשטאנען.

יאזעף האט געפונען פארנייטיג דורך צו ריידען זיך וועגען דעם מיט לעאנען פריער. ער איז אריין צו איהם, האט איהם געפונען גאנץ רוהיג.

—ליבער ברודער, זאגט ער צו איהם, דאס איז דיר ניט אונבעקאנט, אז איך האב אכלה.

—ביא דיר איז שוין געוועזען תנאים? פרעגט לעאן מיט אוואונדער.

—נאך ניט; וויא אזוי וועל איך מאכען תנאים אן דיר? נאר זיא דארף היינטיגע וואך קומען, אונ איך וואלט וועלען פייערן אונזערע פערלאבונג, — בעט איך דיך, ליבער ברודער, אז פון דיינער זייטע זאל קיינע הינדערניסע ניט זיין.

—וויא אזוי קען איך מסכים זיין אויף אפארטיע, וואס איך קען ניט אונ וואס איך וויים ניט? וויא אזוי קענסט דוא דאס פון מיר פערלאנגען?

—אז דוא וועסט איהר זעהען, בין איך זיכער, וועט זיא דיר געפעללען זיין, דאס איז איינע הויכגעבילדעטע אונ אשיינהייט, וואס גיבט ניט אונטער דער זון, אונ דער צו זעהר אקלוגע מיט איינעם פיינעם באראקטער.

—ווער איז זיא? פון וואנען שטאממט זיא?

—אזא וועזען, וואס איז בעגאבט מיט אזוי פיל מאראלישע אונד פיהזישע איינגענשאפטען, דארף מען צו נעהמען מיט ביידע הענד אהנע נאך צופרעגען פון וואנען זיא שטאממט... נאר זיא האט געזאגט, זיא שטאממט פון אגרויסארטיגע פאמיליע.

—פון וועלכע?

—זיא האט מיר דאס נאך ניט געזאגט. נאר איך האפפע, אז זיא וועט קומען איצטער וועט זיא עדין זאגען.

—וואס האט זיא פריער ניט געוועלט זאגען . . . א דיא געהיימניסע געפעללען מיר קיין מאל ניט .

—איך פרעג אבער ביא דיר , לעאן , אז דיר וועט אללעס געפעלען , אויך דיא פערזאן אויך דער יחוס , — וועסט דוא איינוויללינגען ? וועסט ניט פערלאנגען איך זאל ווארטען ביז דוא וועסט געפינען רעבעקקען ?

—ניין , דאס וועל איך שוין פון דיר ניט פערלאנגען . איך האף שוין ניט , איך זאל איהר אזוי גיך געפינען . . . איך וויל דיך ניט צווינגען . . . לאז דיך דער אויבערסטער העלפען . . . אונ אז איך וועל וועז עס איז געפינען מיין רעכטע טאכטער , וועט מיר דער אויבערסטער צו שיקען איהר בעשערטען .

—איך דאנק דיך זעהר , ליבער ברודער , זאגט יאזעף איהם אקוס געבענדיג . איצטער איז מיין גליק אויפגעבויט . אונ אז דוא וועסט זעהען מיך גליקליך , האף איך , לעאן , וועט פאר דיר אויך זיין אטרויסט .

יאזעף איז ארויס פון לעאנען פאללער פריידע , אז יעטצט איז קיין שטערונג ניטא צו זיין גליק . עס איז פאראיבער געגאנגען דרייא טעג אין זיסער ערוואַרטונג אויף דעם דריטען טאג בעקומט ער אבריף פון איהר , אז מארגען פאהרט זיא ארויס ; מיט וועלכען פאעזד ווייס זיא ניט . ער זאל איהר אפען וואגזאל ניט אויף ווארטען ; אזוי פערלאנגט זיא , אונ גלייך וויא זיא וועט קומען , וועט זיא איהם צווויסען געבען .

לעאן האט זיך דיזע וואכע גאנץ גוט ערהאלט . ער איז שוין איינינגע מאל געוועזען ארויס געפאהרען מיט אהרן שטיינפעלד שפאצירען . ער האט אללע טאג געוועלט פאהרען אפען בית עלמין , אונ אהרן האט איממער ניט צו געלאזען . ענדליך אם ענדע וואכע , דאס הייסט , אין דרייא וואכען ארום זינד ער איז קראנק געווארען , האט אהרן שטיינפעלד נאכגעגעבען אונ זייא זייגען ביידע אוועק געפאהרען אין זיין קארעטע אפען בית עלמין . עס וואר צעהען אוהר דעם מארגענס , דאס וועטטער וואר שיין , דיא זאנגע האט געשיינט הערליך . עס וואר שוין אנפאנג פריהלינג , דיא לופט וואר ער־קוויקענד , לעאן האט זיך געפיהלט , וויא עס האבען זיך איהם צוריק געקעהרט דיא יוגענדליכע קראפטען , עס איז איהם געוועזען אזוי פרייליך צו מוטה , אזוי וויא דיא אמאליגע יאהרען , בשעת ער האט גענאססען דיא וואנגע פון ליבע מיט פריידעלן צו זאמען . ער האט זיך אלליין געפרעגט : וואס טהוט זיך דא מיט מיר ? וואס בין איך היינט אזוי פרייליך ? ער איז אביין אין דעם מייעריל , וואס אויף פריידעלעס קבר , איז ארויף געפאללען אויף דעם קבר , האט געוועלט אויס ברעכען אין אגעוויין ; עס האט זיך אבער איין טראפפען טרערין ניט בעוויזען . דאס האט זיך איהם נאך ניע געטראפען . אהרן שטיינפעלד איז דער ווייליע געשטאנען אין טיהר פערזונקען אין געדאנקען דער פערגאנגענהייט .

דער כהן (ה״ג)

לעאן

לעאן איז געשטאנען איינינע מינוטען אויף דיא קניע פאר פריידעלס קבר, האט פאר דעקט דאס געזיכט, האט געבעטען נאטט, ער זאל איהם שיינקען זיין טרויסט צו דער עלטער, ער זאלל איהם אוועק געבען זיין טאכטער. נאך דעם איז ער אויפגעשטאנען, האט אויפגעהייבען דיא קאפף ניט אכוק אין פענסטער צו דער רעכטער האנד, נאכהער צוא דער לינקער האנד, ניט אטראט האסטיג צוריק אין אגוואלדיגען געשרייא: הא! פריידעלע!... פריידעלע!...

אהרן שטיינפעלד האט פון דעם געשרייא אשוידער געטאן, ניט אקוק אונ ניט אויך אגעשרייא פריידעלע! ער האט אחאפ געטאן לעאנען פארין האנד, זייא זיינען ביידע האסטיג ארויס זיינען זייא געבליבען שטיין ביידע וויא פערשטיינערט. זייא ענטגעגען שטעהט אמאדכען בלאס, ציטערט אונ דיא אויגען פול מיט טרערין. זייא זיינען אזוא געשטאנען איינינע מינוטען אהנע אווארט צוא ריידען. עס וואר איינע ריהרענד שזיוואיא קארטינא. ענדליך רופט זיך אב אהרן: ווער זייט איהר ליבעם פריילין?

— איך בין דא געקומען וויינען אויף מיין מוטערס קבר, ענטפערט זיא מיט אשטיללע אונ ציטערענדע שטיממע.

— טאכטער מיינע!... טאכטער מיינע!... האט לעאן אגעשרייא געטאן איהר היים אומארמענדיג.

— פאטער מיינער! האט זיא אגעשרייא געטאן אונ איז געפאללען אין זיינע ארמען אונ האט אויס געבראכען אין אגעוויין.

— טאכטער מיינע!... דוא ביזט ווירקליך מיינע טאכטער!... מיינע ריבינקע! שרייט ער מיט אציטערנדע שטיממע איהר פעסט האלטענדיג אין זיינע ארמען, וויא ער וואלט פירכטען, מען זאל איהר פון איהם ניט ארויס רייסען: יעטצט מעג קומען דיא גאנצע וועלט זאגען, אז דוא ביזט ניט מיינע, וועל איך ניט גלויבען... דוא ביזט פונקט דיינע מוטטער פריידעלע!... דוא ביזט מיינע... מיינע!

קיינער איז ניט געוועזען אויף דעם בית עלמין, קיינער האט ניט צוא געזעהען דיזע ריהרענדע סצענע אויסער אהרן שטיינפעלד, וועלכער וואר העכסט בעוועגט פון דיזער סצענע אונ וואר העכסט ענטציקט, וואס זיין לעאן האט געפונען זיינע רעכטע טאכטער אונ וועט שוין זיין געטרייסט אויף זיין עלטער. נאך אפערזאן האט צו געזעהען דיזע סצענע, דאס וואר חוה שטיין, וועלכע האט זיך פערשטעקט הינטער אמצבה, ער זאל איהר ניט דער זעהען; זיא האט געפירכטעט ער זאל איהר קיינע שטרענגע פאר־ווירפע ניט מאכען פאר איהר גרויזאמען פאסטופאק, וואס זיא האט פון איהם געריזבט זיין טאכטער צוואנציג יאהר. דעם מאל האט זיא שוין איינ־געווילליגט, זיא זאל קומען צו איהר פאטער. זיא האט שוין געוואוסט, אז

זיא ליבט זיך מיט יאזעף זילבערשטיין אונ זייער ליבע איז געווארען דורך אזעלכענעם צופאלל. אונ פריידעלע האט דאך געשריבען אין איהר צוואה: „שיידען גאט וועט צוזאמען פיהרען“ האט זיא גערעכינט: אט מיט דעם צופאלל האט דאס גאט זייא צו זאממען געפיהרט. זיא איז דאס איצטער געקומען צו פאהרען מיט רעבעקקען, וויא דיזע האט אבגעמאכט מיט יאזעפען, צו פייערין דא זייערע תנאים, אונ זייא האבען גערעכינט, אז גלייך וויא יאזעף וועט קומען צו זייא, וועלען זייא אללע גיין זיך פאר־שטעללען פאר לעאנען אונ בעטען איהם אום פערצייהונג, פאר וואס זיא האט איהם אזוי לאנג געקוועלט. נאר פאר דעם זעהען זיך מיט יאזעפען, איז רעבעקקא געגאנגען זיך אביסעל אויס וויינען אויף איהר מוטערס קבר, אונ דא איז גראד אין דער צייט געוועזען לעאן. אט האבען זייא זיך דא געטראפען.

נאך דער ערשטער איבערראשונג, זיינען לעאן אונ רעבעקקע אריין אין מויערל וואס אויף דער מוטערס קבר, דא זיינען זייא ערשט ארויף געפאלען אויף פריידעלעס קבר אונ האבען אלאנגע צייט געוויינט. אהרן שטיינפעלד האט געזעהען, אז דאס איז צוא פיל, האט ער נאסטאיוועט, זייא זאלען פאהרען אהיים, זיך ערהאלען. ער האט זייא מיט שווירינקייט אבגעריסען פון דיא קברים. זייא זיינען ארויס פון בית עלמין, האבען זיך געזעטצט אין לעאנס קארעטע. חוה שטיין איז יעמאלט אויך ארויס פון בית עלמין אונ האט זיך געזעטצט אויף איהר איזוואסציק, לעאן האט איהר דערקענט, ער האט אויס גערעדט רעבעקקען, פאר וואס זיא האט איהם חוהען ניט פארגעשטעלט, ער האט געזאגט, אז ער פערצייהט איהר, ווייל זיא האט דאך געמוזט מקיים זיין פריידעלעס צוואה, אונ האט איהר געבעטען זיא זאל זיך אויך זעטצען מיט זייא אין קארעטע. זיא האט נאך געגעבען, אונ זייא זיינען אלע פיר אוועק געפאהרען צוא לעאנען.

חוהען אונ רעבעקקען האט ער אנגעוויזען איין אפארטעס צימער דערווייל ביז מען וועט צורעכט מאכען פאר איהר איינע אפארטע וואהנונג, חאטש עס איז דאך שוין געוועזען אזעלכע פאר דיא פאלשע טאכטער; נאר ער האט גערעכינט אז דיזע זאל זיך מאכען נאך איהרען געשמאק. יעטצט האט ער גערעכינט איז נייטיג יאזעף זאל קומען איהם פארשטעלען זיינע טאכטער. ער האט געבעטען אהרן שטיינפעלד זאל איהם טאן דיא געפאלינקייט אריין געהן צוא איהם אונ ניט אבטרעטען, ער מוז קומען גלייך מיט איהם; אונ דער פאר שיקט ער ניט קיין לאקיי, ווייל דעם לאקייא וועט ער ניט פאלגען אונ קען ערסט קומען פאר נאכט, אונ איהם איז נייטיג ער זאל דווקא שוין אריין קומען. אהרן איז ארויס געגאנגען.

— א זאגט לעאן פאר זיך: דיא מאס פון מיינע פריידע איז נאך ניט

פוּל. אִיךְ הָאבּ אִיהם פֶערְשְׁפְּרָאכֶען, אַז אִיךְ וֶועל אִיהם קֵיין שְׁטֶער נִיט זַיין אִין זַיין שִׁידוּךְ. אַז אִיךְ וָואלְט וִויסֶען, אִיךְ וֶועל הָאבֶּען מַיינֶע טָאכְטֶער, וָואלְט אִיךְ אִיהם דָאס נִיט פֶערְשְׁפְּרֶעכֶען. וֶוער וֵוייסְט וָועמֶען עֶר הָאט זִיךְ דָארְטֶען אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען. נָאר דֶערְוַוייל איז דָאךְ יֶענֶע נִיט גֶעקוּמֶען, דָאס וַוייס אִיךְ, וַוייל עֶר הָאט מִיר אִיהר נָאךְ נִיט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט. אִיצְטֶער וֶועט עֶר קוּמֶען אַהֶער, אַז עֶר וֶועט דִיזֶע דֶערְזֶעהֶען, הָאף אִיךְ, וֶועט עֶר שׁוֹין קֵיין אַנְדֶערֶע נִיט וֶועלֶען; זִיא אִיז דָאךְ פריידעלעס אַקִינְד זִיא אִיז גֶערָאטֶען אִין אִיהר מוּטֶער. נוּא מַיינֶע הָאפְנוּנְג אִיז נָאךְ נִיט פֶערְלָארֶען. אוּנ אוֹיבּ דִיזֶע וֶועט אִיהם מֶעהר גֶעפֶעלֶען פַאר יֶענֶע, וָואס דָאס אִיז בַּייא מִיר קֵיין צְוַוייפֶעל נִיט וֶועלֶען מִיר יֶענֶע בֶּעפְרִידִיגֶען.

וֶוען אהרן שטיינפעלד אִיז אַרַיין צוּא יאזעפען, הָאט עֶר יֶעמָאלְט צוּרֶעכְט גֶעמַאכְט זַיין טוּאַלֶעט, דֶען עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט בֶּעקוּמֶען דִיא נַאכְרִיכְט אז זַיין גֶעלִיבְּטֶע אִיז שׁוֹין אָנְגֶעפָאהרֶען, אוּנ עֶר הָאט זִיךְ דָא אִיצְטֶער צוּגֶעקְלִיבֶּען צוּא פָאהרֶען אָבְּשְׁטַאטֶען אִיהר דֶעם עֶרְסְטֶען וִויזִיט אוּנ נַאכְהֶער אִיהר פָארְשְׁטֶעלֶען פַארִין בְּרוּדֶער. אהרן הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז לעאן בֶּעט אִיהם, עֶר זָאל אַרַיין קוּמֶען צוּא אִיהם, עֶר הָאט אַפָארְגֶעהַטֶען גַאסְט. יאזעף הָאט נִיט גֶעוָועלְט גֶעהְן, דֶען עֶר הָאט זִיךְ גֶעאַיילְט צוּא זַיינֶער בְּרוֹיט; עֶר הָאט גֶעזָאגְט עֶר וֶועט קוּמֶען אִין אַשְׁטוּנְדֶע אַרוּם. אהרן הָאט אִיהם אָבֶּער נִיט אָפְּגֶעלָאזֶען: עֶר מוּז מִיט אִיהם שׁוֹין גֶעהְן, אוּנ יֶענֶעם וִויזִיט וֶועט עֶר אָבְּשְׁטַאטֶען שְׁפֶּעטֶער. יאזעף הָאט גֶעמוּזְט נָאכְגֶעבֶּען. זַייא זַיינֶען בֵּיידֶע אַוֶועק צוּא לעאנען, זַייא זַיינֶען אַרַיין אִין זַיין קַאבִּינֶעט, וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען יֶעטְצְט אַלֵיין.

— יאזעף, זָאגְט צוּא אִיהם לעאן מִיט אַפְרֵיילִיכֶע מִינֶע: אִיךְ הָאבּ דִיר אָן צוּזָאגֶען אַפְרֵיילִיכֶע בְּשׂוֹרָה... זָאג מִיר מַזָל טוֹב: אִיךְ הָאבּ גֶעפוּנֶען מַיינֶע רֶעכְטֶע טָאכְטֶער רעבעקקען.

יאזעף אִיז גֶעוָוארֶען אַצוּמִישְׁטֶער הֶערֶענְדִיג דִיא וֶוערְטֶער. עֶר טְרַאכְט בַּייא זִיךְ: וִויא אִיהם טְרֶעפְט זִיךְ דָאס אַלֶע וַוייל מְצִיאוֹת! אַלֶע וַויילֶע גֶעפִינְט עֶר אַטָאכְטֶער!... עֶר וֶועט מִיר אִיצְטֶער וַוייטֶער גֶעהֶמֶען דוֹרֶען אַקָאפְּף צוּ הֵייַראטְהֶען אִיהר; נָאר אִיךְ וֶועל אִיהם נִיט הֶערִין.

— יאזעף, וָואס שְׁוַוייגְסְט דוּא? זָאגְט לעאן: דִיר אִיז נִיט אַנְגֶענֶעהם, אַז אִיךְ הָאבּ אַזַא פְרֵיידֶע?

—עֶס וָואלְט מִיר זֶעהר אַנְגֶענֶעהם זַיין, זָאגְט יאזעף; נָאר אִיךְ הָאבּ מוֹרָא טָאמֶער...

—טָאמֶער אִיז זִיא נִיט דִיא רֶעכְטֶע?... הַאפְּט אִיהם אוּנְטֶער לעאן: זַייא רוּהִיג... דָא אִיז שׁוֹין קֵיין צְוַוייפֶעל אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיטָא. זִיא הָאט

דער מוטטער אנבליק , דוא פערשפייסט ? אונ האהען איהר אמטע קען איך דאך געווים .

נוא ווינש איך דיר מזל טוב , זאגט יאזעף קאלט ; נאר וואס האסט דוא זיך געאיילט מיך צו הפען ? מיין כלה איז שוין געקומען , אונ איך מוז איהר געהן אבשטאטען אוויזיט .

—ניין , איך וויל דיר פריער פארשטעללען מיין טאכטער , זאגט לעאן .

—פיללייכט מיינסטו ניט , לעאן , מיט מיר ווייטער צו נעהמען ביידין דיא אמאליגע רייד ?

—פאר וואס ניט ? זאגט לעאן מיט אשמייכעל ; נאר איך וועל מיט דיר פיל ניט ריידען , אז דוא וועסט איהר זעהען , וועסט דוא זיך שוין ביי מיר בעטען .

—הער אויף , לעאן , דיא פוסטע רייד ; דיין טאכטער מעג היינט זיין איין ענגעל , וועל איך יענע ניט פערראטהען ... איך וועל הייראטהען יענע !...

עס מעג זיך איבערקעהרען וועלטען .

—יאזעף , דוא מאכסט מיר אן גרוים הארצווייטאג .

דיא הארצווייטאג מאכסט דוא זיך אלליין אן , ווער איז דיר שולדיג ?...

לאז מיר ... איך מוז שוין געהן ... זיא ווארט אויף מיר .

—ווארט אווייליע , זאגט לעאן , זיא וועט שוין אריין געהן אהער , וועל איך דיר איהר פארשטעללען .

—דא וועט זיך אנהייבען מיט דיא דאמען רעכט , איך וועל דא דארפען אבזיטצען צוויא שטונדען אונ פלאפלען פאן דער וויטטערונג ; דאס איז מיר אונערטרעגליך .

לעאן איז געוועזען בעשטירצט פון יאזעפס רייד , זיין בענעהמען איז פאר איהם געוועזען , וויא ער וואלט אריין געבען אמאל טראפפען אין זיין פריידענ-בעכער . ער איז געזעסען העכסט בעוועגט פון פערדרום אונ פון כעס אויף יאזעפען .

יאזעף רייסט זיך צו געהן אונ לעאן האלט איהם נאך אימער צו . מיט אמאל עפינט זיך דיא טהיר , עס האט זיך בעוויזען רעבעקקע .

—הא ! וועמען זעה איך ! גיט אגעשרייא יאזעף איהר אומארמענדיג .

—מיין יאזעף ! גיט זיא אגעשרייא פאללענדיג אין זיינע ארמען , אונ זייא האבען זיך ביידע גענומען קושען .

לעאן איז געבליבען שטיין פערבליפט , ער קוקט אויף דער סצענע מיט אוים געגלאטשטע אויגען .

—וואס טהוט זיך דא מיט איך , קינדער ?

—אט דאס איז דאך מיינע ברויט, מיינע געליבטע, וואס איך האב דיר געזאגט, זאגט יאזעף.

—וויא? דוא האסט זיך שוין געקענט מיט איהר, אונ דוא האסט מיר ניט געזאגט!

—פאפא, זאגט רעבעקקע, ער האט ניט געוואוסט, אז איך בין הערר לעאן זילבערשטיינס טאכטער.

—לעאן, זאגט יאזעף איך האב זיך פערליבט אין איהרע אייגענשאפטען, אהנע צו וויססען ווער זיא איז, פון וואנען זיא שטאממט... א גאטט! וואס פאר אגליקליכער צופאל! איך האב זיך געליבט מיט מיינע ניכטע (פלימעניצע) א איך האלט ניט אויס פאר פריידע!!

—א זאגט לעאן מיט ענטציקען: איהר, מיינע קינדער, האט זיך געליבט... איהר ווילט פערבינדען אייער לעבען צוזאממען... דאס איז דאך מיין היילינגסטער וואונש. קומט, קינדער מיינע, שרייט ער אויס שטרעקענדיג דיא ארמען, קומט לאמיר זיך אומארמען אללע צו זאממען!

יאזעף אונ רעבעקקע זיינען איהם געפאלען אין דיא ארמען, זייא האבען זיך אללע דרייא פעסט אומגעקלאממערט אונ הייס געקוסט.

—אהרן, מיין טרייער פריינד! מיין איננינגסטער פריינד, זאגט לעאן, איהר האט געליטען מיט מיר צו זאממען אין מיינע שווערע צייטען, קומט, געהמט איין טהייל אן מיין פריידע!

אהרן שטיינפעלד האט זיך אויך אנגעקלאממערט אן דער גרופפע אונ האט זיך מיט זייא געקוסט.

נאך הער האט זיך רעבעקקע אונ יאזעף געקוסט מיט חוהען, יאזעף האט איהר געדאנקט וואס זיא האט פאר איהם אויפגעהאדעוועט אזא היבשע ברויט.

עס איז אריין געקומען לעאנס פרויא: ער האט איהר פארגעשטעלט זיינע טאכטער מיט איהר אממע, וועלכע האט איהר בעהאנדעלט וויא אמוטטער; דיזע האט זיך מיט זייא געקוסט.

דא האט זיך אנגעפאנגען פראגען אויף פראגען: וויא האבען זייא זיך בעקענט? וואס האט מיט זייא פאססירט אונטער דער גאנצער צייט. לעאן האט געזאגט דיא אללע ערצאהלונגען זאלל בלייבען נאך פריהשטיק, אז אללע וועלען זיך האבען ערהאלט פון זייערע איבערראשונגען.

מען האט געלאדען אללע אנוועזענדען אין שפייזע צימער, דארט וואר שאן סערוויערט אפריהשטיק גרויס ארטיג. מען האט געגעסען אונ געטרונקען זעהר געמיטהליך. נאכהער האט חוה דערצייילט איהר געשיכטע וויא זיא האט ערצויגען רעבעקקען. נאכדעם האט יאזעף גענומען ערציילען זיין

געשיכטע וויא אזוי ער איז געוואָרען בעקאנט מיט רעבעקקען אונ וויא אזוי זייער ליבע איז ענטשטאנדען ·

אללע האבען זיך געקייכט פאר געלעכטער ; לעאָן האט געלאכט מעהר פאר אללעמען ·

דעם זעלבען אבענד האט מען געפייערט דיא פערלאבונג (דיא תנאים) פון יאזעף אונ רעבעקקע זילבערשטיין , אונ עס וואר פעסט געזעטצט אין אמאנאט ארום זאלל זייערע פערמאהלונג (החונה) שטאטט פינדען אונ אין הויז זילבערשטיין וואר פריידען איבער פריידע ·

דער כּהן

אַיין ראָמאַן אין פיער טהײלע

פון

עוזר בלאשטיין.

פירטער טהייל

ווילנא

בהוצאות ובדפוס ה׳ [illegible]
שנת תרס״ד לפ״ק

КОГЕНЪ.
Романъ въ четырехъ частяхъ.
Соч. Авзера Блоштейна. Часть I.
Съ Виленскаго изданія 1896 г.
Соб. изд. Л. Л. Маца.

ВИЛЬНА.
Въ Типографія Л. Л. Маца. на Завальной
улицѣ домъ Зендорфа [illegible] 3 г.

Дозвлеоно цензурою 4 Ноября 1903 г. Вильна.

פיערטער טהייל

1.

פאר וואס איין ארעסטאנט אקריסט איז מקנא דעם אידען.

דער לעזער האט געוויס ניט פערגעסען, אז פייבוס קארנאץ אונ זעליג בריל זיינען אוועק געפאהרען אויפזוכען יענקעצקע הוהו אונ ארויס קריגען פון איהם אגט פאר פריילין לאהצע דאבקין, קארנאץ האט זיך אנגענומען איהם צו געפינען, ווייל ער ווייס אללע ערטער, וואו ער קען זיך איינגעפינען, אונ קען דיא פערזאנען, מיט וועלכע הוהו האט אויפטראג; אבער דורך צוא האנדלען מיט יענקעצקען האט ער זיך ניט אנגענומען, ווייל ער האט מורא, ער זאל איהם ניט דער לאנגען מיט זיין מעסער אין דיא אנדער באק. זעליג בריל אבער איז געפאהרען אין דער האפפנונג, אז איהם וועט זיין לייכטער מיט איהם דורך צו האנדלען, ווייל, וויא מיר ווייסען, ער איז איהם געוועזען דאנקבאר פאר אטובה, וואס זעליגס פאטער האט איהם געטאן; נאר פעסט זיכער אז ער וועט ביי איהם לייכט אויס ווירקען (פועל זיין) איז ער פון דעסט וועגען ניט געוועזען: ער איז דאך אזוליק אונ אבאנדיט, ביי וועלכען סאוועסט שפילט קיין ראלע ניט. זעליג בריל האט גוט חרטה געהאט, וואס ער האט איהם גענומען פאר אמיטעל אויס צוא איבען זיין ראכע (נקמה). ער האט געמיינט: יענקעצקע זאל איהר מקדש זיין, וועט דאס קאסטען זימלען אפאר הונדערט רובל מיט אביסיל נעפריאטנאסט, — דער מיט וועט זיין אויסגעאיבט זיינע ראכע; אונ ווידער אז דורך דיזע געשיכטע וועט זיין טאכטער אביסיל וואכעדיג ווערין, וועט זיך זימל אויף הערין צו קוראזען אונ וועט זיך פרייען, אז ער וועט קענען טאן אשידוך מיט אהרן שטיינפעלד, — דאן בעקומט ער עטליכע הונדערט רובל שדכנות, אונ עס וועט זיך אויס לאזען גוט פאר אללעמען. היינט אבער אז דער באנדיט בעט גאר פיר טויזענד רובל, אונ ערסט סקריוואיעט ער זיך גאר אונ מען דארף גאר מורא האבען זיא זאל ניט בלייבען איין עגונה, — אויף אזוא איין אונגליק האט ער זיך ניט גערעכט; ער האט זיך דאס לעבען גענומען פון פערדרוס, אז ער האט אביין געשלעפט דיא אונשולדיגע לאהצען אין אזוא איין אונגליק אונ מיט איהר דארפען מיטליידען מרקים שטיינפעלד מיט זיינע עלטערין אונ לאהצעס מוטער שרה, וועלכע זיינען גאר אין קיין

זאך ניט שולדיג. אלזא האט ער זיך פעסט בעשלאסען: עס מעג איהם קאסטען דאס לעבען: ער מוז זייא ארויס ציהען פון דעם זומפף, וואו הין ער האט זייא אריין געשלעפט.

קארנאץ, אויסער דיא וויגאדע פון געלד וואס ער האט געזעהען אין דעם געשעפט, האט גענומען ארבייטען דערינען אויס מיטלייד אויך; דען, וויא מיר ווייסען, ער פלעגט זיך בעריהמען, אז ער איז אטוב ומטיב, אונ אלעס וואס ער טהוט, איז ער נאר אויסען יענעמס טובה, אונ דיא געלד וואס ער נעהמט איז דאך מעהר ניט ווייל ער דארף דאך לעבען. אלע האבען געלאכט פון אזעלכע טובות: צום בייאשפיל וואס ער האט אבגעטאן אזא נבלה אונ האט אונטער געפיהרט אפאלשע טאכטער פאר לעאן זילבערשטיין, האט ער גערעכינט, אז ער טהוט דער מיט פיל טובות: ערסטען נעהמט ער איין ארעמע מיידיל, וואס האט ניט מיט וואס חתונה צו האבען, אונ מאכט איהר גליקליך; דורך איהר ווידער ווערין אבעסטפעצעט איהרע ארעמע מוטער אונ איהר ארעמער גרויספאטער זעלדין; היינט בייא דעם געשעפט האבען דאך געארבייט איינינע פערזאנען, אונ יעדער האט פערדינט; היינט לעאנען האט ער דאך געטאן דיא גרעסטע טובה: ער האט איהם געגעבען אטאכטער, וואס איז פאר איהם דאס גאנצע לעבען. אי וואס? דאס איז גאר ניט זיין טאכטער, עס איז אפרעמדע, — לעאן ווייס דאך אבער ניט דער פון: בייא איהם אין דיא אויגען איז זיא דאך זיינע ווירקליכע טאכטער, איז דאך איהם שוין גוט. דיא גאנצע רעה איז דאס נאר געווען פאר יאזעף זילבערשטיין, וועלכער וואלט זיך דאדורך ליישייען לעאנס נאסלעדסטווא, — איז ער דאך געגוג רייך, אונ ער נוזדייעט זיך ניט דערינען.

אט אזעלכע סארטען טובות פלעגט קארנאץ טאן; פריער פלעגט ער זעהען אין יעדעם געשעפט צוא איז דא ארוביל; נאכהער פלעגט ער שוין ארויס זוכען דער פון עטוואס אטובה פאר ווער עס איז; ער האט נאר געזוכט, זיין געוויסען זאל זיין ריין. פון דעסטוועגען קען מען ניט לייקענען; ער האט יע געהאט אמענשליכעס געפיהל, אונ פלעגט מאנכעמאל ווירקליך ארויס ווייזען מיטלייד געגען אונגליקליכע. דאס אונגליק פון זימלם הויז האט איהם זעהר גערידהרט: ער האט מיטלייד געהאט מיט דער ארעמע לאהצען, אונ האט זיך אויך פעסט בעשלאסען צוא טאן וואס מעגליכעס, נור אום דיא אונגליקליכע צוא רעטען.

בייא זימלען אין הויז זיינען אללע געווארען רוהיג, דען זייא האבען פעסט געבויט אויף דיא ערליכקייט פון קארנאץ אונ אויף דיא סטאראניע פון בריל, וועלכער, וויא זייא ווארען זיכער, האט געהאט אגרויסען איינפלוס אויף דעם באנדיט. לאהצע אונ מרקום פלעגען זיך אפט זעהען, ער פלעגט

צו זַייא אַרַיין קוּמֶען אָפְּט אִין הויז ; דֶען זַייא הָאבֶּען זִיךְ שׁוֹין בֶּעטְרַאכְט אַלְס חָתָן אוּנ כַּלָה , הָאטְשׁ זַייעֶרֶע תְּנָאִים אִיז נָאךְ נִיט גֶעוֶועֶן ; נָאר וִויא בַּאלְד זַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבֶּען אַיינְגֶעשְׁטִימְט , וָואס דַארְף מֶען מֶעהר ? זַייא פְּלֶעגֶען זֶעהר פְּרֵיילִיךְ דִיא צַייט צוּבְּרֵיינְגֶען . מַאנְכְּע מָאל , וֶוען דֶער פָּאטֶער וַואר נִיכְט צוּ הויזֶע , פְּלֶעגֶען זַייא זִיךְ בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען מִיט מוּזִיק ; דֶען וִויא מִיר וֵוייסֶען זִיא הָאט הֶערְלִיךְ גֶעזוּנְגֶען אוּנ גֶעשְׁפִּילְט פְּיַאנָא , אוּנ עֶר הָאט גֶעשְׁפִּילְט וִויאָלִין . דַאן פְּלֶעגֶען זַייא פַארְגֶעסֶען אוֹיף אַלֶע זַייעֶרֶע צָרוֹת אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעשֶׁעטְצְט גְלִיקְלִיךְ .

עֶס אִיז שׁוֹין פָּארְאִיבֶּער גֶעלָאפֶען זֶעקְס וָואכֶען זִינְד קארנאץ אוּנ בריל זַיינֶען אַוֶועק גֶעפָאהרֶען אוּנ עֶס אִיז נָאךְ קַיין רֶעזוּלְטַאט נִיטָא פוּן זַייעֶר רֵייזֶע . פְּרִיעֶר זַיינֶען זַייא גֶעוֶועֶן אִין מאהילעוו , דֶען זַייא הָאבֶּען גֶעהַאט אֶדְרֶעסֶע , אַז עֶר אִיז אַוֶועק אַהִין . דָארְטֶען הָאבֶּען זַייא אִיהם אָבֶּער נִיט דֶער וִויסְט : זַייא הָאבֶּען עֶרְפַאהרֶען פוּן חֶבְרָה , אַז עֶר אִיז אַוֶועק אִין אַרָאל . דָארְטֶען הָאט עֶר אֶפְּגֶעטָאן אַמַעֲשֶׂה , הָאט עֶר גֶעמוּזְט פְּלֵיטָען . זַייא הָאבֶּען מִיט גְרוֹיסְשְׁוִירִיגְקַייט דֶער ווּאסְט , אַז עֶר אִיז אַוֶועק אִין צערניגאוו . עֶס הָאט זַייא דָאס גֶעקָאסְט פִּיל גֶעזוּנְד , אוּנ מִיה , אוּנ גֶעלְד , אוּנ צַייט . דָא אִין צערניגאוו הָאבֶּען זַייא זִיךְ דֶער ווּאסְט , אַז עֶר זִיצְט שׁוֹין . זַייא הָאבֶּען גֶענוּמֶען חַלַאפָּאטְשֶׁען בַּייא דֶעם פְּרָאקוּרָאר דוּרְךְ גְרוֹיסֶע פְּרָאטֶעקְצִיָאן , מֶען זָאל זַייא צוּ לָאזֶען צוּ אִיהם , וַוייל עֶס דָא הַאנְדֶעלְט זִיךְ וֶועגֶען אַנְט פַאר אַפְּרַיילִין , וָואס עֶר הָאט אוּנְגְלִיקְלִיךְ גֶעמַאכְט . מֶען הָאט זַייא אַרַיין גֶעלָאזֶען אִין טוּרְמֶע , זעליג בריל אִיז אַרַיין צוּ אִיהם ; דֶען קארנאץ , וִויא מִיר וֵוייסֶען , הָאט זִיךְ נִיט גֶעוֶועלְט וַוייזֶען פַאר אִיהם . וִויא בריל אִיז אַרַיין אִין דֶער קַאמֶער , וואו יענקעצקע אִיז גֶעזֶעסֶען (דָארְטֶען וַוארֶען נָאךְ פִּילֶע אַרֶעסְטַאנְטֶען קְרִיסְטֶען גֶעזֶעסֶען מִיט אִיהם) , — אִיז אִיהם יענקעצקע גֶעגַאנְגֶען עֶנְטְגֶעגֶען מִיט גְרוֹיס פְרֵייד אוּנ זָאגְט .

—אָט אִיז מַיין סַאוּוֶיעטְנִיק ! ... אָט אִיז מַיין שַׁדְכָן ! ... אִיךְ דַאנְק דִיר זֶעהר , וָואס דוּא הָאסְט מִיר צוּגֶעשַׁארְט אַזַא שִׁידוּךְ , אִיךְ בִּין זֶעהר צוּפְרִידֶען ... נָאר שַׁדְכָנוּת , בְּרוּדֶער , וֶועסְטוּ מִיר מוּזֶען וַוארְטֶען ... אִיךְ בִּין הַיינְט נִיט בַּייא גֶעלְד ... דוּא פַארְשְׁטֵייסְט אַלֵיין .

—הֶער , יענקעל , זָאגְט בריל : אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ דִיר מִכֹּח ...

—וַוארְט , שְׁלָאגְט אִיהם אִיבֶּער יענקעצקע : אִיךְ מוּז פְּרִיעֶר עֶרְצֵיילֶען מַיינֶע טָאוַוארִישְׁצֶעס , וָואס דָא אִיז פַאר אַמַעֲשֶׂה , זַייא זַיינֶען זֶעהר לוּבָּאפִּיטְנֶע צוּ וִויסֶען אִידִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת .

דָא הָאט עֶר זַייא גֶענוּמֶען עֶרְצֵיילֶען דִיא גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע , זַייא הָאבֶּען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט נָאז אוּנ אוֹיעֶרְן אוּנ הָאבֶּען זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט . פוּן אָנְפַאנְג הָאבֶּען דִיא אַרֶעסְטַאנְטֶען נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר זָאגְט . עֶר אִיז פַאר־

שוויצט געוואָרען ריידענדיג איידער ער האט זייא ראסטאלקעוועט דעם אידישען זאקאן, אונ זייא האבען זיך ניט געקענט פערוואונדערין, אז עס קען זיין אמעגליכקייט ביי אידען: איין אוים וואורף, אבראדיאגא זאלל געבען אמטבע דער רייכסטע אונ פארנעהמסטע פריילין אין דער שטאדט אונ זאלל איהר זאגען אפאר ווערטער, וואס זיא פערשטייט ניט אונ ווייס ניט דיא בעדייטונג דער פון, אונ דאדורך ווערט זיא פערבונדען אויף אויביג אונ טאר שוין מעהר ניט הייראטהען. נאך מעהר האבען זייא זיך ניט געקענט פארוואונדערין פון דער געשיכטע פון דעם יענקעצקען: אז ער האט בעגנבעט דעם פאטער פון דעם פריילין דרייא טויזענד רובל, אונ דיזער לא די וואס ער מאנט פון איהם ניט דיא געלד, גיט איהם ניט איבער פאדסוד, דער לייגט ער איהם נאך אמאל אזוי פיל געלד אונ נאך מעהר נאר ער זאל געבען זיין טאכטער אגט, — וואס איז? ווייל ער האט איהר געזאגט אפאר ווערטער וואס זיא ווייס ניט וואס דאס איז.

— א, רופען זיך אפ איינינע ארעסטאנטען, וואס פאר אטייערע פאלק דיא אידען זיינען! ביי זייא דער גרעסטער נעגאדייא, אזוליק אבאנדיט איז אויך ניט פארפאלען; ער דארף נאר זאגען אפאר ווערטער דעם פארנעהמסטען פריילען אין דער שטאדט, — פאלט מען איהם שוין צוא דיא פיס אונ מען גיבט איהם געלד וויא פיל ער וויל.

זעליג בריל האט גענומען ריידען וועגען אגט, האט יענקעצקע פערלאנגט זייא זאלען ריידען רוסיש, אום זיינע טאוואריסצעס זאלען אויך פערשטיין.

בריל האט מיט איהם גענומען ריידען, ער זאל געבען גט פריילין דאבקין, האט ער פון אנפאנג גאר ניט געוועלט הערין; ער האט געזאגט, אז איהם לוינט בעסער צוא זיין זימלס איידים, איידער צוא נעהמען פון איהם אפילו צעהן טויזענד רוביל. נאר בריל האט איהם גענומען ערקלארען, אז דער מיט רופט ער זיך נאך גאר ניט אן איידים, ער האט איהר מעהר ניט וויא פערבונדען; אונ וואס האט ער צוא איהר? ווארום זאל ער איהר קוועלען אן ערבארמונג אומזונסט? ער דארף אויף איהר רחמנות האבען אונ אויף זייער גאנצע פאמיליע. האט ער זיך דארויף אויסגעלאכט.

— רחמנות, זאגט ער, רחמנות ביזטו געקומען זוכען ביי יענקעצקע וההו?... נאפראסנא איז דייגע רייזע קאסטען. דאס איז פוסטע רייד.

בריל האט איהם אבער דערמאנט דיא טובה, וואס זיין פאטער האט איהם אמאל געטאן, אונ וויא ער האט געשוואָרען, אז ער וועט איהם דאנקבאר זיין אונ וועט אלע מאל טאן וואס ער פערלאנגט. האט ער איהם גיענטפערט, אז ווירקליך איהם אליין איז ער גאטאוו אלעס צוא טאן, אבער טאן אטובה אפרעמדען צוליב איהם איז ער ניט אביאזאן.

דער כהן (ח״ד)

נאר

נאָר בריל האָט איהם פאָרגעשטעלט, אַז ער האָט גרויסע קלאָגען פון דער געשיכטע: וויא באַלד ער האָט איהם געגעבען דיא עצה, איז ער דער גאַנצער שולדיגער; ער קען אַגאַם ניט דורך געהן פון דיא פאָרווירפע וואָס ער האָט פון יעדערין, אונ איבערהויפּט האָט ער צרות פון אהרן שטיינפעלד, וועלכער איז זיין פּרינציפּאַל אונ וועלכער איז זימלם מחותן.

— נוא, זאָגט יענקעצקע, צוליב דיר טהוא איך דאָס. איך וועל געבען גט, ניט פאַר פיר טויזענד, נאָר פאַר דריא טויזענד; צוליב דיר צאַרט וואָזמי! איסטופּיע איך טויזענד רובל, געדיינק; אָבער צוא מאַכען דעם גט מוז איך דאָך גיין צום רב, אונ דאָ דיא סאָלדאַטען וועלען דאָך מיך ניט לאָזען געהן, פאַניאַל?

— איך האָב שוין געפּועלט ביא דעם שלעדאַוואַטעל, זאָגט בריל, ער זאָל לאָזען קומען אַהער דעם רב מיט דעם סופר, אונ מען זאָל דאָ מאַכען דעם גט.

— דאָס ניט, זאָגט יענקעצקע; דאָס פּאַסט מיר ניט. גט דאַרף איך געבען וויא אַלע אידען גיבען, פאַניאַל?

— טאָ וויא זאָל זיין? פרעגט בריל.

— אָטשען פּראָסטע, זאָגט יענקעצקע; טראָג אַריין זאַלאָג פאַר מיר צום שלעדאַוואַטעל וועט ער מיר לאָזען געהן.

— וויא פיל דאַרף מען איהם טראָגען זאַלאָג? פרעגט זעליג.

— ווייס איך? זאָגט יענקעצקע: אָט פאַר דיא פערכלעך נעהמט ער צוא פינף הונדערט רובל; אָבער פאַר מיר וועט ער וועלען מעהר, ווייל איך בין ביא איהם אין פּאָטשאָט, פּאָנימאַיעש? ער היט מיר וויא דיא אויגען פון קאָפּ, ער האָט מורא איך זאָל ניט אַרויס געהן... איך זאָל ניט פערבלאָנזען... איך זאָל זיך ניט איבערשרעקען חס ושלום... אָפּט מאָל טרעפט עס, זעטצט מען מיר אַריין אין אַבעזונדער צימער וואו עס איז פראָסט פינסטער, כדי איך זאָל זיך ניט אָפּברענען פון זון, אונ כדי קיין בייזע אויג זאָל מיר ניט שאַדען. אַז מיין שווער וואָלט וויסען, וויא טורעמנא נאַצאַלסטוואַ היט מיך אונ אונוואַזעט מיך, וואָלט ער ניט פערלאַנגען פון מיר אַגט...

— אַקיצור וואָס זאָל איך טאָן? איך וועל גיין געבען זאַלאָג, אָבער דאָס איז אויף דיינע רעכנונג, יענקעל.

— טשאָרט סטאַבאַי! לאָז זיין אויף מיינע רעכנונג, האָבען מיט דיר צוא טאָן! מען דאַרף דאָך דיר אונוואַזען. וואָס פאַר אַטרייפענער גליק מיין שווער האָט, וואָס האָט דיך פאַר אַהאַדאַטייא, וואָס דוא האָסט זיך אַריין געמישט אין דער זאַך.

— פאַרקערט, זאָגט זעליג, וואָס פאַר אַיין אונגליק זימל האָט,

וואס איך וואב זיך אריין געמישט, דען דורך מיך איז ער געוואָרען מיט דיר אמחותן.

— דוא ביזט אויך גערעכט, נוא גייא שוין גייא צום טייוועל, לייג זאלאג אונ לאמיך איזבאוועט ווערין אט פון דעם ארט, ער האט מיר שוין גאדאיעדייעט קאק גארקאיא רעדקא.

זעליג בריל איז ארויס געגאנגען.

— נוא, אט ביזטו דאס אגליקליכער יונג, האבען זיך אב גערופען איינע ארעסטאנטען, וואס האבען איהם מקנא געוועזן: וויא מען בעט זיך דאס בייא איהם! מען לייגט זאלאג פאר איהם.... מען גיט איהם געלד, וויא פיל ער וויל, — וואס איז? ער האט געזאגט אפאר ווערטער... מיר זאלען זיך אויך מגייר זיין, גאספאדא, מיר זאלען אויך ווערען אידען, וועלען מיר אויך זיין אזעלכע סצאסטליוויצעס וויא יענקעצקע הוהו.

— יע, האבען זיך אבגערופען נאך איינע. וויא איך גייא נאר ארויס פון טורמע, זאגט איינער, גייא איך צום ראבין, וועל ווערען אאיד; אונ נאך דעם גייא איך אפען בולוואר, וועל זעהען אזנאטנע פריילין, וועל איך צוגיין, וועל זיך אנשלאגען מיט אלטע זילבער געלד אונ וועל איהר מקדש זיין ההההה!

— איך וועל אויך אזוא טאן, זאגט נאך איינער

— אונ איך אויך.

— אונ איך אויך, זאגען נאך איינע.

זייא האבען שוין געוואוסט, אז ער וועט באלד ארויס, האבען זייא זיך צוגעשטעלט: ער זאל זייא געבען איין אוראק אויף „הרי את מקודשת“. אונ זייא האבען גלייך אנגעהייבען צוא שטודירען.

2.

דער ביטערער טראפפען מאכט אן ארושם.

אויף מארגען האט מען יענקעצקע הוהו ארויס געלאזען, דען בריל האט אריין געטראגען פאר איהם זאלאג טויזענד רובל.

בריל האט פון איהם ניט אבגעטראסען איין טריט, ער זאל מיט איהם גלייך גיין צום רב מאכען דעם גט. יענקעצקע געהט מיט איהם מיט. זייא זיינען געקומען פארבייא אשיינק. יענקעצקע האט זיך צוא איהם צוגעשטעלט, ער זאל אביין געהן מיט איהם נעהמען אביסעל בראנפען. בריל האט ניט געוועלט, ער האט מורא געהאט, ער זאל ניט ווערען שיכור; נאר ער האט

נאָסטאַיעוועט, ער זאָגט ער איז פֿאַרשמאַכט, ער האָט דיא גאַנצע צייט פֿון זיטצען ניט געזעהען אַביסעל בראַנפֿען אין דיא אויגען. בריל האָט געמוזט נאָך געבען, זייא זיינען אַריין אין שענק, האָבען אָב גענומען איין אַפּאַרטעס צימער. בריל האָט געהייסען דער לאַנגען אַהאַלבע בוטעל בראַנפֿען, כדי ער זאָל זיך ניט איינשכורן, און פֿערבייסען וואָס מעהר. יענקעצקע האָט אָבער געזאָגט, אַז אַהאַלב בוטעל איז בייא איהם אויף איין צאָן. מען האָט געגעבען אַגאַנצע בוטעל. זייא האָבען גענומען טרינקען און פֿערבייסען. בריל האָט אָבער מורא געהאַט יענקעצקע זאָל ניט שכור ווערין, וועט ער ניט קענען מאַכען דעם גט, און אָב לייגען מיט אַטאָג שפּעטער איז מיט אַזאַ מענשען געפֿאָהרליך, ער קען חרטה האָבען, ער קען אַנטלויפֿען און עס וועט פֿערפֿאַלען געהן דער זאַלאָג אויך, — דער פֿאַר האָט ער געזעהען מעהר צו טרינקען, אום פֿאַר יענקעצקען זאָל אויס קומען וואָס ווייניגער. יענקעצקע האָט זיך געלאָזט נאַרען, און האָט איהם טאַקע געלאָזען טרינקען מעהר.

— וויא וועט זיין מיט דיא געלד? פֿרעגט יענקעצקע, ווען וועל איך זייא קריגען?

— גלייך נאָך דעם גט, זאָגט בריל: אָט אַז מיר וועלען אַרויס פֿון דאַנען געהן מיר גלייך צום רב: איך וועל איהם דער ציילען דיא מעשה, וועל בייא איהם אַוועק לייגען צווייא טויזענד רובּיל.

— וואָס עפּעס צווייא מעהר ניט? פֿרעגט יענקעצקע.

— פֿויערשע קאָפּ! דוא האָסט שוין פֿאַר געסען, זאָגט בריל, דוא האָסט דאָך מיר אויסטופּייעט אַז איך זאָל דיר געבען נאָר דרייא טויזענד רובּל.

— יע, נו

— און טויזענד רובּל האָב איך דאָך געגעבען פֿאַר דיר זאַלאָג, און דאָס איז דאָך אויף דיין רעכנונג, דוא האָסט פֿאַר געסען?

— דראַ וויערנאַ זאָגט יענקעצקע. טאַ גייא שוין אויף דיין קוואַטיר, נעהם דיא געלד, און איך וועל דאָ וואַרטען אויף דיר.

— דאָס ניט, איך וועל פֿון דיר ניט אָב טרעטין ניט איין שאָג, זאָגט בריל, מיט אַזעלכע חברה וויא דוא ביזט דאַרף מען פֿאָרזיכטיג זיין... דיא געלד האָב איך שוין אָנגעגרייט בייא זיך, און פֿון דאַנען גייען מיר גלייך צום רב. נוא טרינק שוין אויס דעם קעליסאַק און לאָמיר געהן.

ביי דיא לעצטע ווערטער האָט בייא יענקעצקען דיא אויגען גענומען שפּריטצען פֿונקען נאָר בריל האָט דאָס ניט בעמערקט.

— וואָס עפּעס איין קעלישאַק! זאָגט יענקעצקע, איך וועל ניט אַוועק געהען פֿון דאַנען ביז מיר וועלען מאַכען טרונקען דיא בוטעל... אַקליינינקייט! איך האָב פֿיר וואָכען נאָך אַנאַנד בראַנפֿען אין מיינע אויגען ניט געזעהען,

לאמיר טרינקען! ... עס איז טאקע בראכט אלאבונג אביסיל בראנפען, יעי
באהו! טיעם באלעע, אז מען איז געוועזען אזוא לאנג פערשמאכט.

בריל האט געזעהען, ער קען מיט איהם ניסט מאכען, האט ער
גענומען מעהר טרינקען, אום יענקעצקען זאל אויס קומען וועניגער צוא
טרינקען. בריל איז אבער אויך געוועזען אבשר ודם, דיא בראנפען האט
אין איהם גענומען ווירקען; דיא אויגען זייגען איהם געווארען קלענער,
דער צונג איז איהם געווארין שטייפער, האט גענומען ריידען אונטער נאז
פאר שלאפען, ער האט שוין ניט געקענט איין זיטצען אפען שטול, ער
האט זיך אנגעשטיטצט מיטין קאפף אונ מיט דיא הענד אן טיש. יענקעצקע
האט דער ווילע געהייסן דער לאנגען נאך בראנפען. דער שיינקער האט
ניט געזאלעוועט.

— נוא גענוג שוין צוא פיאנען! זאגט בריל אונטערין נאז, דיא אויגען
ווארען שוין ביי איהם צוא געמאכט.. קום שוין ... קום!

— נאך איין קעלישאק, זאגט יענקעצקע, אונ מיר גייען שוין.

ער האט דער ווילע אנגעגאשען אהויבען באקאל פול, האט איהם
דער לאנגט צום מויל אונ האט אין איהם אריין געגאסן, וויא מען גיסט
אריין ארפואה.

— בררר! זאגט בריל, זיך אבפארשקענדיג: פע! ... דוא ביזט
אפאהך, יענקעצקע, וואס דוא גיבסט מיר אזוי פיל בראנפען ... ביזט
אנעגאדייא! ..

— פטור, זאגט יענקעצקע, דאס האב איך שוין לאנג געהערט.

— דוא ביזט אזוליק ... אבאנדיט! ... זאגט בריל פאללענדיג מיט דעם
קאפף אן דער וואנד וואו ער איז געזעסען אונ האט שוין גענומען הראפען.

יענקעצקע האט זיך ארום געקוקט צו שפירט איהם קיינער ניט נאך, ער
האט צו געקיטעלט דיא טהיר פון דעם צימער, איז צו געגאנגען צו ברילען,
וועלכער איז געזעסען אנגעשפארט אן וואנט אונ האט געהראפעט, אז דיא
שויבען האבען געטרעסקעט; ער האט איהם אבגעשפילעט דעם ראק אפאר
קנעפלעך; עס האט זיך ארוים געזעהען זיין בוזענטאש, וועלכער וואר פול;
ער האט אריין געלאזען זיין האנד אונ האט ארויס געשלעפט אבומאזניק; ער
עפינט איהם אויף, עס ליגט אין איהם אפאק הונדערטער מיט קליינע בילעטען;
ער נעהמט ארויס דיא געלד, אונ דעם בומאזניק מיט אפאר הונדערטער האט
ער אוועק געלייגט צו ריק.

— לאז ער קיין לארעם ניט מאכען, אז ער וועט זיך אויפהאפען פון
שלאף, טראכט ביי זיך יענקעצקע; אז ער וועט זעהען דער בומאזניק איז
דא, וועט ער ניט אויפהייבען אטריוואגע דא ביין שענקער. דיא געלד איז
אפילו שייא ווישייא מיינע, נאר פון דעסט וועגען איז גלייכער מען זאל מיר

געבען נאך אמאל געלד, פאר וואס ניט? אז זימל דאבקין איז אזא בולוואן און ער רעכינט יענקעצקע הוהום קדושין פאר קדושין, טא לאז איהם קאסטען געלד און געזונד און לאז ער נאך האבען צרות, איידער מען וועט מיך אויפ-זוכען... עס קומט! אדוראק דארף שטראדייען... זייא האבען זיך איינ-גערעדט, אז אזוליק, אנעגאדייא וויא איך בין, זאגט „הרי את״ איז שוין הייליג הי הי הי! איך קיך זיך פון געלעכטער!. מען דארף דיא בולוואנעס אנ-רייבען דיא נעזער אזוי גוט... אפשר וועלען זייא קומען צום שכל און וועלען עפנען דיא אויגען, און דוא, זעלקע, האב אויך אביסל צרות פאר וואס דוא האסט זיך גערוקט מיט אזוי איין עצה.

מיט אזעלכע כשרע געדאנקען איז יענקעצקע הוהו ארויס געגאנגען פון ציממער, וואו ער האט געלאזען זעליג בריל שלאפענדיג. ער איז צו געגאנגען צום זאכטאאיק האט דערלאנגט אפינפרובלדיגען, דער שיינקער האט איהם געגעבען רעסטע און ער האט ניט איבער געציילט. ער האט איהם געזאגט, אז זיין טאוואךישץ האט איינגעשלאפען, ער געהט ברייגגען איין איזוואשציק. מיט דיא רייד איז ער ארויס געגאנגען.

3.

דיא צווייא פלאנער פון אפרוטען און ניט אפרוטען.

פייבוש קארנאץ, אין צווייא שטונדען ארום, איז געזעסען אויף זיין קווארטיר און האט געווארט אויף זעליג בריל. ער האט געוואוסט, אז מען האט יענקעצקען ארויס געלאזען, דען זייא האבען אריין געטראגען זאלאג פאר איהם טויזענד רובל, — אלזא איז בריל אוועק געגאנגען מיט איהם צום רב מאכען דעם גט. ער איז אפילו ניט געוועזען גאר זיכער, אז מיט יענקעצקען זאל אראב גאר גלאט און ער זאל תיכף געבען דעם גט גלייך וויא ער וועט ארויס פון טורמע; נאר אז ער האט געזעהען בריל זאממט זיך, האט ער שוין גערעכינט אויף געווים, אז זייא זיינען דאס ביין רב און זייא מאכען דארטען דעם גט. ער האט זיך שוין גענומען איינפאקען צו דער רייזע; דען ער האט גערעכינט היינט שוין אוועק צו פאהרען פון דאנען אום צו ברייגגען זימלען דיא פריליכע בשורה; ער האט זיך שוין פאר געשטעלט וואס פאר אפריידע דארטען וועט זיין, אז ער וועט קומען מיט דעם גט; עס וועט געווים דעם זעלבען טאג שוין זיין מרקום תנאים מיט לאהצען, און ער מיטברילען וועלען זיין פון דיא פארנעהמכטע מחותנים. היינט וועט ער דאך אריין רייסען אשיינע מטבע פאר דיא שטיקעל ארבייט; ער האט שוין געקלערט וואס פאר אפראזענט ער זאל ברייגגען זיין פרויא און קינדער פון דער רייזע.

פערז:נכעו

דער כהן (ה״ד)

פערזונקען אין אזעלכע געדאנקען, איז ער געזעסען ביין פענסטער און האט געקוקט דרויסען; מיט אמאל דער זעהט ער בריל געהט; אבער קאם וואס ער שלעפט די פים; דאס געזיכט איז גרין און געל; די אויגען ווי פאר ווײנט.

—א, זאגט קארנאץ, בריל, ווי עס זעהט אוים, וועט מיר ברײנגען גיט אגוטע בשורה ווער ווײסט, וואס דא האט געטראפען!.. מיט יענקעצקען אז מען פארפיהרט זיך, וועט מען גיט גלאט אבשנײדען.

עס האט זיך געעפינט די טיהר, עס איז אריין בריל, ער האט זיך אוועקגעטאן גענטאן אויף דעם דיוואן, האט אשמיץ געטאן די היטעל און האט געגעבען אגעשרייא:

—שלעכט!... ברודער! ער האט פארשטעללט דאס געזיכט מיט די הענד און האט גענומען חליפען.

—וואס איז מיט דיר, ברודער זעליג? זאגט קארנאץ העכסט בעוועגט.

—אללעס איז פערלארען! זאגט בריל אברך געבענדיג מיט די הענד.

—וואס איז? ער גיט קיין גט ניט?

—נאך ערגער!... אוי ווייא!... אוי ווייא! מיר איז געקומען צו הײנגען זיך אדער צו טרענקען זיך!...

—זאג שוין וואס? שרײט קארנאץ מיט דער העכסטען אונגעדולד.

—ער האט ביי מיר די געלט ארוים גענומען!

—ער האט ביי דיר די געלד ארוים גענומען! די פיר טויזענד רובל! שרײט קארנאץ אי אי אי! וואס פאר איין אונגליק דאס איז!... וואס פאר איין אונגליק דאס איז!.... ארמער זימל!... ארמע לאהצע!.... ארמער מרקום!.... איצטער איז שוין אללעס פערלארען!... פיר טויזענד רובל!... פיר טויזענד רובל!....

—ניט פיר, דרייא איז ביי מיר געוועזען אין בוסאזניק, דען טויזענד ליגט דאך אין זאלאג...

—וואס איז די נפקא מינא? זאגט קארנאץ, דער ווילע איז די גאנצע פיר טויזענד ניטא, און קיין גט איז אויך ניטא!... שרעקליך!.. שרעקליך!... ווי אזוי איז דאס געוועזן?... גאר אויף יענקעצקען צו פרענגען... אז ער וויל נעהמען, נעהמט ער, צו מיט גוטען, צו מיט בייזען... וואס הייבט מען פארט אן צו טאן? פאהרען אהיים מוז מען, דען דא האבען מיר שוין ניט וואס צו מאכען, הײנט ווי ווײזט מען אין דער היים די אויגען? קומען אהיים מיט גאר ניסט, — וועלען זייא זיך אללע דאס לעבען געהמען.

דער סוף (ו"ד) איך

—איך וועל זעהען זימלען אוועק צו געבען געלד וויא פיל איך וועל קענען.

—דוא האסט דען געלד?

—פאר מיין שטוב באט מען מיר אנדערהאלבען טויזענד רובל, זילבער האב איך אויף אפארהונדערט רובל, געלד האב איך ארובל פירהונדערט, דאס וועל איך איהם אללעס אוועק געבען. וואס זאל איך טאן? איך האב זייא אונגליקליך געמאכט, אט מוז איך ווערין איין ארומטאן... יע יע! מיר קומט, וואס איך האב דעם באנדיט געגעבען אזא העלישע עצה, אט מוז איך אב קומען פאר זייא.

—עס לאזט זיך אוים אויף מיינע רייד, זאגט קארנאץ: גאט בעשטראפט אויף דער וועלט. בור כרה ויחפרהו ויפול בשחת יפעל, דוא האסט געגראבען אגרוב פאר זייא, אט ביזטו אליין אריין געפאללען.

—יע יע! זאגט בריל מיט אביטערין זיפץ; מען טאר קיין נוקם ונוטר ניט זיין: איך האב געוועלט אביסעל נוקם זיין פאר דיא אפקארבלעניע, וואס זימל האט מיר געטאן, אט האט זיך דער פון אוים געלאזען דער גרעסטער אונגליק נאך פאר אומשולדיגע מענשען, אונ היינט ווער איך איין ארומטאן דורך דעם. איך מוז זימלען אוועק געבען זיין געלד, אונ וועל אוועק געבען! פאר פאללען!

—אונ איך בלייב געפאהרען אונ געהארעוועט גאר אומזונסט. איך האב זיך שוין גערעכט צו בעקומען צוויא הונדערט רובל, מיט אמאל האט זיך אוים געלאזען דער פון אווינט מיהל.

זעליג בריל איז געשטאנען ביין פענסטער פערטראכט ביא אצוואנציג מינוט, נאכדעם קעהרט ער זיך אב צו קארנאצען אונ זאגט: ווייסט איהר וואס, הערר קארנאץ, איך בין געפאללען אויף אפלאן אונ אויף אוויילען וויא איך בין אאיד.

—שא לאמיר הערן, זאגט קארנאץ.

—אפלאן, זאג איך אייך, וואס איך וועל ניט ווערען קיין ארומען, אונ וועל נאך פארדינען דער ביא; איהר וועט פערדינען, וויא עס איז געוועזען גערעדט; זימל וועט ווערין געטרייסט; אונ מרקוס וועט נעהמען לאהצען... וויא איך בין אאיד! הההה! איך קוועל שוין... דאס איז אגעניאלנער פלאן!... איין אנטיק, עהרען ווארט! הההה!

—לאם איך שוין הערן אמאל. איך פערשטייא גאר ניט, וואסערע פלענער קען מען דא מאכען, אז יענקעצקע איז ניטא דער ביא?

—יענקעצקען דארפען מיר אויף כפרות!... לאז ער געהן אין אללע שווארץ יאהרען, מיר וועלען אוים קומען אן איהם.

—וויא דען? זאג שוין!

מיר

דער כהן (ח"ד)

—מיר זאלען קריגען אאידען אמאכער, וואס איז גאטאוו צו טאן פאר געלט וואס מען פארלאנגט פון איהם. געלט האב איך נאך: דער באנדיט האט מיר געלאזען אפאר הונדערט רובל. דעם אידען זאלען מיר אנאמען געבען יענקעצקע הוהו. מיר וועלען איהם בעגעגנען אין גאס, מיר וועלען אויף איהם בעפאלען מיט אגעשרייא: יענקעצקע! קום צום רב, גיב גט! און ער וועט זיך בודטא רייסען פון אונז, ער וועט זיך לייקנען, ער איז ניט יענקעצקע; נאר מיר וועלען איהם אוועק שלעפען מיט גוואלד צום רב; דער רב וועט איהם נאך דער לאנגען אפאטש אויך, דען מיר וועלען פאר איהם שרייען: אט דאס איז דער גזלן, וואס האט געקוילעט איין אומשולדיגעס קינד. צום סוף וועט ער זיך מודה זיין, אז ער איז יענקעצקע און וועט געבען גט. אט וועט זיין אסוף צו אללעמענס צרות. און פאר אפופציגער צו פאר אהונדערטער קריגט מען אזא סוחר, און דיא זאך וועט אראב גלאט, אז אהאן וועט ניט קרייען.

פייבוס קארנאץ האט אויס געהערט דעם גאנצען פלאן אויפמערקזאם, ער האט אשאקעל געטאן מיט דעם קאפף און זאגט: איך וועל דיר ניט לייקנען דער פלאן איז אגוטער, דאס איז איין איינפאל פון אקלוגען... איך וויים גאר ניט וויא קומסט דוא צו אזא שכל... אבער... אז לאהצע וועט האבען אגט, וועט זיא דאך חתונה האבען...

—געווים וועט זיא חתונה האבען; איך מיין טאקע זיא זאל חתונה האבען מיט מרקוסען.

—וויא הייסט עס! שרייט קארנאץ, זיא האט דאך אמאן.

—וואו האט זיא אמאן? שרייט בריל.

—אט יענקעצקע הוהו. דער, וואס וועט איהר געבען דעם גט, איז דאך ניט דער ווירקליכער יענקעצקע הוהו, בלייבט זיא דאך נאך אלס איין אשת איש.

—וואס מאכט איהר זיך נאריש? זאגט בריל. צו אז דער באנדיט האט איהר געזאגט אפאר ווערטער, וואס זיא וויים ניט וואס און ווען, דארף זיא שוין בלייבען אונגליקליך אויף אייביג? נאך דעם גראדען שכל איז דאס מעהר ניט וויא אקינדער שפיל און מען דארף זיך אויס לאכען דער פון.

—פאסליע עטאווא ביזטו איין אפיקורוס, זאגט קארנאץ. אז בייא דיר באטרעפט ניט איין אידישער דין, ביזטו איין אפיקורוס און איוונאץ און מיט דיר איז ניטא, וואס צו ריידען.

—הערט, הער קארנאץ! זאגט בריל; לאמיר זיך ניט נארען, איהר זייט דאס אזא צדיק? צווישען אונז זאל דאס בלייבען... קיינער הערט דא ניט... זאגט מיר... וואס חצקאל האלין איז אוועק אין סיביר, איז דאכט זיך אייערע ארבייט?... וואס נפתלי עסיג איז אוועק פאכעלעניע, דארף ער דאכט זיך אייך פערדאנקען?

—זייגען זייא דאך געוועזען פרעסטופניקעס.

דער נתן (ה"ד)

—אז זייא וואלטען איך געבען וואס אין יד, וואלטען זייא ניט געוועזן קיין פרעסטופניקעס....

איהר זייט, וויא דער מלאך המות; וויא דיא ווייבער זאגען: ער שעכט אונ בלייבט גערעכט איהר טהוט אב אללע אקטען אין דער וועלט, אונ איהר בלייבט בייא זיך גערעכט. חצקאל אונ נפתלי זייגען אזעלכע פרעסטופניקעס, אזוי וויא דיא מלמדים, וואס האבען געקנעלט אן בילעטען, וועלכע איהר האט געמסרט אונ זייא גייען היינט איבער דיא הייזער. אונ וויטער דיא מעשה, וואס איהר האט צו געשאַרט לעאן זילבערשטיין אפרעמדע מיידעל פאר אטאכטער (איך האב געהאט אבריף פון דער היים...

איהר ווייסט שוין אויך, אז אללע ווייסען דער פון), — איז עפעס אויך ניט גאר פיין. מיט אמאל זייט איהר געוואַרען אצדיק אונ איהר ווילט ניט דער לאזען אזא זאך, וואס נאך דעם גראדען שכל איז דאס זעהר שפראוועדליווע; מיר וועלען ראטעוועט עטליכע מענשען פון אונגליק. אונ ווייטער אויב איהר האט מורא פאר איין עבירה, נעהם איך דיא עבירה אויף זיך, איך בין קיין טרום ניט. אונ איך בין איינערליך איבערצייגט, אז דאס איז קיין עבירה ניט, דען איך ווייס אז דיא גאנצע שטרענגקייט פון דעם זאקאן איז נאר דער פאר, ווייל מען האט מורא טאמער האט זיא אבגערעדט פריער מיט איהם, ער זאל איהר אויף דעם אופן מקדש זיין, אבער דא ווייסען מיר געוויס, אז לאהצע מיט יענקעצקע הורוו האט פריער ניט אב גערעדט!

—אומזאנסט איז דיינע רייד, זעליג; דאס וועל איך ניט דער לאזען. עס טרעפט מען פאלט ווען אריין אין איין עבירה; מען איז דאך מעהר ניט וויא אבשר ודם; אבער אבטאן אזוי איין אקט, איך זאל קיין תקומה ניט האבען... דאס ניט!

—איך פאר שטייא גאר ניט, וואס איז דאס פאר קדושען...

—שנייאור, דוא הייבסט שוין אן מיט דיא אפיקורסישע שטיקלעך...

דאס וויל איך גאר ניט הערין... איך ווייס, דיא אפיקורסים קענען מיט זייערע רייד פארפיהרען אין אללע העללען.... איך דארף גאר ניט קלערין איבערין קאפף. איך ווייס אז יענקעצקע הורוו האט לאהצען מקדש געוועזן, וואו איז לאהצע היינט אווייבעל, אונ אווייבעל קען ניט חתונה האבען, וואו זיא זאל ניט האבען אגט פון איהר מאן; אונ אגעמאכטער גט פון איין אנדערין מיט אקונץ טויג ניט אונ איך וועל ניט דער לאזען... דערויף בין איך א איד!

—וואס פאר אצדיק איהר זייט! ווער וואלט דאס זאגען, אז קארנאץ איז אזא צדיק, אזא תם וישר!....

—וואס מיינסטו, זעליג? אז דיר וועט דער מלאך המות אשביר געבען מיט זיין ווייסען פענזעל איבערין בערדיל, וועקסטו אויך ווערין אנדערש.

דיא

דער כהן

דיא יונגע ליטלעך קוראזשען זיך מיט זייערע וואלגא דומסטווע, זייא מיינען יענער טאג איז נאך ווייט; אבער וויא עס יאגעט זיך דיא ווייסע פאוויעסטקע אין בארד אז מען טרעבעוועט אין סוד, דאן ווערט מען אביסעל אנדערס. און אויך זינד ביי מיר האט זיך בעוויזען דיא ווייסע בליהונג אין בארד. בין איך טאקע געווארען איין אנדער מענש.

— איהר זאלט וויסען, זאגט בריל, אז איהר הרגט אוועק צוויי פאמיליען. מרקוס און לאהצע וועלען זיך געווים דאס לעבען גענהמען, דאס איז ביי מיר קלאר וויא טאג... היינט קען מען פארשטיין, וואס פון זייערע עלטערין וועט ווערין, איהר פארשטייט?

— הער צו, זאגט קארנאץ, איך וועל דיר שוין נאך געבען. מיר וועלען אב מאכען דעם קונץ, און לאהצע וועט חתונה האבען. זאג מיר וויא וועט זיין, אז נאכדעם וועט קומען יענקעצקע הוהו, און ער וועט דאקאזען, אז ער האט גאר קיין גט ניט געגעבען? וויא וועט זיין יעמאלט, הא? און עס קען זיין, אז ער וועט קומען, נאכדעם, אז לאהצע וועט שוין האבען אקינד הא?

— ער וועט ניט קומען; ער האט מורא פאר אייך, איהר זאלט איהם גיט איבער געבען אין פאליציייא; ער האט אויף זיך אזוי פיל אונגלאווגע דיעלעס, אז וויעצנא קאטארגא איז פאר איהם אויך ווייניג.

— פון דעסט וועגען אויף יענקעצקען קען מען אלס גלויבען: ער איז אזא אטצאיאנער יונג, אז ביי איהם וועט רעכט זיין זיך מפקיר צו זיין, כל זמן ער רופט זיך אן זימלס איידעם, וועט איהם קארנאץ ניט מסרין. ער זאל געבען גט, אדער ער זאל אמיתה איינגעהמען.... שא!... אי וואוהל!... וויא איך בין א איד! איך בין געפאללען אויף אפלאן... וואוהל וויא דיא וועלט!... בראווא!... און זייא ווייסען, אז איך בין אויך פון דיא נארען ארוים: מיין פלאן איז נאך בעסער פאר דייגעם.

— וואס איז דאס פאר אזא גליקליכער פלאן?

— אי אפלאן איין אנטיק! לאהצע וועט קענען חתונה האבען מיט מרקוסען; מיר וועלען פארדינען; און יענקעצקע וועט שוין קיין מאל ניט קומען הא הא הא! וואוהל, וויא איך בין א איד!

— וויא אזוי וועט ער גיט קומען?... ער וועט אוועק קאטארזנע?

— דורך! אז ער וועט אוועק קאטארגא, איז זיא דאך אלס ניט לויז פון איהם אן אנט... איך מיין בראכט: איהם אבראטען פון וועג, און באסטא.

— איך פארשטייא ניט, וויא הייסט עס?

דער כהן (חי״ד)

גאם

—וָואס פַאר אַפֶּעטֶעךְ דוא בִּיזְט ! . . אִיךְ וָועל אִיהם אַוֶועק שִׁיקֶען צוּ מַיין בָּאבֶּען , אִי בַּאסְטָא !

—וִויא אַזוֹי ?

—עֶס אִיז פְּרַאנֶען טוֹיזֶענְדֶע מִיטְלֶען ; נָאר דֶער בֶּעסְטֶער מִיטֶעל — אִיךְ הָאבּ אַפַּארָאשָׁאק , מֶען שִׁיט אַריין אִין טְהֶעע צוּ אִין בִּיר , פַאלְט עֶר גְלַייךְ וִויא אַשְׁנָאפּ , אוּנ דֶער מִיט וֶועט זַיין אַסוֹף צוּ אַלֶעסֶענְס צָרוֹת .

—אוּנ אִיהר וֶועט דָאס טָאן ? פְרֶעגְט בריל מִיט אַוואוּנְדֶער .

—אַמָאל פְלֶעג אִיךְ דָאס אַלֵיין טָאן ; נָאר אִיצְטֶער צוּ דֶער עֶלְטֶער ווילְט זִיךְ עֶפֶּעס נִיט . . . נָאר פַאר גֶעלְט קְרִיגְט מֶען אַגוּטֶען שָׁלִיחַ . אָט אִיךְ ווַיים , דָא אִיז פְרַאנֶען אַייְנֶער אַזוֹלִיק אנטאשקע ארכיפיטש , וָועלְבֶער אִיז אוֹיף דֶעם יענקעצקען אֵשׁ לֶהָבָה , זַייא הָאבֶּען זִיךְ גֶערִיסֶען עֶפֶּעס אִיבֶּער אַחֲלוּקָה אוּנ יענקעצקע הָאט אִיהם אוֹיס גֶעפַייפְט . אוּנ דֶער אנטאשקע קְלַייבְּט זִיךְ צוּ אִיהם , עֶר וויל אִיהם פַאטְעִרין . אִיז , פַארְשְׁטֵייסְטוּ מִיךְ , אַז אִיךְ וֶועל אוּנְטֶער שְׁמִירֶען וֶועט עֶס צוּ גֶעהְן גִיכֶער , אוּנ דֶער מִיט אִיז יענקעצקע אַרָאבּ פוּן מַארְק , הַ הַ הַ !

—אוּנ בַּייא אַייךְ אִיז רֶעכְט אוּמְצוּבְּרֵיינְגֶען אַמֶענְשֶׁען ?

—אַמֶענְשׁ אִיז עֶר ? אַזוֹלִיק ! . . ; אַבַּאנְדִיט ! עֶר אִיז דָאךְ סַייא וִויסַייא אַחַייב מִיתָה . . . עֶר הָאט אָבְּגֶעטָאן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען , וָואס פַאר יֶעדֶע בֶּעזוּנְדֶער קוּמְט אִיהם פַאזָאקָאנוּ וִויֶעצְנָא קַאטָארְגָא , אָדֶער שִׁיסֶען .

—דָאס ווַיים אִיךְ , אַז אִיהר ווִילְט עֶפֶּעס אָבְּטָאן אַפַּאקָאסְט (אַנְבָלָה) , זוּכְט אִיהר זִיךְ צוּ מַאכֶען גֶערֶעכְט . . . אוּנ אִיךְ אָבְּיַאוֶועע אַייךְ , אַז אִיךְ וֶועל דָאס נִיט דֶער לָאזֶען ! . . . . דֶער יענקעצקע הָאט מִיר הַיינְטִיגֶען טָאג גֶעהַרְגֶעט , אִיךְ וֶועל זִיךְ דוּרְךְ אִיהם מוּזֶען לִישַׁייעֶן מַיין הויז מִיט מַיין גַאנְצֶעם פֶערְמָאגֶען . . . אָבֶּער דֶער לָאזֶען אַזַא זַאךְ ? . . . דָאס נִיט !

—וִויא הַייסְט עֶס ! זָאגְט קארנאץ , מֶען וֶועט דָאךְ דֶער מִיט אִיזְבַּאוֶוען דִיא וֶועלְט פוּן אַגְרוֹיסֶע זְלָא ! . . . וֶוער ווַייסְט וָואס פַאר אַקְטֶען דֶער יוּנְג וֶועט נָאךְ אָבּ טָאן אוֹיף זַיין וֶועלְט ! אוֹיף אִיהם שְׁטֵייט : „וּבִעַרְתָּ הָרַע מִקִּרְבֶּךָ" אוּנ וַוייטֶער וֶועלֶען מִיר דָאךְ רַאטֶעוֶוען דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע פַאמִילְיֶע .

—הֶערְט , זָאגְט בריל , וּבִעַרְתָּ הָרַע גֶעהֶערְט נָאר צוּ פְרָאוַואסוּדְיֶע , אוּנ וֶוענֶען דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע פַאמִילְיֶע אִיז מַיין עֵצָה מֶערְר הוּמַאנִישׁ , מֶערְר סְפְּרַאוֶועדְלִיוֶוע .

—אוּנ מֶערְר אַפִּיקוֹרְסִישְׁדִיק ! חַאפְּט אִיהם אוּנְטֶער קארנאץ .

—אוּנ אַייֶער פְלַאן אִיז אַמֶערְדֶערַייא ! . . . אִיהר זַייט אַפְּרוֹסְטֶער רָשָׁע !

— אוּנ דוּא בִּיזְט אַיין אַפִּיקוֹרוֹס !

— לָאמִיר פָאהרֶען אַהֵיים ! זָאגְט בריל : מִיר הָאבֶּען דָא נִיט וָואס צוּא מַאכֶען .

— פאהר אליין; איך בין מיט דיר קיין מחותן ניט! מיט אפיקורסים האב איך פיינט צוא זיין מיט ברודער... פריער אז איך האב געמוזט, האב איך דאך קיין אנדער ברירה ניט געהאט. אונ איצטער אז מיר האבען אונזער אינטערעס אבגעטאן, דאס הייסט מיר האבען ביידע ניט אויס-געפיהרט, זיינען מיר שוין ניט געצוואונגען צוא זיין צוא זאמען, אונ איך בין גאר ניט מחויב צוא הערען דיינע פוסטע רייד, מיט וועלכע דוא קענסט פארפיהרען אין אלע בלאטעס... פאהר זיך דיר געזונטערהייט! איך וועל טרעפען דיא וועג אן דיר.

אין צוויא שטונדען ארום איז זעליג בריל אוועק געפאהרען בריינגען אהיים דיא טרויעריגע בשורה, אז אלעס איז פערלארען.

4.

אריין אין געטץ.

אז פייבוס קארנאץ איז געבליבען אליין אויף זיין קוואַרטיר, רעדט ער צוא זיך: איצטער וועל איך נעהמען ארבייטען, וויא איך פערשטייא, איך וועל ביא אזעלכע אפיקורסימלעך וויא זעלקע בריל גאר ניט פרעגען; איך וועל אבראמען יענקעצקע הוהו פון וועג, וועלען אלע געראטעוועט ווערין אונ עס וועט זיין אטובה פאר דער וועלט. מורא האבען פאר זעלקע בריל טאמער וועט ער שליכענען... האב איך ניט וואס. ערסטען וועט ער ביא מיר גאר ניסט זעהען, וואס איך וועל טאן; צווייטען וועט איהם דיא זאך פון דעסטוועגען הנאה טאן: ער וועט ניט פערלירען זיין אמוסצעסטווע, אונ לאהצע וועט זיין אגערעטעטע; אונ וואס דער באנדיט וועט גיין לעזאזל וועט ער זיך גאר דיא הארץ ניט אבעסען, דען ער איז איהם גאר ניט אזוא דאנקבאר פאר דיא טובה וואס ער האט איהם געטאן אונ האט ביא איהם ארויס גענומען דיא געלד.

מיט דיא געדאנקען האט ער זיך אוועק געלאזען אין דיא טרושצאבעס פון צערניגאוו, זוכען אנטאשקען. מיט גרויס שוויריגקייט האט ער איהם געפונען. ער איז אבער געווען שכור, ער איז געפאלען פון דיא פיס. קארנאץ האט איהם גערופען אין איין ארט געהמען אביכיל כפאהמעלי. אנטאשקע האט זיך ניט געלאזט בעטען. ער האט איהם אוועק געפיהרט צוא זיך אין קוואַרטיר, האט איהם אנגעפאיעט מיט נאך בראנפען. אנטאשקע איז געפאלען אונ איז ענטשלאפען געווארען.

איצטער, זאגט צוא זיך קארנאץ, אנטאשקען ביא זיך האב איך

דער כהן (ה״ד)

שוין

שוין, צוא וועל איך אויס פיהרען מיט איהם צוא גיט — ווייס איך ניט; אויב ניט וועל איך קריגען איין אנדערין. דערווייליע איז מיר נייטיג צו וויסען, וואו דער באנדיט איז אהין געקומען... וואו געפין איך איהם יעטצט. איך דערבין, דאס קען איך דערגעהן ביא דיא ארעסטאנטען, מיט וועלכע ער איז געזעסען צוזאמען; נאטירליך ער האט זיך פאר זייא געמוזט ארויס זאגען וואס ער קלערט צוא טאן נאך דעם אז ער וועט ארויס פון טורמע.

קארנאץ איז אוועק אין טורמע. דער שמאטריטעל האט איהם גלייך אריין געלאזען, דען ער פלעגט פריער געהן מיט ברילען, האט שוין געוואוסט דער שמאטריטעל, אז איהם קען ער אריין לאזען. דאס האט ער ניט גערעכינט פאר נייטיג איהם צוא זאגען, אז יענקעצקע האט אבגעצויגען. וויא קארנאץ איז אריין אין קאמער וואו יענקעצקע איז פריער געוועזען, האט ער דיא ארעסטאנטען געגעבען אפינפרובילדיגען אויף משקה (אויב זייא וועלען קענען דאקאזען) אונ האט מיט זייא פארפיהרט א ראזגאוואר וועגען יענקעצקען. ער איז געוועזען מיט דיא לייט בעקאנט אונ האט געוואוסט, וויא מיט זייא צוא האנדלען. ער האט פון זייא ערפאהרען, אז יענקעצקע האט אימער געוואונשען צוא זיין אין קאמעניעץ-פאדלסק. ער האט זייא ערציילט וואס יענקעצקע האט געטאן. דיא רעכטע באנדיטען האבען דערויף געפאטשט בראווא אונ האבען אויס געשריען:

—יאשקא נו נו מאלאדעץ! אן סדיעלאיעטסא קאנדא ניבוד אטאמאנאם ראזבאיניקאוו!

נאר פון דיא ארעסטאנטען, וואס זיטצען פאר מיעלקע זאכען, האבען גערר בעדויערט דיא פאמיליע, וועלכע ער האט אונגליקליך געמאכט.

קארנאץ איז ארויס געגאנגען פון זייא איז געקומען אהיים אויף זיין קווארטיר, האט געווארט ביז אנטאשקע וועט זיך אויס שלאפען. דיזער האט זיך ערסט אויסגעשלאפען ביא דער נאכט. קארנאץ האט געהייסען דער לאנגען אבענדברויט צוייא פארציעס. ער האט צו געשפארט דיא טהיר אונ האבען גענומען עסען. אנטאשקע האט געגעסע מיט אפעטיט אונ וואונדערט זיך פאר וואס גיט מען איהם דאס אזא גיטע וועצערע. קארנאץ האט איהם געזאגט, אז ער פערלאנגט פון איהם עטוואס אגעפעליגקייט. אין עסען האט קארנאץ ביא איהם אפרעג געטאן: צו ער האט עפעס שונאים.

—א, זאגט ער, שונאים האב איך זעהר פיל; איבער הויפט בין איך אדם שונא את דיא פאליצייסקיע; נאר דעם גרעסטען שונא האב איך יענקעצקע הודו; ער איז אבעזסאוועסטנער אפילו געגען איינענע טאווארישצעס. מיר האבען ביידע געארבייט ביא איין שטיקעל ארבייט; ביין טהיילען זיך, האט ער צו גענומען גאר אונ מיר האט ער אויס געלאכט אונ האט מיר נאך געסערט...

דער כהן (ח״ר) נאר

נאר איך וועל זיך מיט איהם אבּרעכנען אויף דער וועלט ! .... אז איך וועל איהם נאר חאפּען וועל איך איהם אראב דרייען דיא קאפּ . א מיינע הענד איז שטאל, מיינע נעגעל איז אייזען !...

—דער צו קען איך דיר העלפען, זאגט קארנאץ, אונ דא האט ער איהם גענומען פאנאנדער ליגען אנאנצען פּלאן וויא צו דייסטעווען, אנטאשקע האט אויפמערקזאם צו געהארכט דיא אויגען האבען ביי איהם געפינקעלט פון ענטציקען אונ האט איממער אויס געשריען :

—בּראווא ! וועליקאליעפּנא !

אנטאשקע האט פון איהם פערלאנגט, אז אויב עס וועט זיך טרעפען, ער וועט אריין פאללען אין דיא הענד פון פאליציא, זאלל ער איהם ארויס נעהמען וואו שטא בּי ני שטאלא, אונ צור זיכערהייט האט קארנאץ געמוזט לאזען ביי איהם אצעטעלע, פון וועלכע עס זאל זיין ארויס צו זעהען, אז קארנאץ איז זיין סאאוצאסטניק . אונ אויב ער וועט אין דרייא טעג צייט איהם ניט ארויס נעהמען, וועט ער, אנטאשקע, קענען דער לאנגען דעם צעטעלע .

דיזע נאכט האט אנטאשקע צו געבּראכט ביי קארנאצען . אויף מארגען אין דער פריה האט איהם קארנאץ געגעבען געלד, ער זאל געהן זיך אנ־שטענדיג בעקליידען .

אין צווייא שטונדען ארום זיינען זייא ביידע אוועק געפאהרען .

וויא זייא זענען געקומען אין קאמענעץ פאדאלסק האט קארנאץ אב גענומען אנומר אין אפּראסטען גאסטהויז פאר זייא ביידען אונ אנטאשקע האט זיך אוועק געלאזען אין דיא טרושצאבעס פון שטאדט דער געהן יענקעצקע הודו . קארנאץ האט זיך ניט געלאזען אהין איהם זוכען, ווייל ער האט געפירכטעט : אז יענקעצקע וועט איהם דער זעהען, וועט ער ווייטער ענטלויפען ; ווייל ער האט מורא געהאט, ער זאל איהם ניט איבער געבען אין פאליציא . עס האט געדויערט מעהר וויא צווייא וואכען אונ זייא האבען איהם נאך ניט דער גאנגען . זייא האבען שוין געוואוסט, אז ער איז דא, נאר אנטאשקע האט איהם נאך אלס ניט געקענט טרעפען . איין מאל האט ער איהם געטראפען אין אשיינק אויסען שטאדט . אנטאשקע גיט איהם אפּאטש איבערן פּליצע, יענקעצקע גיט זיך אקעהר אונ גיט אגעשרייא, א, אנטאשקא ! וויא קומסט דוא אהער ?

—איך וועל דיר זאגען וויא איך קום אהער, זאגט אנטאשקע : אבער קום פריער לאמיר געהמען וואס אין מויל .

זייא זיינען אריין געגאנגען אין אפארטען צימער, און אנטאשקע האט געהייסען דער לאגגען משקה און פערבייסען.

—בראווא! זאגט יענקעצקע: אגוטער ברודער בלייבט אגוטער ברודער, האטש מיר האבען זיך אמאל צו ווערטעלט, פון דעסט וועגען...

—מיר האבען זיך אפילו ניט צו ווערטעלט... דוא האסט מיר גוט באדויעט... נאר צארט טעבע וואזמי! איך פראשטשאיע דיר... איך האף מיר וועלען נאך זיין פאלעזנע איינאנדער.

—נו, וויא קומסטו אהער? פרעגט יענקעצקע אויסטרינקענדיג דיין רימקע בראנדפיין.

—אט וויא דוא קומסט אהער. ענטפערט אנטאשקע אויס טרינקענדיג זיין רומקע.

—פאר מיר האט מען דאך איינגעליינט זאלאג; אט האב איך געמוזט אבציהען, אום מען זאל מיך ניט ווידער אריין האקען אונטערן שלאסס. און איך האב געמוזט אבציהען פון צערניגאוו, ווייל מען זוכט מיך דארטען, אטשען פראסטא; פאניאל?

—האסטו עפעס געהאט אגוטע דיעלישקא?

—איך האב אריין געריסען עטליכע הונדערטער. אט וויא דוא זעהסט, איך האב זיך בעקליידט און אט איז געלט אויך. מיט דיא רייד האט ער איהם געוויזען א 25-גער.

—יע יע! איך גלויב, זאגט יענקעצקע. מניע ושאלי וואס איך בין דער בייא ניט געוועזן, יעי באהו!

—דיר קומט! האסטו ניט געוואלט מיט מיר צוריסען זיך... אט איצטער האב איך אויך אדיעלישקא, וואס מען קען אריין רייסען איניגע טויזענדער. אליין קען מען דאס ניט מאכען, מען מוז זיין זאלבעגאנד.

—דאס איז אויף אצווייטען עטאזש?

—אין איין אונטערסטען עטאז; אין אצימער וואו אזייטיגער קען אפט אריין געהן, ווייל דאס איז אקרעצמע; דיא געלד ליגט אין קאמאד, אין יועלכע עס בלייבט אפט שטעקען דיא שליסעלעך: פאנימאיעש?

—פיל געלד?

—דרייא טויזענד מיט איניגע הונדערט. ער דער קרעצמער האט דאס געבטען אבגענומען פון באנק און דארף דאס מארגען לייגען נדן פאר זיין טאכטער; דארטען ליגט איהרע צירונג אויך. דאס איז אגוט געשעפטיל; נאר פון דעסטוועגען איז דא פרעפיאטסטוויעס אויך דערין. מען דארף דארטען זיין אפאר שעה, אויס לערנען דעם פלאן פון דער הויז, און אויס רעכנען דעם באנצען פלאן דייסטוויא. און בייא דער נאכט קען מען דאס אבמאכען דיא שטיקעל ארבייט, אז אהאהן וועט ניט קרייען.

דער כהן (ח״ד)

—טאָ וואָס טהוסט דוא דאָ, לענטייא? פֿרעגט יענקעצקע, דוא האָסט דאָך געדאַרפֿט זיין דאָרטען אונ לויערן.

—איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז דער צו מוז מען זיין זאַלבעאַנד; אָט זוך איך אַטאָוואַרישטש.

—אונ אויף מיר האָסטו גאָר פֿאַר געסען? דיאַוואָל!

—דיר... ני זא קאָקיאַ בלאַני! דוא ביזט איין איזמיעניק געגען איינגענע טאָוואַרישצעס.

—נו!... קליאַנוס! איצטער שווער איך דיר, אַז היינט וועל איך זיין ווערנאַ, זאָגט יענקעצקע איהם געבענדיג דיא האַנד.

—נע האַטשו! מיט דיר וויל איך קיין געשעפֿטען ניט האָבען.

—דוא ווילסט ניט? זאָגט יענקעצקע: זאָלסטו וויסען, אַז איך וועל דיר נאָך געהן וויא אַשאַטען; איך וועל זעהען, וואוהין דוא געהסט אונ וואָס דוא טהוסט. אונ אויב איך וועל ניסט האָבען דער בייא, וועל איך דיר באַנראַבען מיט דיין טאָוואַרישטש צו זאַממען.

—נו טשאָרט טעביאַ וואַזמי! זאָגט אנטאָשקע איהם געבענדיג דיא האַנד: ריעשענאַ, מיר געהען ביידע! טאָ יעסט, מיר פֿאָהרען ביידע.

—דאָס איז ווייט?

—אָוויאָרסט צוואַנציג פֿון דאַנען. היינט פֿאַרנאַכט דאַרפֿען מיר דאָרטען זיין, קיין באַהן האָבען מיר ניט; מיר דאַרפֿען פֿאָהרען פֿעראַבס. געה, זעה דער ווייל אַפֿוהר. אין אַשטונדע אַרום קום איך, אונ מיר פֿאָהרען מיט גליק.

— פֿריער דאַרפֿען מיר אויסגלייזען דיא בוטעל, זאָגט יענקעצקע.

— דאָס ביזטו גערעכט. זייא האָבען באַלד אויסגעלייזט דיא בוטעל, זיינען פֿאַנאַנדער געגאַנגען. אין אַשטונדע אַרום זיינען זייא צוזאַמען געקומען. יענקעצקע האָט געבראַכט איין אידישען פֿוהרמאַן, אונ זייא זיינען אַוועק געפֿאָהרען.

5.

אַב געראַמט פֿון וועג.

זייא זיינען אָנגעפֿאָהרען אין דיא קרעצמע ק.., האָבען אָבגענומען אַצימער אַפֿאַרט. דאָס וואַר שוין פֿאַרנאַכט. זייא האָבען געהייסען מען זאָל זייא קאָכען אַוועצערע, דען זייא וועלען דאָ געכטיגען. דערווייל זיינען זייא אַרום געגאַנגען דיא גאַנצע קרעצמע, האָבען איהר בעזעהען

דער כהן (ח"ר)

פֿון

פון אינוועניג אונ פון דרויסען · אין קרעצמע זיינען געווען אנגעפאהרען
נאך מענשען ; זייא האבען מיט זייא גערעדט , פערבראכט , אום פון זייא
צוא חאפען אוואָרט , וואס זאל זייא ווייזען אויעג פון פרנסה · זייא האבען
זיך געזאגט : זייא זיינען פריקאפציקעס , אונ זייא דארפען דא אויפוואַרטען
זייער פרינציפאל , וועלכער דארף דא אנפאהרען בייא דער נאכט ; דער
פאר זיינען זייא געצוואונגען צוא זיטצען אויף בייא דער נאכט ביז ער
וועט קומען ·

האלב עלף בייא דער נאכט האבען זייא געהייסען דערלאנגען אין
זייער צימער יוועצערע · זייא חאבען געגעסען מיט גוטען אפטיט זעהר
געמיטהליך אונ האבען דערווייל אבסוזדייעט דעם גאנצען פלאן דייסטוויא ,
וויא אזוא מען זאל ארוים נעהמען דיא געלד מיט דיא צירונג , וואס אנטאשקע
האט געזאגט ; אום וויא פיל אוהר ; ווער עס זאל זיין דער הויפט טהוער
אונ ווער דער פאמאסצניק ; וואו מען זאל ארוים אונ וואו הין מען זאל זיך
אוועק לאזען , -- אלעס פאדראבנא ·

דיא טיהר איז געווען פארשפארט פון איינוועניג , דען אזא געשפרעך
וואס זייא האבען געפיהרט , האט ניט געלוינט , אז א זייטיגער מענש
זאל הערין ·

נאך דעם עסען האבען זייא געהייסען דערלאנגען פיר פלאשען ביער ·
אנטאשקע האט וויעדער צוגעשפארט דיא טיהר · זייא האבען זיך אנגענאשען
צוא גלעזער אונ האבען געטרונקען · אנטאשקע האט ארוים גענומען
ארענדעל אונ האט איהם בעוויזען , יענקעצקע האט נייגיריג בעקוקט דעם
רענדעל ; זייא האבען זיך פאנאנדער גערעדט וועגען קורס ; דערווייל האט
זיך ארוים געגליטשט דער רענדעל פון אנטאשקעס הענד אונ איז אראפ
געפאלען ; ער האט זיך איינגעבייגען איהם אויפהייבען , האט ער איהם
ניט געקענט געפינען · דא האט זיך יענקעצקע איינגעבויגען איהם אויפ·
צוזוכען , אונ האט בייא זיך געטראכט : אז איך וועל איהם געפינען , וועל
איך אויך מאכען אשוויג : לאז בעסער ליגען דער רענדעל בייא מיר אין
דער טאשע איידער בייא איהם ·

בשעת יענקעצקע איז געלעגען אונטערין טיש , האט אנטאשקע ראש
ארוים גענומען אפאראשאק פון וועסטעל קעשינע אונ האט אריין געשאטען
אין יענקעצקעס גלאז , וואס איז געשטאנען אנגענאסען , אונ ער איז
געבליבען ווידער אנגעשפארט זיצענדיג אויף זיין שטוהל · יענקעצקע האט
טאקע געפונען דעם רענדעל , ער זאגט : ער קען איהם ניט געפינען · ער
האט זיך אוועק געזעטצט צוריק אויף זיין ארט · בייא אנטאשקען האט
זיך געביטען דאס געזיכט אין אלערלייא קאלירען , נאר יענקעצקע איז
געווען צוטראגען מיט דעם רענדעל , האט ער דאס ניט בעמערקט ·
— נוא , טשארט יעווא וואזמי ! זאגט אנטאשקע : מארגען בייא טאג

וועלען מיר איהם דאָ ניט קענען געפינען. דען אַז מיר וועלען אָבמאַכען אונזער שטיקעל אַרבייט, וועלען מיר שוין דאָ מעהר ניט קענען זיין... נוא זאַ טוואַיאַ זדאַראָוויע! מיט דיא ווערטער האָט אנטאשקע אויסגעטרונקען זיין גלאָז.

— אי זאַ טוואַיאַ זדאַראָוויע! זאָגט יענקעצקע און האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז. טשאָרט וואָזמי! וואָסערע צערטאָווסקי ביטערע ביער דאָס איז, בררררר!... עס ווערט מיר איבעל!... עס קעהרט מיר... ברעכען... בררררר! איך בין... בררררר! פאַר סמט!...

ער האָט שוין גענומען ברעכען; עס האָט איהם גענומען קראַמפּפען, עס האָט גענומען שלאָגען שאַום בייא איהם פון מויל. ער איז געפאַללען אָן דער ערד.

אנטאשקע האָט בייא דער סצענע ניט געוועלט זיין, איז אַרויף געשפּרונגען אַפען טיש, האָט האַסטיג אויף געריסען דעם פענסטער, איז דורך געשפּרונגען און איז פערשוואונדען געוואָרען. שפּרינגענדיג האָט ער פערצעפּעט דיא בוטלען מיט דיא איבריגע כלים, וועלכע וואַרען אַפען טיש, און זייא זיינען אַראָב געפאַללען. דער פון איז געוואָרען אַגרויסער לאַרם, עס זיינען צונויף געלאָפען דיא הויז מענשען און דיא אָנגעפאָהרענע געסט, מען האָט צו בראָכען דיא טהיר און מען האָט דער זעהען דיא זרעלישצע: דער פענסטער שטייט אָפען; צו בראָכענע כלים און בוטלען זיינען אַנאַנדער געוואָרפען אויף דער ערד; יענקעצקע הודהו ליגט אויף דער ערד שאַום פון מויל, דאָס געזיכט בלאָ שוואַרץ; קיין צייכען פון לעבען איז פון איהם ניט צו זעהען. איינער פון דיא אָנגעפאָהרענע איז צו גילאָנגען האָט אַקוק גיטאָן און זאָגט. ער איז טויט. יענער באַנדיט האָט איהם געמויזט דער לאַנגען מיט וואָס אין קאָפּף און האָט איהם צוא בראָכען דעם שאַרבען; אָדער ער האָט איהם איין גיגעבין אַסם וואָס טאָדט אויגענבליקליך.

דער איינער וואָס האָט גיזאָגט דיזע מיינונג וואַר פייבוס קאַרנאָץ, וועלכער האָט אויך גיוועלט זיין אויף דער חתונה, וואָס ער האָט אויף געשפּילט. אנטאשקע האָט איהם מיט געטהיילט, וויא ער האָט זיך געטראָפין מיט יענקעצקען און וואָס ער האָט מיט איהם אָב געמאַכט. ער איז גלייך אַוועק געפאָהרען אין דיא קרעטשמע און איז גיקומען מיט אַשטונדע פריער פאַר זייא. האָט אָב גינומען אַנומער און איז געבליבין זעהען וואָס דאָ וועט זיך טאָן. און אַט איז ער אויך אין טאַלפּאַ מענשען, וואָס האָבען זיך אַריין געריסען אין צימער, וואו יענקעצקע איז געלעגען.

אין דעם מאָמענט, וואָס דאָ איז געווען דיא טרעוואָגע, איז אָן

געפאהרען דער פריסטאוו. ער איז אריין אין קרעטשמע און האט שוין געזעהען, וואס דא טהוט זיך.

— אך, זאגט ער: איך האב ניט לאנג ערהאלטען א טעלעגראממע, אז דא אין דער קרעטשמע, צווישען איינס און צוויא אוהר ביי דער נאכט, וועט זיך פאווערשיען א פרעסטופלעניע; אט האב איך זיך געאיילט צו קומען אום דאס צו פרעדאופרעזדייען, ערסט איך האב שוין פערשפעטיגט.

— אז איהר וואלט קומען מיט איינינע מינוט פריער, זאגט קארנאץ, וואלט איהר איהם נאך געפינען ביים לעבען; אבער דאס איז נאך אלס קיין בעוויז ניט, אז איהר וואלט אוסטראניען דיא פרעסטופלעניע. זייא זיינען דאך געוועזען פאר זיך אין צימער, ווער וואלט וויסען, וואס זייא טהוען דארטען?

— איהר זייט גערעכט, זאגט דער פריסטאוו. נאר וואס קומט ארויס פון דיא רייד מען דארף קאכטאוועען א פראטאקאל. איך האב קיין צייט ניט; איך מוז פאהרען נאך אין איין ארט. מיט דיא רייד האט ער זיך געזעצט און האט אנגעשריבען דעם פראטאקאל, אין וועלכען ער האט געשריבען, וויא דיא מעשה איז געוועזען, אז עס זיינען געקומען צוויא אונבעקאנטע מענשען אין קרעטשמע, איינער אקריסט, האט זיך גערופען אנטאן ארכיפיטש. דער אנדערער איד מיט דעם נאמען יענקעל הודו. זייא האבען אב גענומען איין נומער, און ביי דער נאכט אוהר עלף האט מען געפונען דעם אידען אטויטען; קיין ראנעס האט מען אויף איהם ניט געפונען; אלזא איז צוא פאדאזרעוויען, אז זיין טאוואַרישץ האט איהם פערשאכט. זיין טאוואַרישץ איז יעצט ניטא, ער איז פערשוואונדען. קיין וויד (אפאם) האט זיך ביין טויטען ניט אקאזעט, נאר זיין נאמען וויא אויך דען נאמען פון דעם קריסט האבען געזאגט דיא מענשען, וועלכע וואַרען אין קרעטשמע, אויך דער פוהרמאן, וואס איז מיט זייא מיט געפאהרען; מען האט ביי איהם אויך געפונען איינינע בריף, וועלכע האבען פאדטווערזעט אז זיין נאמען איז ווירקליך יענקעל הודו, און פון וועלכע עס איז ארויס צוא זעהען, אז ער איז אויך פון יענע מענשען, וועלכע פאליציא פרעסלעדעוועט.

דאס האט אללעס געדויערט א פירטעל שטונדע. און גלייך וויא ער האט קאכטאוועט דעם פראטאקאל, האט ער איהם מיט גענומען מיט דיא פאפירען, וואס מען האט ביי איהם געפונען, האט אנגעזאגט מען זאל ניט בעערדיגען דעם טויטען ביז עס וועט קומען דער דאקטער און וועט איהם פאלמסען, — און איז גלייך אוועק געפאהרען.

וויא דער פריסטאוו איז אוועק געפאהרען, האט פייבוס קארנאץ

אַריין געוואָרפֿען אין זיין צימער דעם פוהרמאַן, וועלכער איז מיט זייא געפאָהרען, אויך נאָך אַפּאר אידען דורך פאָהרער ניט רייכע, האָט זייא ערצייהלט, אַז אָט דער פערסאַמטער איז אַזוליק (ער קען איהם), ער האָט מקדש געווען אין עדענפורט אַפֿריילין, און זיא קען היינט ניט התונה האָבען, וואו עדות זאָלען ניט זאָגען, אַז זייא האָבען איהם געזעהען אַנגעשטאַרבענען, — אַלזאָ איז אויף זייא חל דיא מצוה, זייא זאָללען דאָס געהן זאָגען עדות פאַר דעם רב פון אַדערבייאיגע שטעטיל. נאָר ווײַלע זייא זיינען אָרעמע אידען, שיינקט ער זייא נאָך פאַר דער טרחא צו פינפרובלדיגע. דאָס איז גאַנץ כשרה עדות און אַמצוה אויך דער צו. דיא אידען האָבען זיך אָנגעכאַפּט. חאַפּען אַפינפרובלדיגען פאַר אַכשרה זאַך איז זייער רעכט. ער האָט פון זייא פערלאַנגט, אַז זייא זאָללען שוין מיט איהם מיט פאָהרען, ווײַלע ער איז אַדורכרייזענדער, און ער קען דאָ לאַנגער ניט פערבלייבען, און וואָס ער שטאַרעט זיך איז נאָר פון מצוה וועגען. ער איז דאָך אַ איד.

זייא זיינען מיט איהם גלייך אַוועק געפאָהרען, און זיינען געקומען אין דער פריה אין שטעטיל. ער האָט זייא געהייסען וואַרטען אין אַכסניא, און ער איז דער ווײַלע אַוועק צום פּריסטאַוו, געהמען בייא איהם אַסוויידעטעלסטווא צו פערשטאַרקען דיא עדות. דער פּריסטאַוו איז אַקאָרט געווען אויפגעשטאַנען פון שלאָף. ער איז אַריין צו איהם, האָט איהם דער ציילט דיא זעלבע זאַך, וואָס ער האָט ערציילט דיא אידען, אַלזאָ אום דיא פריילין זאָל היינט זיין פרייא צו הייראַטהען פערלאַנגט ער פון איהם אַסווידעטעלסטוואַ, אַז ער האָט אַליין געזעהען דעם יענקעלן אַטויטען, אָדער ער זאָל איהם געבען אַקאָפּיע פון פּראָטאָקאָל. און אום ער זאָל זיך צו אײַלען לייגט ער איהם אַקראַסנענקאַיאַ. דער פּריסטאַוו האָט זיך געזעטצט און האָט איהם גלייך אָנגעשריבען דיא קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל. קאַרנאַץ האָט איהם אָבגעדאַנקט און איז אַרויס.

נאָך דעם איז ער אַוועק מיט זיינע עדות צום רב, האָט איהם דער ציילט דיא גאַנצע מעשה פון מקדש זיין, האָט איהם בעוויזען דיא קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל: נאָך דעם האָבען דיא עדות געזאָגט וואָס זייא האָבען געזעהען. דער רב האָט זיך געזעטצט און האָט אָנגעשריבען אַללעס, וואָס דיא עדות האָבען איהם געזאָגט, זייא האָבען אויפגעגעבען זיינע פּרימעטעס; ריזע האָאר, אַריזער באָרד אַרונדע, אַפּען באַק אַשראַם, אונטערן אויג אַבראָדעווקע און דער רב האָט זיך אונטער געשריבען.

קאַרנאַץ האָט דעם רב אויך געלאָזען אַפּראָזענט און איז אַוועק געפאָהרען נאָך עדענפורט. נוא, זאָגט ער צוא זיך: איך וועל שוין ברייגנען אַבעסערע בשורה פאַר דעם פעטער, פאַר זעלקע בריל. זייא וועלען זיך

דער כהן (ה"ד)

ביא מיר אלע אבלעבען פון זייערע גרויסע צרות... וויא נוט עס האט מיר אלעס אויסגעגאלטען! וויא אלעס איז געגאנגען כשורה נאך דעם פלאן, וואס איך האב סאסטאוועט!... עס איז קיין פרעפיאטסטווע ניט געווען, און וויא לאווקע איך האב דאס אלעס געמאכט... איך האב געוועלט, דיא דראמע זאל זיך אויפשפילען דווקא אין אקרעצמע; דען אין שטאדט איז דא פיל דקטורים, מען קען געפינען אפראטיוואיאדיע (אנגענגיפט) דאן וואלט טויגען דיא גאנצע אינטריגע אויף כפרות. איך האב אויך געשיקט אטעלעגראמע צום פריסטאוו, אום ער זאל באלד קומען און סאסטאוועז אפראטאקאל, אום איך זאל האבען ארעכטע דאקאזאטעלסטווע... נוא נוא געלויבט איז גאט! פטור געווארען פון ארשע אבאנדיט; פון איהם וועט שוין מעהר קיין צרות ניט זיין אויף דער וועלט, און דערווייל זיינען געראטעוועט געווארען מינע לאהצע און מרקוס מיט זייערע טרויעריגע עלטערן... געלויבט איז גאט! איך האב געראטעוועט אוועלט מענשען!...

6.

אפריילין איין עגונה.

בשעת זעליג בריל איז געקומען אהיים פאר דרייא וואכען צוריק און האט געבראכט דיא טרויעריגע נאכריכט, אז יענקעצקע הוהו האט ביא איהם ארויס גנבעט דיא געלד און איז ענטלאפען געווארען, אלזא הייסט עס איז זיא געבליבען איין עגונה, — איז געווארען איאמער און אקלאג ביא זימלען אין הויז. חאטש זעליג בריל האט זיך אנגענומען, דיא געלד אוועק צוא געבען צוריק; אבער דעם נאמען עגונה קען ער דאך פון איהר ניט אויסמעקען. אקליינינקייט... איין עגונה!... און ווער? איונגעס קינד, וואס האט קיין מאן ניט געהאט, וועלכע האט נאך איין טאג ניט גענאסען דאס גליק פון איינעם עהע לעבען; און דער צוא טראגט זיא נאך דען שאנדליכען נאמען יענקעצקע הוהוס ווייב, וויא דיא שונאים האבען איהר אנאמען געגעבען.

זיא האבען יענעם טאג געוויינט, וויא נאך אטויטען. עס זיינען געקומען גוטע פריינד טרייסטען; נאר מיט וואס קען מען טרייסטען? מיט פוסטע רייד קען מען אזוא איין אונגליק ניט בעזייטיגען. יעדער אדער יעדע פלעגט זיא אבזאגען איינינע טרוקענע ווערטער, פלעגט אביסיל שאקלען מיטן קאפ ארויס צוא ווייזען זיין מיטליד און פלעגט זיך אוועק געה[n]

זאגענדיג אדאנק גאט, וואס איהם אדער איהר איז ניט צוא געקומען אזוא איין אונגליק, — אונ דיא וואונדען זיינען פון דעסטוועגען געבליבען ביא זימלען אין שטוב.

מינה לאהצע האט דיא אלע טרעוואגעם ניט געקענט אריבער טראגען, אונ איבערהויפט דער לעטצטער אודאר האט איהר גאר צובראכען; זיא איז געווארען קראנק, אונ איהרע קראנקהייט האט זיך פון טאג געשטארקט. זימל איז אויך ארום געגאנגען אקראנקער. ער האט געהאט דאפעלע צרות: ערשטען האט איהם געקריינקט דער אונגליק פון זיין איינציגע טאכטער; צווייטען וואס ער אזא לייטישער מענש איז געקומען צוא אזא שאנדע, דען אז ער פלעגט קומען אין מנין, פלעגען איהם איינגליך נאך רופען; אט איז יענקעצקע הוהוס שווער; נאך מעהר צרות האט ער געהאט פון זיין ווייב שרה; זיא פלעגט איהם נעהמען דאס לעבען אן אויפהער אונ פלעגט אימער זאגען: נא, זימל, קוק אויף אונזער בת יהודה! קוועל פון דיינע ארבייט! דיין שגעון פון יחוס האט אונז אין דער ערד אריין געבראכט. ער פלעגט איהר ניט ענטפערין, דען ער האט פריזנאייעט, אז זיא איז גערעכט; ער פלעגט זיך מעהר ניט גיסען מיט טרערין.

מרקוס פלעגט אפט אריין קומען צוא זייא. דען וויא מיר ווייסען, זינד עס איז געוועזען יענער אבמאך ביא זימלען מיט אהרן שטיינפעלד, האט ער זיך שוין בעטראכט אלס חתן אונ האט שוין געהאט פרייען איינגאנג אין הויז. אונ יעטצט אז מינע לאהצע איז געווארען קראנק, פלעגט ער שטענדיג זיטצען ביא איהר, ווען ער פלעגט גאר האבען צייט. דען ער איז געוועזען ביין פאטער אין געשעפט, איז ער ניט אלע מאל געוועזען פרייא. ווען מרקוס פלעגט קומען, פלעגט זיא זיך פיהלען פרייער, מוטהיגער, אונ פלעגט מיינען, אז דיא קראנקהייט ווייכט פון איהר. אונ דער פאר פלעגען זימל אונ שרה איהם בעטען ער זאל קומען וואס אפטער.

עס איז צו ענדע פון דער דריטטע וואך, זינד בריל האט געבראכט דיא שרעקליכע נאכריכט. עס איז פאר נאכט צו ענדע פריהלונג, דיא זון געהט אונטער. מינע לאהצע ליגט אויף איהר בעטט; זיא איז זעהר בלאסס אונ אבגעצעהרט; דאס פענסטער פון צימער איז איהר ענטגעגען; זיא קוקט דרויסען אויף דעם בולוואר, וועלכער איז געדיכט פון שפאצירענדע. דיא מוטטער זיטצט נעבען איהר אויף אשטוהל.

— זעה, מאמע, זאגט מינע לאהצע, וואס פיר איינע שאנע אוים זיכט דער בולוואר פאר נאכט מיט זיינע הויכע בוימער, וועלכע דיא שפיטצען זיינען בעלויכטען פון דער אונטערגעהענדע זאננע; מיט זיינע געשארענע אלעען, מיט זיינען שפאצירענדען העררן, דאמען אונ קינדער אין בונטע קליידערן, אונ אלעס איז דורכגעמישט מיט איינעם רייצענדען געמיש פון פארבען, —

א, וואס פיר איין שענער בוקעט דאס איז! יע דיא וועלט איז שאן, אבער ניט פאר אללעמען!... פון מיר איז דיא שיינע וועלט וויט!... פאר מיר איז זיא נאר... דונקעל... טרויעריג... אונ שרעקליך!.... אן, דוא זעהסט מאמע? אן נייען פיר פריילין... זיא לאכען... זיא זיינען פריליך, דען זיא שטעהט פאר אליכטיגע וועלט!... זייערע הערצער איז פול זיססע האפפנונגען... אונ איך... אוי וויא!... פאר מיר איז אללע האפפנונגען אבגעשניטטען!

—שווייג, מיין טאכטער, זאגט שרה; זעה רייד ניט, דיינע ווערטער זיינען מיר שפיזען.

—אן נעהט אפריילין מיט אהערן געארעמט, זאגט ווייטער לאהצה מיט אביטערין זיפץ; זיא קוקט איהם אין געזיכט... זיא שמייכעלט... איהר הארץ איז פול וואנגע... זיא הערט פון איהם זיססע רייד... זיינע ווערטער גיסען זיך אין איהר הערצען וויא אהיילבארער באלזאם... ער שילדערט איהר זייער קינפטיגעס גליקזעליגעס לעבען... זייער גליק איז ווירקליך ביי זיא אין דיא הענד... אונ איך... א גאטט!... איך האב אויך אפריינד!... ער קען מיר געבען גליק... איך קען אין זיינע ארמען זיין דיא גליקליכסטע פרויא אין דער וועלט... אבער זאגט זיא מיט אביטערין זיפץ.... א שרעקליך!... אויף מיינע הענד איז שווערע... שווערע קייטען! א א א!... איך בין געבונדען!...

—זעה, טאכטערל מיינע, הער אויף... דיינע ווערטער גיסען זיך אין מיר וויא אהעלישעס גיפט איך גייא אוים, מיין טאכטער, שווייג זע...

—לאז מיר, מאמע, זיך אביסעל דורך ריידען... איך וועל פיל ניט ציהען איך בין הייטע זעהר שוואך... א, איך בין געבונדען!... געקעטעט!... איך פרעג: פאר וואס קומט דאס מיר? בין איך דען אשווערע פערברעכערין? האב איך דען אזוי פיל געזינדיגט, אז איך בין אזוי טיראניש געשטראפט?... וועמען האב איך שלעכטעס געטאן? וועמען האב איך איין מאל בעליידיגט... גאטט! אז אויף מיר לאסטעט אזא שווערעס געזעטץ.

—טאכטער מיינע, רייד ניט אויף אונזער הייליגעס געזעטץ, שלעכטע מענשען האבען אונז שלעכטעס געטאן.

—ניין, מאמע, איך רייד נאר פון דעם געזעטץ... ווארום איז דאס געזעטץ געגעבען געווארען פאר אשלאכטמעססער אין דיא הענד פון שלעכטע מענשען, זיא זאללען מיט איהם קיילען אונשולדיגע שאף... א, איך בין געקוילעט!... וויא שרעקליך... וויא יאמערפאלל עס איז צו זיין געשטארבען אונ צו וויססען, אז מען איז געשטארבען... איך וויים, איך וויים וואס פאר איין אונגליקליכעס אפפער איך בין אויף דער וועלט.

עס איז אריין געגאנגען מרקוס.

אדא:ק

דער כהן (ה"ד)

—אדאנק דיר, ליבער מרקוס, וואס דוא ביזט געקומען, זאגט שרה: איך זיטץ דא וויא אויף הייסע קויהלען; זיא האט זיך דא פאנאנדער גערעדט אזעלכע רייד אז איך האב געפיהלט איך צו גייא הערענדיג... איצטער וועט זיא אפשר ווערען מוטהיגער.

— מארקוס! זאגט לאהצע איהם רייכענדיג איהרע אלבאסטער ווייסע האנד. ער האט גענומען איהר האנד האט בעדעקט מיט זיינע הייסען קושען אונ האט זיך אוועק געזעטצט נעבען בעט אויף אשטוהל. מרקוס! זאגט זיא: מיר האבען אמאל געשוואורען אין עוויגער ליבע אונד טריי. איך האב געהאלטען ווארט: מיינע עוויגקייט איז שוין צו ענדע.

אשטראם טרערין האט איהר ארויס געשטירצט פון דיא אויגען

— רייד דאך ניט אזעלכע ווערטער, זאגט מרקוס.

— איך בעט נאר, טהוא מיר איין געפאלליגקייט: לאז מיר זיך דורך ריידען. איך פיהל מיך היינטע זעהר שוואך... עס קען זיין, איך וועל באלד ערלייזט ווערין פון מיינע צרות... מרקוס! דיא אידישע געזעטצע זיינען נאר צום בעסטען דער מאננער בעארבייטעט געווארען: ווען דעם מאן פאר ווילט זיך גטן זיין פרויא — קען ער. ווען אמאן שטארבט, אונ עס בלייבט איונגע אלמנה, מוז זיא געהמען חליצה ביא דעם מאנס ברודער אונ געבען איהם געלט וויא פיל ער וויל; האטש אין דער תורה איז געגעבען געווארען דיא אביאזאנאסט אויף איהם, נאר היינט איז עס בעארבייטעט געווארען, אז דיא אביאזאנאסט איז אויף דער ארמע פרויא. — אז אבאנדיט, אזוליג וויל אומגליקליך מאכען אפריילין — דארף ער מעהר ניט זאגען וויא צווייא ווערטער, איז זיא שוין אנגעקיילעטע; אויך דעם זוליק שיטצט דאס געזעטץ; ער איז דאך אמאנספערזאן. אונ דאס פרויענצימער בעטראכט דאס געזעטץ וויא איינע פערברעכערין; זיא, איין ארמעס געשעפף, מוז טראגען שווערע קייטען.... זיא איז אבהענגיג פון דעם מאנספערזאן... זיא איזט איין ניכטס. אבער, פרעג איך: דוא, מיין ליבער מארקוס, ליידעכט דאך אויך באפאן; איך וויים, מיין ליבער, דוא ליידעסט ניט ווייניגער פאר מיר, — ווארום זאלסטו ליידען? דוא ביזט דאך אמאנספערזאן: דיך דארף דאך דאס געזעטץ שיטצען. נאר איך מוז זאגען איינס פון דיא ביידע: ענטוועדער דיזער זאקאן האט גערעכינט אז דער מאנספערזאן האט אהארץ פון שטיין: וואס דארף איהם ארען פאר דאס פרויענצימער? ווייניג זיינען זייא דא אויף דער וועלט? לאז דיא געהן צום טייוועל, אונ ער וועט נעהמען איינע אנדערע. אדער איך מוז זאגען, אז דיזער זאקאן האט גאר ניסט געטראכט... מען האט איין געטונקט דיא פעדער אונ מע' האט צו געשריבען אפאר ווערטער: ואם לא

רקה הוי קדושין" אא! דיזע ווערטער שטייען פאר מיינע אויגען אין פייערדיגע בוכשטאבען. אז איך האב ניט געוואוסט, איך דארף ארויס וואַרפען דיא געלד פון האנד, דארף איך זיין אנגעקיילעטע. א דיא ווערטער האבען אנגעצונדען אהעלישען פייער אין מיין הארצען: עס ברענט!... עס פלאקערט!... עס ברויזט!... עס שטירעט אין מיר!... איך האלט ניט אויס!... אט איז מיין ענגעל!

זיא האט זיך אהאפ געטאן מיט איינפעט, איז ארויף געפאללען מרקוסען אפען האלז, האט איהם אומגעשלונגען מיט איהרע צארטע הענד, האט איהם צוא געדריקט צו זיך; דיא אויגען איהרע האבען גענומען שפריצען פייער אונ זיא האט אויס געשריען:

— אט איז מיין ענגעל! אין זיין שאאס טראגט ער מיר גליק אונ זעגען... ער גיט מיר מיט דער פולער האנד... אונ איך!... אי! גאטט, גאטט! טאר דאס ניט געניסען!... וואס איז? יענקעצקע דער באנדיט... האלט מיך אנגעבונדען מיט אייזערנע קייטען!... איך בין—דיא שקלאפען פון איינעם באנדיט, א א א א!

זייא האבען זיך אללע דרייא ביטטער פאנאנדער געוויינט.

— מרקוס! זאגט זיא נאך איינער פויזע מיט אוויינענדע שטימע; מרקוס! דוא בלייבסט דא!... איך גיה אוועק פון דאנען... איך גיה אין אוועג ניט מעהר אומצוקעהרען זיך... אבער דער פאר וועל איך ניט וויסען פון דיזער וועלט אונ פון אללע איהרע שרעקען!... איך וויניש דיר, ליבער מרקוס, דוא זאלסט געניסען לעבען אונ גליק דא אויף דיזער וועלט... דוא האסט שוין פיל געליטען... אז איך וואלט וויסען דוא וועסט האטס זיין גליקליך, וועל איך שטארבען רוהיג...

—ליבע מינע, זאגט מארקוס איהר אקום געבענדיג, איך בעט דיך זייא רוהיג, שטארק זיך... רייד ניט פון שטארבען... דוא וועסט זעהען, מיר וועלען לעבען אונ גליקליך לעבען אונ מיר וועלען דער מאגען אין פריידען אללע אונזער ליידען...

—אויף וואס זאלען מיר האפפען? זאגט זיא: דער באנדיט איז ניטא... איך בין איין עגונה... א גאט!... איך, אפריילייו, בין איין עגונה!... וויא שרעקליך אונ וויא לאכערליך איז דאס!

—דיא שלעכטע נאכריכט, זאגט מרקוס, האבען מיר דאך פון זעליג בריל; אבער קארנאץ איז נאך ניטא. וואס ווייס מען? פיללייכט וועט ער ברייננגען אגט.

—דאס איז פוסטע רייד, זאגט זיא. אז דער באנדיט האט ארויס-גנבעט דיא געלד, מיינט ער ניט [illegible] גיוועזן [illegible] אדער ער מיינט מען זאל

איהם געבען נאך אמאל געלד, אונ קארנאץ האט ניט געהאט אנדערע פיר טויזענד רובל איהם צו געבען.

פון דעסט וועגען לאמיר האפען .... שא, עס הערט זיך ריידענדיג אין פאטערס צימער ... עפעס אבעקאנטע שטימע .... אי! קארנאץ!..

זימלס צימער האט זיך געגרענעצט מיט לאהצעס. די טיהר צווישען ביידע צימערין איז געשטאנען אפען, אונ עס האט זיך געהערט וואס מען רעדט.

—איך וויל איך אליין גאר ניט זאגען, הערט זיך קארנאץ שטימע; וואו איז לאהצע? שרה? זייא מוזען אויך הערען:

—לאהצע איז קראנק, זאגט זימל, און איז זיא אין איהר צימער, שרה איז דארטען אונ מרקוס אויך.

—טא קומט אהין, ר' זימל. איך האב פיינט צוויא מאל צו ריידען דאס, וואס איך קען ריידען איין מאל.

—אבער האט איהר גוטע נייס?

—דאס וועט איהר באלד הערין. מיט די רייד איז קארנאץ מיט זימלען אריין געגאנגען אין לאהצעס צימער. ער געהט צו צו איהר בעט.

—לאהצע! וואס טהוט זיך מיט דיר! ביזט גאר ניט געזונט?

—מען קען דען זיין געזונט פון אזעלכע צרות. זעליג בריל מיט זיינע ניעס האבען מיך קראנק געלייגט אונ וואס איז מיט אייך? איהר וועט קאנצען געוויס וואס בריל האט אנגעהייבען.

—איך רעכען, זאגט קארנאץ מיט אשמייכעל, אז איך וועל דיר געזונט מאכען.

—געזונט מאכען! האבען אללע געגעבען אנעשרייא.

—איהר האט גוטע נאבריכט? זאגט מרקוס.

—דוא האסט אגוטע בשורה? זאגט זימל.

—זאגט וואס איהר האט צו זאגען, זאגט לאהצע: איהר האט קיין מורא ניט איך בין געפאכסט אויף אללעם.

—דוא ביזט אזוי קראנק: איך האב מורא מיינע ווערטער זאלען ניט מאכען אשטרענגע איבערראשונג, זאל דיר ח"ו גיט שאדליך זיין.

—זאגט, גיסקאסע, הערד קארנאץ צו שלעכטע בשורות בין איך שוין געוואוהנט, אונ גוטעס וועל איך ניט גלויבען .... נו וואס איהר האט אפשר אגט?

—איך האב געפונען יענקעצקען.

—נו, דאס איז אויך אמציאה, זאגט זימל: נו וואס?

—ער האט מיר צו געזאגט צו געבען אגט.

דער כהן (ח"ד)

אויף

—אױף דָעם בַּאנְדִיטְס װֶערְטֶער אִיז דָא פִּיל צוּבױעָן, זָאגְט זימל; װִיא פִּיל גֶעלְט װִיל עֶר נָאךְ? אֶפְשַׁר צֶעהֶען טױזֶענְד רוּבָּל? װָאס?

—אַסַךְ װֵיינִיגֶער, זָאגְט קארנאץ װֶעלְכֶער הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְעט צוּ דֶערְלָאנְגֶערֶען דָאס גֶעשְׁפְּרֶעךְ אוּם דִיא אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג שְׁוַואכֶער צוּ מַאכֶען.

— זָאגְט שױן קְלָארֶע װֶערְטֶער. זָאגְט לאהצע: אִיהר הָאט אַגָט? װײזְט!

— אִיךְ הָאבּ נִיט קֵיין גֵט, אוּנ אִיךְ װֶעל פוּן אִיהם נִיט הָאבֶּען קֵיין גֵט, אוּנ עֶר װֶעט נִיט גֶעבֶּען קֵיין גֵט.

— אָט דָאס אִיז קְלָארֶע װֶערְטֶער, זָאגְט לאהצע, דָאס הָאבּ אִיךְ פְרִיעֶר גֶעװאוּסְט.

אַלֶע זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען נִידֶערְגֶעשְׁלַאגֶען.

— װַייסְט אִיהר פַאר װָאס עֶר װֶעט נִיט גֶעבֶּען קֵיין גֵט?

— װַיילֶע עֶר אִיז אַבַּאנְדִיט, זָאגְט מרקוס.

— נֵיין, גָאר אִיבֶּער אַיין אַנְדֶער טַעַם אוּנ גָאר אַפְּרָאסְטֶען.

— זָאג שױן אַמָאל, שְׁרַייט זימל.

— װַיילֶע עֶר הָאט אַמִיתָה אַיינְגֶענוּמֶען, זָאגְט קארנאץ.

— װָאס רֶעדְסְטוּ? שְׁרַייט זימל: יענקעצקע הוהו אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען?

— אִיז דֶען װִירְקְלִיךְ דֶער בַּאנְדִיט טױט? זָאגְט מרקוס.

— װֶערְט נִיט אַזױ עֶנְטְצִיקְט, זָאגְט לאהצע: עֶר טְרַייסְט אוּנְז מִיט סְטֶע רֵייד.

— נַאט לֵייעֶנְט! זָאגְט קארנאץ, מִיט דִיא רֵייד הָאט עֶר אַרױס גֶענוּמֶען דִיא קָאפִּיֶע פוּן פְּרָאטָאקָאל אוּנ דֶעם כְּתָב פוּן רָב אוּנ הָאט דֶערְלַאנְגְט מרקוסען, אוּנ עֶר הָאט גֶענוּמֶען לֶעזֶען.

אַלֶע הָאבֶּען גֶעהֶערְכְט מִיט גֶעשְׁפַּאנְטֶער אױפְמֶערְקְזַאמְקֵייט. אַז עֶר הָאט גִיעֶנְדִיגְט הָאט זימל אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאן: מַזָל טוֹב! הָאט גֶענֶעבֶּען קארנאצען דִיא הַאנְד אוּנ זָאגְט:

— אַדַאנְק דִיר בְּרוּדֶער פַאר דִיא גוּטֶע בְּשׂוֹרָה!

— לאהצע אִיז גֶעפַאלֶען דֶער מוּטֶער אַפֶען הַאלְז, זַייא הָאבֶּען בֵּיידֶע גֶעװֵיינְט פַאר פְרֵיידֶע.

מרקוס מִיט טְרֶערִין אױף דִיא אױגֶען הָאט גֶעקוּקְט קארנאצען פַאר דִיא גוּטֶע נַאכְרִיכְט.

לאהצע אוּנ שרה הָאבֶּען קארנאצען אױסְגֶעדְרִיקְט זַייעֶר הֵייסֶען דאנק פַאר דִיא גוּטֶע בְּשׂוֹרָה אוּנ הָאבֶּען גֶעזָאגְט: זַייא װָעלֶען אִיהם צֵייט לֶעבֶּען הַאלְטֶען פַאר זַייעֶר װָאהלְטָהָאטֶער.

זָאגְט מִיר, הֶערְר קארנאץ, זָאגְט מרקוס מִיט אַבִּיטֶערִין גֶעלֶעכְטֶער: אוּנְזֶערֶע מַזָלוֹת זַיינֶען דָאךְ גְרױס: צוּא אִיז זִיא נִיט גֶעבְּלִיבֶּען אַחֲלוּצָה?

— דָאס וָואלְט זַיין אַבִּיטֶערֶער גְלַייכְוֶוערְטִיל, זָאגְט זימל; אִיךְ וַויים נִיט צוּא אִין דֶעם פַאל קֶען זַיין דֶער פַאךְ חֲלִיצָה, נָאר פוּן דֶעסְטְוֶועגֶען אִיז קַיין קַשְׁיָא נִיט; עֶס קֶען גְרַיילִיךְ זַיין. עֶס וָואלְט זִיךְ נָאךְ פַּאסֶען דִיא צָרָה אוֹיךְ.

— וֶועגֶען דֶעם אִיז נִיטָא וָואס צוּא רֵיידֶען; יענקעצקע אִיז גֶעוֶועזֶען אַבֶּן יָחִיד. אִיהר וַויסְט דָאךְ גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער זַיינֶען דָאס רוֹב בְּנֵי יְחִידִים, זָאגְט דִיא וָועלְט.

בַּייא זימלען אִין הויז אִיז גֶעוָוארֶען אוֹרָה וְשִׂמְחָה, אוּנ לאהצע הָאט זִיךְ שׁוין גֶענוּמֶען בֶּעסֶערְן פוּן מִינוּט, אוֹיף מָארְגֶען הָאט מֶען גֶעמַאכְט אַיין אַבֶּענְד, עֶס זַיינֶען גֶעוֶוען גֶעלַאדֶען אַלֶע גוּטֶע פְרַיינְד, לאהצע אִיז שׁוין גֶעוֶוען אִים שְׁטַאנְדֶע מִיט צוּא זִיטְצֶען מִיט דִיא גֶעסְט, זימל מִיט אהרן שטיינפעלד הָאבֶּען שׁוין פֶעסְט גֶעזֶעטְצְט: וֶוען לאהצע וֶועט וֶוערִין פָאלְקָאמֶען גֶעזוּנְט, זָאלֶען פַייעָרִין אִיהרֶע פֶערְלָאבּוּנְג מִיט מרקוסען.

7.

אַז בֵּיידֶע נַארֶען זִיךְ אֵיינַאנְדֶער אִיז דָאס נִיט גֶענַארְט.

עֶס אִיז פָאר אִיבֶּערְגֶעלָאפֶען פִּיעָרְצֶעהֶען טָאג זינְד קארנאץ אִיז גֶעקוּמֶען אוּנ הָאט גֶעבְּרַאכְט דִיא פְרַיילִיכֶע בְּשׂוֹרָה, אַז דֶער ווינָאווְניק פוּן זַייעָרֶע אוּמְגְלִיקֶען אִיז שׁוין מֶעהר נִיטָא אוֹיף דֶער וָועלְט. בַּייא זימלען אִין הויז אִיז שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן; לאהצע אִיז פְרַייא, זִיא קֶען שׁוין הֵייַראטְהֶען וֶועמֶען זִיא וִויל. אֵייגֶענְטְלִיךְ אִיז דָאךְ אַפְּרַאגֶע: אַלֶע פְרַיילַיין זַיינֶען דָאךְ פְרַייא צוּא הֵייַראטְהֶען וֶועמֶען זַייא ווילֶען; פַאר וָואס אִיז בַּייא זַייא נִיט אַזַא פְרַיידֶע וִויא בַּייא לאהצען? נָאר אַזוֹא אִיז שׁוין אִין דֶער נַאטוּר: אַפְרַיידֶע אִיז נִיט דָאס גֶענִיסֶען גוּטֶעס; אַפְרַיידֶע אִיז דָאס בֶּעפְרַייעֶן זִיךְ פוּן שְׁלֶעכְטֶעס; אוּנ דַאהֶער אִיז מֶאגְלִיךְ כֶּעדֶהר פְרַיידֶען אוּנְטֶער דֶעם אָרְמֶען קְלַאס, אַלְס אוּנְטֶער דִיא רַייכֶע. דִיא עֶרְסְטֶע הָאבֶּען אָפְּט נוֹיט אוּנ מַאנְגֶעל אוּנ נָאךְ טוֹיזֶענְדֶע אוּנַאנְגֶענֶעהמְלִיכְקַייטֶען אִין זַייעֶר לֶעבֶּען, הַיינְט אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַגוּטֶער צוּפַאל אִים לֶעבֶּען, אָט פִיהלֶען זַייא פְרַיידֶע; דִיא רַייכֶע אָבֶּער לַיידֶען קַיינֶען מַאנְגֶעל, זַייא וַויסֶען נִיט פוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶעס, דַאהֶער פִיהלֶען זַייא נִיט דָאס גוּטֶע. אַיין אָרֶעמַאן וֶועט מֶען אָפְּט טְרֶעפֶען בַּייא פְרַיילִיכֶער לוּינֶע, אוּנ דֶער רַייכֶע אִיז מֵייסְטֶענְטְהֵיילְס פֶערְדְרִיסְלִיךְ.

מינע לאהצע אִיז שׁוין גֶעזוּנְט. זִיא אִיז פְרֶאהלִיךְ אוּנ מוּנְטֶער, זִיא זִינְגְט שׁוין אוּנ שְׁפִּילְט אוּנ מרקוס בֶּעגְלַייטֶעט אִיהר מִיט זַיין וִויָאלִינֶע (פִידיל).

עס קומען צוא זייא אפט געסט מען פערברייננט דיא צייט זעהר לוסטיג. אונטער אלע געסט פלעגט אויך אפט קומען דיא יונגע פאר, אונזערע אלטע בעקאנטע, יאזעף זילבערשטיין מיט זיינער פרויא רעבעקקא לעאנס טאכטער, וועלכע האבען געפייערט זייערע פערמאהלונג (חתונה) אין אמאנאט ארום נאך איהר קומען צוא פאהרען.

מוישל דאבקען איז נאך אימער קיין חתן ניט. זינד דער מחותן האט אבגעשיקט דיא תנאים, וויא דער לעזער ווייס, האט זימל מעהר ניט געטאן וועגען אשידוך, ערסטען ווייל איהם איז אין קאפף ניט געוועזען איבער דיא צרות וואס ער האט געהאט פון דער טאכטער; אונ צווייטען האט ער זעהר געזאלעוועט יענעם שידוך. יענער האט זיך טאקע גערעכינט אונטער אידען פון דיא גרויסע מיוחסים, אונ זימל האט זיך דאך אימער געשלאגען צו יחוס, וויא דער לעזער ווייס, אלזא וואס ער האט זיך לישייעט פון דעם שידוך האט ער גערעכינט פאר אגרויסען אונגליק. ער פלעגט אימער זאגען: גאטט האט מיר געגעבען קינדער מעהר ניט צווייא, אבער צרות פון זייא האב איך וויא פון צוואנציג.

יאזעף זילבערשטיין, וויא מיר ווייסען, איז געוועזען דער ווינאוויניק פון דעם שידוך אבלאזען, דערום האט ער יעמאלט געזאגט, אז ער נעהמט זיך אן שידוך זאל בלייבען שידוך. דער ווילע, וויא עס ווייזט אוים, האט ער דערינען ניסט געטאן; דען עס איז אוועק איינינע וואכען אונ יענער מחותן בעט נאך דיא תנאים ניט צו ריק. זימל פלעגט אימער מאנען ביי איהם; וואו איז זיין הבטחה? אונ יאזעף פלעגט איהם אימער פערזיכערן אונ זאגען; זייט רוהיג! איך האב אייך צו געזאגט אונ איך וועל קענען האלטען ווארט.

מען האט געמאכט פארבערייטונגען צו מארקוס אונ לאהצעס פערלאבונג (תנאים), וועלכע האט דיזען טאג, דאס הייסט אין צווייא וואכען ארום נאך קארנאץ קומען, שטאטס צו פינדען.

אוהר צוועלף ביי טאג איז געקומען יאזעף זילבערשטיין מיט זיינער פרויא רעבעקקען מיט אוויזיט. רעבעקקע איז אריין אין לאהצעס צימער, אונ יאזעף איז אריין צו זימלען אין זיין קאבינעט, זימעל איז דעם מאל געוועזען זעהר צו מוטה. איז ארום געגאנגען איבערין צימער, האט געדריקט זיין פייס אונ האט זיך געגלעט דיא בארד זעהר פערגניגט.

—גוט מארגען, ר' זימל! זאגט יאזעף אריין נייעגריג זעהר פריילך; וואס מאכט איהר?

—געלויבט איז גאטט! זאגט זימעל היינט איז תנאים ביי מיין לאהצען, דוא ווייסט דאך: אונ איך בין ב"ה צו פרידען; דען מאטל (מרקוס) געפעלט מיר זעהר: ער איז איין עהרליך קינד אונ אנוטער למדן... איך האב דאס גאר אזוי פיל ניט געוואוסט.

דער כהן (ח"ד)

איהר

—איהר געדיינקט, ר' זימל, איך האב אייך אמאל צו גערעדט צו דעם שידוך, אונ איהר האט מיר ניט געוואלט הערין. היינט זעהט אז איך בין גערעכט.

—גערעכט ביזטו אונ שמייסען קומט דיר, זאגט זימל זיין פערציטיגען ווייטיג: פאר וואס האסטו מיר פארדרייט דעם מוח אונ האסט מיר ניסט געלאזען טאן מכה מיין מוישלם שידוך? דוא האסט זיך אנגענומען דאס אויס צו פיהרען, — ערסט האט זיך אויס געלאזען דיינע ווערטער חלומות... דוא ביזט אגרויסער שייגעץ, יוספקע! דער ווייל בין איך געבליבען קרח מכאן וקרח מכאן, ניט דוא האסט געטאן, ניט איך האב געטאן.

—איך האב יע געטאן, ר' זימל, אונ איך האב אויפגעטאן, זאגט יאזעף מיט אשמייכעל.

—וואס האסטו געטאן, אונ וואס האסטו אויפגעטאן? פוסטער בעריהמער.

—היינט אדער מארגען וועט איהר האבען אבריף, אונ אויב היינט, וועט איהר באלד האבען דעם בריף; דען ביא אונס קומט אן דיא פאסט צוועלף אוהר.

—וואס פאר אבריף וועל איך האבען? אונ פון וועמען?

—פון אייער מחותן, ר' זימל, אונ אין בריף וועט שטיין, וויא ער בעט אייך איבער, אונ וועט בעטען איהר זאלט איהם צו שיקען דיא תנאים צוריק, אונ איהר זאלט בעשטימען: ווען ווילט איהר זאל מען שפילען חתונה.

—אט אזא בריף וועל איך האבען, זאגסטו?

—אזא בריף וועט איהר האבען, זאגט יאזעף קאלט בלוטיג.

—זעה, דוא לאכסט פון מיר יוספקע. דוא ביזט אגרויסער שייגעץ!

—איהר אסקראבלייעט מיר ר' זימל, אז איהר זאגט דאס. פון ר' זימל דאבקען לאכט מען ניט.

—אט פון וואנען ווייסט דוא?

—איך וועל אייך גאר ניסט זאגען, ביז איהר וועט האבען דעם בריף... לאם איך אקארסט גיין זעהען, וואס טהוט מיין רעבעקקע ביא אייער לאהצען. מיט דיא רייד איז ער ארויס פון זימלס קאבינעט אונ איז אריין אין לאהצעס צימער. דארטין איז געזעסין לאהצע מיט רעבעקקען אונ האבען געשמועסט.

—נו, וועט היינט זיין אסצענע צום לאכען, זאגט יאזעף, אויב זימל וועט היינט האבען אבריף פון גמליאל גרינשטאק... לאהצע! איהר וועט זיך אויך אביסל אן לאכען.

—פון וואס וועל איך דאס אזוי לאכען? פרעגט לאהצע.

—עס איז פראנען אגאנצע הומאריסטישע איסטאריע.

אין דיא רייד איז אריין געלאפען זימל מיט אפאפיר אין האנד מיט אשטראהלענדע געזיכט.

—נו, יוספקע! שרייט ער; אט איז אבריף פון מחותן... ערסט האט

דֶער פָּאצְטַאלְיָאן אַרַיין גֶעטְרָאגֶען . . . אוּנ זֶעה , וָואס עֶר שְׁרַייבְּט : . . . אוֹ״ת בְּאוֹת , וָואס דוּא הָאסְט גֶעזָאגְט . . . דוּא בִּיזְט אַמְכַשֵּׁף ! . . . אַנְדֶערְשׁ נִיט . . . דוּא בִּיזְט אַמְכַשֵּׁף !

—אֶפְשֶׁר בִּין אִיךְ אַנָבִיא ? זָאגְט יוֹסֵף מִיט אַשְׁמֵייכִיל .

—אַנָבִיא גֶעוִויס נִיט ! דֶען דוּא בִּיזְט נִיט פְרוּם . . . אַנָבִיא נִיט אַפְרוּמֶער קֶען נִיט זַיין ! . . . נָאר אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ ; אָט דִיא נַייֶע וֶועלְטִיגֶע . . . אָט דִיא שׁוּסְצִיקֶעס . . ., דִיא אַפִּיקוֹרְסִים זָאגֶען דָאךְ : עֶס אִיז נִיטָא קֵיין שֵׁדִים אוּנ עֶס אִיז נִיטָא קֵיין כִּישׁוּף . . . טָא וִויא קוּמְסְט דוּא צוּ כִּישׁוּף . . . אִיךְ פְרֶעג בַּייא דִיר : וִויא קוּמְסְט דוּא צוּ כִּישׁוּף ?

רעבעקקע הָאט זִיךְ צוּ גֶעטוּלֶעט צוּ לאהצען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעקַייכְט פוּן גֶעלֶעכְטֶער .

—אִיךְ וַוייס נִיט קֵיין כִּישׁוּף ר׳ זימל . אִיךְ הָאבּ זִיךְ פְרָאבְט מִיט אִיהם גֶעשְׁרִיבֶּען .

—וָואס הָאסְטוּ אִיהם פָּארְט גֶעשְׁרִיבֶּען , יוֹסֵף ?

—אִיךְ הָאבּ גמליאלן גֶעשְׁרִיבֶּען אַזוֹי : אִיהר ר׳ גמליאל בֶּעשׁוּלְדִיגְט דֶעם חָתָן , וָואס עֶר שְׁרַייבְּט צוּ אַגוּוֶערְנַאנְטֶע ; אוּנ ר׳ זימל אַייֶער מְחוּתָּן אַבְּווינַייעֶט דִיא כַּלָּה פַּאר וָואס זִיא הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען לִיבֶּעס בְּרִיף צוּ אַפְרֶעמְדֶען יוּנְגֶען מַאן .

—דָאס אִיז דָאךְ אָבֶּער לִיגֶען , שְׁרַייט זימל .

—שְׁלָאגְט מִיר נִיט אִיבֶּער , ר׳ זימל ; עֶס אִיז אֱמֶת !

—וִויא הֵייסְט עֶס ! שְׁרַייט זימל : דִיא כלה הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען בְּרִיוּלֶעךְ צוּ אַפְרֶעמְדֶען מַאנְסְבִּיל !

—אַייֶער כַּלָּה הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען בְּרִיפֶע צוּ אַפְרֶעמְדֶען מַאנְסְפֶּערְזָאן , יָע !

—אוֹיבּ דָאס אִיז אֱמֶת , וִויל אִיךְ דֶעם שִׁידוּךְ נִיט ! שְׁרַייט זימל .

—עֶס אִיז אֱמֶת , זָאגְט יאזעף ; אָבֶּער זִיא אִיז נִיט שׁוּלְדִיג : וַוייל זִיא וַוייס אוֹיךְ נִיט , אַז זִיא הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען .

—שְׁטֵייטְס ! שְׁרַייט זימל . זִיא הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען לִיבֶּאוּנֶע בְּרִיוּלֶעךְ , אוּנ זִיא וַוייס נִיט , אַז זִיא הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען ? . . . וָואס בַּאלְבֶּעסְט דוּא , יוספקע ! צוּ בִּיזְטוּ נִיט פוּן זִינֶען אַרָאבּ .

לאהצע אִיז גֶעזֶעסֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוּנ רעבעקקע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטִיקְט פוּן גֶעלֶעכְטֶער .

—וָואס וואוּנְדֶערְט אִיהר זִיךְ , ר׳ זימל ? זָאגְט יאזעף . אַייֶער מוֹישׁל הָאט דָאךְ אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבֶּען צוּ דֶער גוּוֶערְנַאנְטֶע , אוּנ וַוייס אוֹיךְ נִיט , אַז עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען .

—שְׁטֵייטְס ! דֶער אַרְצֶענֶער יוּנְג ! עֶר הָאט טַאקֶע גֶעשְׁרִיבֶּען ? עֶס אִיז אֱמֶת ?

—עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען , ר׳ זימל , עֶס אִיז אֱמֶת , ר׳ גמליאל הָאט אוֹיךְ

קֵיין לִיגֶען נִיט גֶעשְׁרִיבֶּען. נָאר מוישל אִיז נִיט שוּלְדִיג, וַוייל עֶר ווייס אויךְ נִיט, אַז עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען.

—עֶס שְׁפַּאלְט מִיר דֶער מוֹחַ! שְׁרַייט זימל: אָדֶער אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע, אָדֶער דוּא בִּיזְט מְשׁוּגָע...

מוישקע; מוישקע! קוּם אַהָער!... הָאט זימל גֶענוּמֶען רוּפֶען מוישלען. מוישל אִיז אַרַיין גֶעגַאנְגֶען.

זָאג מִיר, מוישקע, נָאךְ אַמָאל... דוּא אַרְצֶענֶער יוּנְג!.. דוּא זָאלְסְט מִיר נִיט לֵייקֶענֶען!.. דוּא זָאלְסְט מִיר זָאגֶען דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת: דוּא הָאסְט גֶעשְׁרִיבֶּען בְּרִיוועלֶעךְ צוּ דֶער גוּבֶּערְנַאטָארְקֶע? טְפוּ!.. מֵיין אִיךְ, צוּ דֶער גוּווערְנַאנְטְקֶע?

נֵיין, טַאטֶע, זָאגְט מוישל; אִיךְ ווייס נִיט פוּן וָואס צוּ זָאגֶען. אִיךְ שְׁוָוער דִיר בַּייא מֵיין לֶעבֶּען!

—עֶס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, זָאגְט יאזעף; עֶר אִיז נִיט שוּלְדִיג. עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ ווייס נִיט, אַז עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבֶּען.

—טָא זָאג שוין מִיר אַמָאל, שְׁרַייט זימל: וָואס טְהוּט זִיךְ דָא?

—וַוייל עֶ פַּארְשְׁטֵייט אִיהר מִיךְ, מוישל קֶען דָאךְ קֵיין דַייטְשׁ נִיט... אִיהר הָאט אִיהם עֶפֶּעס גֶעלֶערִינְט דַייטְשׁ?

—אַוַדַאי נִיט! וִויא קוּמְט מֵיין מוישקע צוּ טַייטְשׁ!.... עֶר קֶען גָאר קֵיין אִידִישׁ נִיט.

—דִיא בְּרִיף צוּ דֶער כַּלָה הָאט עֶר אָבֶּער פָארְט גֶעשְׁרִיבֶּען אויף דַייטְשׁ, זָאגְט יאזעף.

—יָע יָע! עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעשְׁרִיבֶּען.

—פַארְשְׁטֵייט אִיהר מִיךְ, ר׳ זימל; מוישל הָאט אִיבֶּער גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ הָאט נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר שְׁרַייבְּט, אוּנ דֶער מְחוּתָּן ר׳ גמליאל הָאט גֶעמֵיינְט, אַז עֶר אַלֵיין שְׁרַייבְּט, אָט וִויא צב״ש אִיהר ר׳ זימל הָאט גֶעמֵיינְט, אַז דִיא כַּלָה שְׁרַייבְּט אַלֵיין.

—טָא אִיז וִויא? פְרֶעגְט זימל אִין פֶערְלֶעגֶענְהַייט: עֶס שְׁפַּאלְט מִיר דֶער מוֹחַ, וִויא אִיךְ בִּין אַ אִיד! אִיז הַייסְט עֶס שוּלְדִיג דָאךְ דֶער, וָואס הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען דִיא צֶערְנָאוְוקֶע?

—גֶעווִיס! זָאגְט יאזעף.

—דִיא צֶערְנָאוְוקֶע הָאסְט דוּא דָאךְ גֶעשְׁרִיבֶּען יוספקע.

—יָע, ר׳ זימל, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבֶּען לִיבֶּעסְבְּרִיפֶע צוּ דֶער כַּלָהס גוּווערְנַאנְטְקֶע, אִיהר פֶערְשְׁטֵייט? אוּנ מוישל, אַייֶער זוּהן, הָאט אִיבֶּער גֶעשְׁרִיבֶּען אוּנ מֶען הָאט אַוֶועק גֶעשִׁיקְט.

זימל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין מִיט אַיין אָפֶענֶע מוֹיל.

—אוּנ יֶענֶע גוּווערְנַאנְטֶע, פַארְשְׁטֵייט אִיהר מִיךְ, ר׳ זימל, הָאט אָנְגֶעשְׁרִיבֶּען אַצֶערְנָאוְוקֶע פַאר דִיא כַּלָה, זִיא הָאט אִיבֶּער גֶעשְׁרִיבֶּען, הָאט

ניט געוואוסט, וואס זיא שרייבט, אונ האט אב געשיקט דעם בריף אהער, אונ איך האב איבערגעלייענט.

—אונ דיא כלה קען טאקע גאר ניכט? פרעגט לאהצע מיט פער־וואונדערונג. דען זימל איז נאך געשטאנען, וויא אשטאטועּ;

—דיא כלה קען אזוי פיל דייטש וויא פיל מוישל קען העבראיש; מוישל קען העברעאיש וויא פיל איין אראבער קען צוכנעש; אונ אצוכאנען קען אזוי פיל אראביש, וויא פיל מוישל קען דייטש; דאס הייסט דער איטאך אנול.

רעבעקקע איז געפאללען פון געלעכטער.

—איצטער, פארשטייט איהר מיך? עס האבען זיך געליבט איונגער מאן מיט אפביילין, אונ האבען זיך געשריבען בריפע מיט חתן אונ כלהעס הענד.

—לכן ביזטו דער גאנצער שולדיגער! שרייט זימל. דוא, יוספקע, האסט אנגעמאכט דיא גאנצע קאלעקאטקע.

—שולדיג איז אייער מוישל, פאר וואס ער האט זיך ניט געלערנט, אדער בעסער, שולדיג זייט איהר, ר' זימל, פאר וואס איהר האט איהם ניט געגעבען לערנען!

—אונ אז איינער איז ניט געלערנט דארף מען אנמאכען אזא שקאנדאל? זאגט זימל... פע, יוספקע! דוא ביזט אגרויסער שייגעץ אונ איונגאץ אויך דער צו! עס איז דיין גליק, וואס דוא האסט ווידער צו רעכט געמאכט דעם שידוך, אז ניט וואלט איך דיר געזידעלט כאחד הריקים.

—דאס האב איך זיך מיט אייך אבגערעכינט, ר' זימל, ווייל איהר האט געלאכט פון בילדונג, איהר האט געזאגט: מען דארף גאר ניכט קענען. מען קען זיך שאפפען מיט אנדערע, — יעטצט זייט וויסען, וויא נוט עס איז אנצוטרויען איינעם געדאנקען דעם צווייטען. אונ אייער מוישל האט געמאכט חוזק פון מיר, וואס איך ארבייט אונ ברעך דעם מוח פאר זיינע בריף, אונ ער איז זיך גאנץ רוהיג, זיינע בריף ווערען פארטיג נאר אן איהם. ער האט געלאכט פון מיר, וואס איך האב געהארעוועט אויף קענטנים, אונ ער האט זיך אלס געשטארעט צו בעווייזען, אז דער וואס קען ניט מאכט בעסער פאר דעם וואס קען. דער דארף הארעוועו שטענדיג. אונ דיזער דארף קיין מאל ניט הארעוועו, אונ דער רעזולטאט איז אלס איינס, — אט האב איך איהם בעוויזען, וואס עס איז בעסער יע קענען צו ניט קענען.

— אבער דיא כלה וואס איז שולדיג? פרעגט מינע לאהצע.

— דיא כלה האט גראב בעהאנדעלט דיא גווערנאנטע; האט זיא זיך מיט איהר אויך אבגערעכינט.

—אבער, יוספקע! זאגט זימל מיט אהייזריגע שטימע: וויא קומסט דוא צו שרייבען זיך בריוועלעך מיט אגובערנאטערקע פטפו! רק איך צופלוצע זיך!... מיין איך, מיט אגוווערנאנטע? דאס איז דאך אקריסטין וויא קומסט דוא צו שרייבען בריפעלעך מיט איין קריסטען הא? ווארט, שייגעץ איינער, איך וועל דער ציילען לעאנען... אונ איך וועל דער ציילען דיין ווייבעל, מיר דאכט אז דוא וועסט האבען פון איהר אפינסטערן שמיני עצרת פאר אזעלכע שקאצקערייא.. שא! אט איז זיא! דוא הערסט, רבקה, דיין מאנס מעשיות?

איך בין איהם מוחל, זאגט רעבעקקע: אונ האט אויס געשאסען אין אגעלעכטער.

זימל אונ לאהצע האבען גענומען קוקען דא אויף יאזעפען, דא אויף רעבעקקען.

—פארשטייט איהר מיך, זאגט יאזעף מיט אשמייכעל, אט דיא גוווערנאנטע איז זיא טאקע.

—האא! האבען אגעשרייא געטאן מיט אמאל זימל, לאהצע אונ מושל, אונ זייא זיינען געבליבען שטיין מיט אפענע מיילער.

—אט מיין רעבעקקא, זאגט ווייטער יאזעף, איז געוועזען בייא גמליאל גרינשטאק אגוווערנאנטע צו דיא קינדער.

—וויא? לעאנס טאכטער?

—יע, לעאנס טאכטער, אט דיזע רעבעקקע. איהר ווייסט דאך, אז זיא האט זיך ערצויגען אנדערם וואו. זיא האט געשטודירט, אונ אם ענדע איז זיא אנגעקומען פאר אגוווערנאנטע....

—טא וויא קומט איהר צו איהר? פרעגט לאהצע.

—מיט אונס האט פאסירט אגאנצער ראמאן, זאגט יאזעף, דאס קען מען ניט איבערציילען מיט צוויא ווארטען, איך האב דער פון בעשריבען אגאנצע געשיכטע, אונ האב אויך בעשריבען דיא געשיכטע פון איהר מוטער פריידעל.

—א איך האב געהערט, זאגט לאהצע. דאס זאלל איינע מערקווירדיגע געשיכטע זיין, איך וואלט זעהר ווינשען דיזע געשיכטע צו לעזען.

—איך האב דיא בראשורקע בייא זיך. איך וועל אייך באלד ציינען.

—איך דאנק אייך זעהר.

—זאג זעה מיר, שייגעץ איינער, זאגט ווייטער זימל, וויא זעה האסטו ווידער גוט געמאכט דעם שידוך?

—אט איצטער וועל איך אייך זאגען אין קורצען ווארטען. זאגט יאזעף: איך האב אקוק געטאן, אז איך האב דא אנגעמאכט אצרה, האב איך זיך בעשלאסען, איך זאל ווידער גוט מאכען וואס איך האב קאלע געמאכט. איך האב געשריבען גמליאלן אבריף אונ האב איהם דערציילט

דיא גאנצע געשיכטע, אונ האב איהם ערקלערט, אז איצטער איז דער זעלבע גלייכער שידוך וויא פריער; פריער האט דעם חתנ׳ס פאטער געמיינט, אז דיא כלה איז אקענער׳ין, אונ דער כלה׳ס פאטער האט געמיינט, אז דער חתן איז אקענער, — היינט האט זיך ארויס געוויזען, אז זייא קענען ביידע ניט, זיינען זייא דאך ניט איינער בעסער פאר דעם אנדער׳ין, אז ביידע נארען זיך איינאנדער איז דאס ניט גענארט, אלזא האב איך איהם געבאטהען, ער זאל זיך ניט ענטזאגען פון דעם שידוך מיט זימל דאבקין. אונ אויב ער וועט ניט וועלען, וועל איך איהם ניט צו לאזען טאן איין אנדער שידוך; דען איך וועל אריין שיקען צו זיין מחותן זיין טאכטער׳ס בריפע, וועלכע זיא האט געשיקט צו מוישלען, אונ וועלכע זיינען בייא מיר אין האנד.. גמליאלן איז אבער ניט אנגעשטאנען צוא בעטען זיך בייא אייך, — האט ער געטאן איין אנדער שידוך. איך האב דערגאנגען דיא אדרעסע פון זיין מחותן. האב איך גלייך אוועק געשיקט צוא אים דיא כלה׳ס אבריף מיט אגאנצע ערקלערונג. דיא כלה איז דארטען גראד געוועזען צוא גאסט, מען האט איהר געוויזען איהרע בריפע, וועלכע זיא האט שוין געהאט געשריבען צוא איהר נייען חתן אויך מיט דעם זעלבען קונץ וויא פריער, אונ מען האט בייא איהר געבעטען זיא זאל ערקלערען דארטען וואס מען האט ניט פערשטאנען... פערשטייט איהר דאך וויא איהר איז געוועזען אפען הארצען. דעם זעלבען טאג איז זיא פון דארט אוועק געפאהרען אונ זיא האט שוין נעפונען דער היים דיא תנאים וואס דער מחותן האט שוין אבגעשיקט פער פאסט. איהר פערשטייט, ר׳ זימיל, וויא ביטער אונ וויא זויער עס איז געווארען גמליאלן אפען הארצען! אויף מארגען האט ער שוין געשריבען צוא מיר אבריף אונ האט מיך געפרעגט, צוא איז ר׳ זימל בערייט צוא בענייען דעם שידוך מיט איהם. איך האב איהם אבגעענטפערט אז יע, — אט האט ער אייך געשריבען דעם בריף וואס איהר האט אין האנד.

— אדאנק דיר, יוסף, וואס דוא האסט אזוא איינגעשטעלט. איצטער קלער איך דארף מען איהם גלייך צוא שיקען דיא תנאים צוריק אונ שרייבען ווען עס זאל זיין החתונה.

— ניין, היילט זיך ניט, ר׳ זימל. פאלגט מיר: איהר זאלט זיך איצטער לאזען בעטען... איהר שרייבט איהם אפ, אז פאר דיא אסקארבלעניע וואס איהר האט פון איהם געהאט, פערלאנגט איהר אהוספה צוא דיא נדן טויזענד רובל אונ ער וועט געבען, דען ער איז תקיף אין מעמד אונ ווייטער וועט ער פארזאגען אצעהנטען צוא טאן איין אנדער שידוך, דען ער האט מורא פאר מיר.

— דוא ביזט גערעכט, יוספקע, אט איך גיה שוין אבשרייבען

דער כהן (ה״ד) אבר״ף

אַבריף. מיט דיא רייד איז ער אַרויס געגאַנגען. מוישל איז אויך אַרויס געגאַנגען.

8.

דער אידישע שוואַרגאָן.

עס איז אַריין געקומען מרקוס, ער האט זיך צוקוקט מיט לאהצען, האט געגעבען דיא האנד רעבעקקען אונ יאזעפען, אונ האט זיך אַוועק געזעטצט נעבען לאהצען.

— איהר שיינט מיר אַלע היינטע זעהר הומאָריסטיש, זאָגט מרקוס: ערצעהלט מיר וואָפאָן האט איהר ערסט געבען גערעדט?

לאהצע האט איהם אַרויף געלייגט איהר האנד אויף זיין פּלייצע אונ האט איהם ערצאהלט אין קורצע וואָרטען דיא געשיכטע מיט מוישלס בריפע אונ וויא אַזוא דער פון איז ענטשטאַנדען דיא גאַנצע ליבעס געשיכטע פון יאזעף אונ רעבעקקען. מרקוס האט געלאַכט אונ האט זיך געוואונדערט.

— הערר זילבערשטיין, זאָגט לאהצע. זיא האבען מיר ערסט געבען פערשפּראָכען צוא ציינען איהר מאַנוסקריפּט (געשריבענעס בוך), אין וועלכעס זיא האבען איהרע געשיכטע בעשריבען.

— ביטטע, זאָגט יאזעף, איינדעם ער האט איהר דערלאַנגט אַדיקעס העפט.

זיא עפינט, גיט אַקוק אונ זאָגט מיט פערוואונדערונג:

— שוואַרגאָן! זיא האבען גאר געשריבען אין שוואַרגאָן! וואָרום האבען זיא עס ניכט געשריבען אים רוסישען, אָדער אים דייטשען? איך וויים זיא שרייבען מאַנכע אַרטיקעלן אין דען רוסישען אָדער דייטשען בלאַטטערין.

— פערשטעהען זיא, דאס איזט איינע געשיכטע פאָן דעם אידישען לעבען, אַלזאָ האבע איך עס פיר דאס אידישע פאָלק געשריבען. דאַרין איזט מאַנכע זיטטענלעהרע, וועלכע קאן אים אידישען לעבען פיל נוטצען ברייננען.

— אונד זיא אינטערעסירען זיך אַזוא פיר דען זשאַרגאָן?

— אָ, מיר איז דיא אידישע פאָלקסשפּראַכע זעהר ליעב, זאָגט יאזעף: איך לעז גערין אידישע געשיכטען.

— איך ליב אויך צוא לעזען פון אידישען לעבען זאָגט רעבעקקע.

— זיא לעזען שוואַרגאָנישע ביכלעך! זאָגט לאהצע מיט אַוואונדער: זיא שפּאַסען ניכט?

דער כהן (ח״ד)

איהר

— איהר לעזט אידישע מעשיות! זאגט מרקוס מיט אנגלעכטער, הה ה! איך פאל פון געלעכטער, וויא פאסט עס פאר איך? פוי!

— ווארום דען ניכט? זאגט יאזעף.

— שטייטס, זאגט מרקוס, ביכלעך, וואס איז געמאכט געווארען פאר הויז מיידלאך, לעזט אמאן, וועלכער בעזיטצט פינף אייראפייאישע שפראכען.

— ווען איך וויל לעזען, זאגט יאזעף, פון פראנצאזישען לעבען, באטירליך לעז איך פראנצאזיש; ווען איך וויל לעזען פאם ענגלישען לעבען לעז איך ענגליש; אונ ווען איך וויל לעזען פאם אידישען לעבען, נאטירליך מוז איך לעזען ביכער אין דער אידישען פאלקסשפראכע.

— וואס געפינט איהר דארטען אין דיא אידישע ביכלעך? אדער אבאבע מעשה, אדער אמעשה פון אבעל שם ה ה ה!

— מיר איז אגרויסער וואונדער, זאגט רעבעקקע: ניט שוין זיינען איך דיא אידישע ווערק אזוא פרעמד, אז איהר אורטהיילט פאן זייא אזוא שלעכט.

— זייא זיינען מיר ווירקליך פרעמד, זאגט מרקוס, איך האב זייא קיין מאל אין האנט ניט געהאלטען, זייא פלעגען מיר אפ עקלען. מען האט מיר יע רעקאמאנדירט איך זאל לעזען מאנכע, וועלכע מען האט מיר בעריהמט; נאר איך האב זיך געשעמט צוא האלטען אין האנד, עס זאל ווער ניט דערזעהען.

— איך בין אויך אזוא געבילדעט, וויא דוא, זאגט יאזעף, פון דעסטוועגען שעמע איך זיך ניט דער מיט; נאך פערקעהרט, אז איך בעקום איין אינטערעסאנטעס ווערק אאידישע ליב איך עס צוא לעזען אין איינער געזעלשאפט פאן צוא הארען.

— אונד עס איזט ווירקליך איין פערגניגען צוא הארען, זאגט רעבעקקע; דען ער ווייס יעדעם געשפראך זיינע אינטאנאציאן, זיינע געבערדען אונד גרימאסען צוא צוגעבען, וויא איין ווירקליכער אקטאר; דאס גיבט אריין לעבען אין דער ערצאהלונג, זא דאס אלע ווערדען ענטציקט אויך פון סוזעט, אויך פון זיינע לעזען.

— אבער, זאגט לאהצע, שזארגאן איז אזא האסליכע שפראכע, דאס אלע ווייכען פון איהר.

— וואמיט איז זיא אזוא האסליך? פרעגט יאזעף: ערקלערען זיא מיר.

— וואס איזט עס פיר איינע שפראכע, זאגט לאהצע: זיא האט קיינע גראמאטיק, איז איין געמיש פון דייטש, רוסיש, פאלניש, העבראיש (לשון קודש) דאס זעהט אויס וויא דאס איבערבלייבזעל (אביעדקעס) פאן פערשידענען געריכטען צוזאמען געמישט; וואס פיר איין געשמאק קאן דאס האבען?

דער כהן (ח״ד)

—זיא אירדען זיך : זיא האט יא איינע גראמאטיק ; איך האב זיא ניכט געזעהען , אבער איך ווייס , דאס זיא עקזיסטירט . אונ צווייטען זעהט מען , דאס דיא שפראכע איז געבויט אויף גראמאטישע רעגעלען , מען ברויכט זיא נור צוא בעארבייטען . צווייטען וואס זיא זאגען , אין איהר איז איין געמיש פון פערשידענען שפראכען , פרעג איך : וועלכע שפראכע איז דאס ריין אהנע פרעמדע ווארטער ? נעהמט ארוסישע אדער אדייטשע בלאט (צייטונג) וועט איהר אין איהר געפינען מעהר אויסלאנדישע ווארטער אלס אייגענע . נעהמט דיא ענגלישע שפראכע , זיא איז איין געמיש פאן לאטיין פראנצאזיש אונד דייטש ; פון דעסטוועגען רעכינט זיא זיך פאר אוועלט שפראכע , ווייל עס ריידען אויף איהר פילע מיליאנען מענשען . דארוים איז צוא שליסען , דאס איינע שפראכע ווערט ניט געאכטעט נאך איהרער אייגענער ווירדע , נאר נאך דער מענגע מענשען , וועלכע ריידען אויף איהר ; היינט אז אויף אידיש רעדען אין רוסלאנד אליין איבער דריי מיליאנען מענשען , איז זיא שוין אשפראכע גלייך מיט אלע שפראכען .

—איהר האט מיך שוין איבער גערעדט , זאגט מרקוס ; איך וועל שוין אויך לעזען שזארגאן ... מיין איך אידיש ; אבער ניכט עס אינטערעסאנטעס צום לעזען ?

—איך מוז אייך זאגען , זאגט יאזעף , עס ניבט אידישע ווערקע העכסט גוטע , איך לעז זייא מיט ענטציקען , איך געפין אין זייא זעהר שיינע בילדער פאם אידישען לעבען אונ גייסטרייכע קאמבינאציאן (צו זאממענזעטצונג אונד פערקניפפונג) דער ערייגניססע . נאטירליך דאס רייד איך פון דען אוים גע-צייכנטען ; איך רעד ניט פאן יענעם שמוץ , פון יענע עלענדע ביכלעך , וועלכע פערשמוטצען דיא גוטע ווערק . נאר מען דארף וויססען צו וואהלען (אוים צו קלייבען) קרוין פון בראק .

—מיר איז אוואונדער , זאגט לאהצע אין שזארגאן זאל זיין רעכטע ווערקע , שאדע וואס איך האב זייא ניעמאלס געלעזען .

—וואס איז דער וואונדער , זאגט רעבעקקע : ווארום זאל איך גלויבען , דאס אים פראנצאזישען קען יע געבען גוטע ווערקע אונ אים אידישען ניט ? וויא עס קען געבען אקריסט מיט אטאלאנט , קען דאך געבען איודע אויך מיט אטאלאנט ; דעסטא מעהר , אז אים יודישען לעבען איז דא זעהר פיל שטאף צום שרייבען אונ צו קריטיזירען . איך מיין זאגאר דיא אידישע לעבענסארט זאלל נאך רייכער זיין אין שטאפף צו זאלכען וועלכען , אונ וואו עס ניבט מעהר שטאף ניבט עס מעהר אינטערעסאנטעס .

—נו , איך ווערדע אויך איהרען ראטה בעפאלגען , זאגט לאהצע , איך וועל אויך נעהמען לעזען אידישע געשיכטען ; אבער דאך וועל איך עס מוזען טהון אין געהיים ... ווייל איך ווייס קיין געבילדעטער מענש לײדט עס ניכט .

—זיא אירדען זיך , זאגט יאזעף : דאס וואר עהע מאלס , ווען דוא זא

גענאנטע אידישע ליטעראטור ארעם אן רעכטען ווערקען וואר; אבער הייטע דא וויר גוטע ווערקע אין אידישען האבען, זא לעזען זיא פיעלע געבילדעטע לייטע, אויך שטודירטע. אונד צום בעווייז דאס זיא גוט זינד, ווייס איך, דאס יעדער, וועלכע נור אנגעפאנגען האט אידיש צו לעזען, ווירד שוין ניע אויפ-הערען. דאס איזט איין ווירקליך גוטער בעווייז!

—וואללען וויר אנפאנגען פאן איהרעם ווערק, זאגט לאהצע צו יאזעפען.

—יאזעף, זאגט רעבעקקע, לעז אונז פאר. דיין לעזען בעלעבט דיא גאנצע ערצאהלונג.

יאזעף האט גענומען זיין העפט אונ האט אנגעפאנגען צו לעזען. לאהצע אונ מרקוס האבען אויפמערקזאם צו געהארכט. זייא וואַרען ענטציקט.

אז ער האט דורך געלעזען איינע קאפיטעל, זאגט לאהצע צו מרקוס:

—הער, אונזערע געשיכטע איז דאך אויך זעהר מערקווירדיג. נעה, וואס מיר זיינען אוים געשטאנען פאן דעם באנדיטען, אונ וואס מיר האבען געהאט צו ליידען פון דעם פאטאלען ווארט, וואס ער האט מיר געזאגט, מיט וועלכע ער האט מיך געפעססעלט מיט אייזערנע קעטען, הייטע איז דער לעצטער טאג פון אונזער געשיכטע; הייטע פייערין אונזערין הייליגען בונד; הייטיגער טאג איזט אונז איינע בעלאהנונג פיר אללע ליידען אונד שמערצען, וואס מיר זיינען אוים געשטאנען, אלזא אללעס וואס האט פאססירט מיט אונז ביז הייטע שרייב אויף. עס ווירד איינע זעהר אינטערעסאנטע געשיכטע זיין פיר דאס אידישע פובליקום.

—שרייב אויף! זאגט מרקוס: דיר איז לייכט צו זאגען שרייב אויף: מען דארף האבען דאצו אטאלאנט. איך וועל דיר זאגען דיא וואהרהייט: איך האב שוין אנגעפאנגען צו שרייבען אונ עס געהט ניכט; איך האב געמוזט אוועק ווארפען.

—מרקוס, דוא האסט דאך יא איינע ארטיקעלין אין דיא צייטונגען געשריבען אים רוסישען אונד אים דייטשען, — ענטזאגסט דוא זיך צו שרייבען שזארגאן, וויא קומט עס?

—איינע קליינע ארטיקעל יע, אבער אגאנצע געשיכטע, אגאנצע קאמבינאציאן נעהם איך מיר ניט אן... וויסען זיא וואס? העהר זילבער-שטיין, זאגט ער צו יאזעפען; מיינע אונד לאהצעס געשיכטע פערוויקעלט זיך אין דיא איהריגע, ביטטע, פלעכטען זיא עס צו זאממען אונ לאס דארויס איינע געשיכטע ענטשטעהען.

—ווירקליך, זאגט לאהצע; זיא האבען איינען זאלכען טאלאנט צום שרייבען, ביטטע: אונזערע אללגעמיינע געשיכטע ווירד זעהר אינטערעסאנט זיין.

—דאס ווערדע איך טהון, זאגט יאזעף: אונ האט ווייטער גענומען לעזען.

עס איז אביין גענאנגען מוישל. ער האט דער זעהען אז מען לעזט שזארגאן

דער כהן (ח"ד)

שְׁזַארְגָאן . הָאט עֶר זִיךְ פֶערְוואוּנְדֶערְט , אַז אַזֶעלְכֶע גֶעבִּילְדֶעטֶע מֶענְשֶׁען לֶעזֶען שְׁזַארְגָאן . נַאכְהֶער אַז מֶען הָאט אִיהם עֶרְקְלֶערְט , אַז דָאס הָאט יאזעף פֶערְפַאסְט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעשִׁיכְטֶע , הָאט עֶר זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען : הַא , וֶועל אִיךְ פוּן מִיר אוֹיךְ שְׁרַייבֶּען אַגֶעשִׁיכְטֶע , דֶען אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט אַסַךְ צָרוֹת .

אַלֶלֶע הָאבֶּען זִיךְ פַאנַאנְדֶער גֶעלַאכְט .

—וָואס לַאכְט אִיהר ? זָאגְט מוֹישֶׁל ; אִיךְ וֶועל דָאךְ נִיט שְׁרַייבֶּען אוֹיף רוּסִישׁ צוּ אוֹיף דַייטְשׁ ; אִיךְ וֶועל שְׁרַייבֶּען אוֹיף אִידִישׁ , פַאר שְׁטֵייט אִיהר .

זַייא הָאבֶּען נָאךְ אִימֶער גֶעלַאכְט .

—אִיךְ פַארְשְׁטֵייא נִיט , זָאגְט מוֹישֶׁל , וָואס לַאכְט אִיהר ? אִידִישׁ קֶען אִיךְ שְׁרַייבֶּען ; אוֹים לֵייגֶען קֶען אִיךְ אוֹיךְ ; אִידִישׁ רֵיידֶען קֶען אִיךְ אַוַדַאי . פַאר וָואס זָאל אִיךְ נִיט קֶענֶען אוֹיפְשְׁרַייבֶּען מַיין גֶעשִׁיכְטֶע , חָלֶעבֶּען ?

— דוּא מֵיינְסְט נָאר , אַז דֶער וָואס קֶען רֵיידֶען , יֶענֶער קֶען זַיין אַפֶּערְפַאסֶער , זָאגְט יאזעף , אוֹיף דֶעם אוֹפֶן דַארְפֶען אַלֶלֶע פְרַאנְצָאזֶען קֶענֶען זַיין פֶּערְפַאסֶער אוֹיף פְרַאנְצָאזִישׁ , אַלֶלֶע רוּסֶען — פֶּערְפַאסֶער אוֹיף רוּסִישׁ ; פוּן דֶעסְט וֶועגֶען אִיז דָאךְ נִיט אַזוֹ . . . עֶס הָאבֶּען זִיךְ יֶעצְט גֶעפוּנֶען פִיעלֶע מֶענְשֶׁען אוּנְוִויסֶענְדֶע וֶועלְכֶע שְׁרַייבֶּען גֶעשִׁיכְטֶען , אוּנ זָאגֶען אוֹיךְ אַזוֹא וִויא דוּא ; וִויא בַּאלְד זַייא קֶענֶען רֵיידֶען , דַארְפֶען זַייא קֶענֶען שְׁרַייבֶּען וֶוערְק אוֹיךְ ; אוּנ זַייא מֵיינֶען , אַז דָאס אִיז רֶעדֶען , וָואס זַייא קֶענֶען זָאגֶען ; בְּרוֹיט , זַאלְץ , גֶעהְן , הַאנְדְלֶען , א. ז. וו. . . . גֵיין , רֵיידֶען קֶען יֶענֶער , וֶועלְכֶער אִיז בֶּעלֶעזֶען ; אִין אַפֶּערְפַאסֶער צוּא זַיין מוּז מֶען קֶענֶען אוֹיסֶער דִיא אֵייגֶענֶע מוּטֶטֶערְשְׁפְּרַאךְ , נָאךְ אַפְרֶעמְדֶע שְׁפְּרַאךְ . נֶעהְמְט דִיא רוּסִישֶׁע בֶּערִיהְמְטֶע קְלַאסִיקֶער ; פוּשְׁקִין , טוּרְגֶענְיֶעוו אוּנ נָאךְ אַנְדֶערֶע , זַייא הָאבֶּען גִיקֶענְט פְרַאנְצֶאזִישׁ זָא וִויא רוּסִישׁ . אוּנ אַלֶלֶע פֶּערְפַאסֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט קֶענֶען פְרֶעמְדֶע שְׁפְּרַאכֶען , הָאטְס זַייא פֶּערְפַאסֶען אִין דֶער אֵייגֶענֶע מוּטֶטֶערְשְׁפְּרַאךְ אָבֶער זַיינֶע קֶענְטְנִיס אִין דֶער פְרֶעמְדֶען שְׁפְּרַאכֶע נִיט אִין זַיינֶעם וֶוערְק אַיין נַייֶעם לֶעבֶּען , אַיין אַנְדֶער גַאנְג , וָואס נִיט יֶעטְצְט אִיז דִיא צַייט צוּ עֶרְקְלֶערֶען . טְיֶעם בָּאלְיֶע ; דֶער וָואס שְׁרַייבְּט אִידִישׁ מוּז דַייטְשׁ גֶעוִויס קֶענֶען ; דֶען דָאס אִיז דִיא מוּטֶטֶער פוּן אוּנְזֶער שְׁפְּרַאכֶע : עֶר וֶועט שְׁטֶעלֶּען יֶעדֶעס וָוארְט רֵיין , אוּנ וֶועט זִיךְ נָאר אַנְדֶערְס אוֹים דְרִיקֶען , וִויא דֶער , וֶועלְכֶער קֶען נִיט דַייטְשׁ . אוּנ וֶוען עֶס גִיבְּט יֶע וֶועלְכֶער שְׁרַייבְּט אִידִישׁ אָהנֶע דַייטְשׁ צוּ קֶענֶען , אִיז יֶענֶע אִידִישׁ קְוִידֶערְוָואלְשׁ אוּנ עֶס עֶקֶעלְט צוּא לֶעזֶען . וַוייטֶער אוֹיסֶער דִיא שְׁפְּרַאכֶע פָאדֶערְט זִיךְ פָאם פֶּערְפַאסֶער פִיל זַאכֶען : עֶרְסְטֶען , מוּז עֶר זַיין זֶעהר בֶּעלֶעזֶען ; צְוַוייטֶען . עֶר מוּז קֶענֶען דִיא וֶועלְט , אוּנ הָאבֶּען אֵיינֶען בֶּעאבַּאכְטִינְגֶעסְגַייסְט , צוּ קֶענֶען בֶּעטְרַאכְטֶען אַלֶלֶעס וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דֶער וֶועלְט , אוּם דַארוֹים צוּ נֶעהְמֶען שְׁטָאף צוּ זַיינֶעם עֶרְצָאהלוּנג שְׁרַייבֶּען ;

דער כהן (ה״ד) דריטטען

דריטטען , ער מוז האָבען אַטאַלאַנט צום שילדערין , צו בעשרייבען איינע
ערשיינונג אָדער איינען כאַראַקטער אונ אַללעס פאָרשטעללען נאַטירליך ;
פיערטען , ער מוז בעזיטצען איינע גוטע איינבילדונגס קראַפט (כח הדמיון),
ער דאַרף זיך קענען פאָרשטעללען וויא ער איז בייא יעדער ערייגניס
(טרעפפונג) אַנוועזענד (דער בייא) אום עס אַרויס צוא געבען ריכטיג וויא
דיא זאַך האט פאַסירט ; פינפטען , איבער הויפט מוז ער האָבען אַטאַלאַנט
צום קאָמבינירען דער עראייגניססע (אויפצופלעכטען ענינים אונ מיט איינאַנדער
פערוויקעלן . דערינען בעשטעהט דיא הויפט קונסט פון דעם פערפאַססער , אונד
דיעס איז דאָס שוויריגסטע ... ניט מיין , ליבער מארקוס , זאָגט יאזעף
יעטצט צוא איהם ; ניט מיין , דאָס דאַמיט וואס איך האָב ערסט אוים
געערבינט אַללע איינגענשאַפטען , וועלכע פאָן איינם פערפאַססער ערפאָרדערליך
זינד , מיין איך זיך דאַמיט אויס צו צייכנען , ווייל איך בין אויך פער-
פאַססער . ניין ! איך בין דאַרויף גאַר ניכט שטאָלץ ; דען איך וויים ; עס
גיבט מאַנגער , וועלכע , אָבצוואַר זיא ניכט אים שטאַנדע זינד פערפאַססער
צוא זיין , דאָך בעזיטצען זיא זאָלכע קענטניססע וועלכע דיא אַללע
אָבענגעזאָגטען איינגענשאַפטען איבער טרעפפען ; אונ אין דיר ליבער מרקוס
פינדע איך זאָלכע קענטניססע . איך האָב דאָס מעהר ניט געוועלט אַרויס
זאָגען פאַר מוישלען , ער זאָלל וויסען וואו ער איז אין דער וועלט .

עס איז אַריין געגאַנגען זימל . ער וואַר בייא גוטער לוינע אונ
האט אָנגעהייבען אויף זיין טאָן : — נאָך זיטצט איהר דאָ אונ באָלבעט ,
נוא , דיא יונגע לייט ! פאַלען זייא אַריין צוא דיא דאַמען , איז זייא ניט
אָבצוברייסען ; מע זאָל זיך אַוועק זעטצען צוויא שעה אַפען זייגער אונ
פלוידערין , פרעג וואָס ? אַרום אידישע ביכלעך ! ... נוא רבש"ע ! איך
ווייס ! מע וואָלט חאָטש ריידען וויא האַלט איצטער פלאַכּם ? ... וויא האַלט
קאַרין ? ... אָדער מען נעמט אַאידישען ספר ... אַשבט מוסר ... אָדער
מען זאָגט עפּעס אַפּשטיל וואָס דער מגיד האט געזאָגט ... גלאַט , אַוועק
געזעטצט שמועסען וועגען באָבע מעשיות , וועגען צענטורע וועגטורע ...
פע חלשות ! ... אונ ווער איז דאָס דער ראש המדברים , דוא יוספקע ! אין
אַנדערע זאַכען ביזטו גאַר אַמענש ... איך וועל דיר ניט לייקענען , אָט
דיא מעשה מיט מיין מחותן האָסטו געפירט קלוג ... מיין איך דאָך אַז
דוא ביזט אַקלוגער ... ערסט לאָזט זיך אויס , דוא ביזט אַשוטה גמור ! ...
אַפתי בנאמנות !

רעבעקקע האָט זיך צוא געטולעט צוא יאזעפען אונ קייקט זיך אין
דער שטיל .

וואס   (ח"ד)   דער בתן

— האס! זאגט ער ווייטער: האסט זיך אוועק געשטעלט אויף צוויי שעה, האסט געראנדזעט וואס ניט געשטויגען און ניט געפלויגען... איך קען דיר ניט פערשטיין צו דו ביזט אקלוגער צו אנאר אדער אקשיא! אפשר גאר אמשוגענער...

— וואס מאנט איהר עפעס פון מיר? זאגט יאזעף; פאר וואס מוסרט איהר ניט מרקוסען? ער איז דאך אייער חתן!

— מרקוס, מרקוס! ביי מיר וועט ניט זיין קיין אידים מרקוס. מאטעל! ניט אנדערש מאטעל. און דו, מאטל, טאקע וואס האסטו זיך אוועק געזעצט לעבען דער כלה דעם טאג פון די תנאים? וויא פאסט עס?... יאהרען ארום געקומען!... אמאל פלעגען מאן און ווייב זיך ניט קענען צווייא, דרייא יאהר נאך דער חתונה, בפועל ממש זיך ניט קענען; און היינט קענען זיך חתן און כלה ניט פאר דער חתונה, נאר נאך פאר די תנאים; און דאס איז דאך מדרכי אמורי, בעונותינו הרבים! אז מיין טאטע ר׳ שמערעלע ריבצע שעפטעלעס וואלט דאס זעהען, וואלט ער דאס ניט איבערלעבען... און איך בין אין אזא וועלט, איך מוז דאס צוזעהען און שווייגען... קום מאטל אהיים... דו וועסט זיך נאך אנריידען מיט דער כלה נאך תנאים... ביז די תנאים היט חאטש שטאט. קום לאמיר אריבער פאהרען צוזאמען, איך דארף זיך אויך זעהען מיט דעם טאטען.

מרקוס האט געגעבען די האנט לאהצען (קוסען זיך פאר זימלן אין די אויגען האט ער ניט געוואגט), אויך רעבעקקען און יאזעפען, האט איהם געדאנקט פאר זיין גוטען ראטה, און איז ארוים געגאנגען מיט זימלען.

— ווארום ווילט איהר צו אונז, מחותן? זאגט מרקוס; איך וועל זאגען דעם פאטער, וועט ער קומען צו אייך; ער איז איינגער, וויל ער אייך געבען כבוד.

— פערשטייסטו מיך, מאטל, אז מען דארף איינעם וואס בעטען געהט מען צו יענעם, אזוא פיהרט זיך די וועלט. איך האב געשיקט אנפרעגען צו ער איז דער היים, און אויב יע, זאל ער מירווארטען. אלזא ווייס איך, אז ער ווארט אויף מיר איצטער.

זייא האבען זיך געזעצט אויף איין איזוואשציק און זיינען אוועק געפאהרען.

9.

דאס גאנצע גליק שטאמט פון איין ווארט.

אהרן שטיינפעלד פלעגט זיך אויפפיהרען אזוא וויא לעאן: פלעגט זיך אפט אוועק זעטצען זיך איבערגעבען דער ערראינגערינג אן דיא פער־גאנגענע צייטען. דער אונטערשיד איז געוועזען דארין: לעאן פלעגט זיך דערמאנען זיינע גוטע צייטען, אונ אהרן — זיינע שלעכטע צייטען. ער האט געהאט אשראנק, וואו עס האבען זיך בעוואהרט זיינע קליידער אין וועלכע ער האט ארום געשנארט דיא ערסטע צייט ווען ער איז געקומען אין ערדענבורט; דארט האט ער געהאלטען אויך אשקאטולקע, וואו עס האבען זיך בעוואהרט דיא בריפע, אין וועלכע דיא פרויא פלעגט איהם שרייבען, אז זיא מיט דיא קינדער גייען אוים פון הונגער; אויך וואר דארט זיין פאטאגראפישעס בילד, וויא ער האט אויסגעזעהען דעם ערסטען מאל בשעת ער איז ארויף געקומען צוא לעאנס אונ פריידעלעס חופה.

ווען ער פלעגט נאר האבען ארוהיגע צייט, פלעגט דיא אלע זאכען בעטראכטען אונ לויבען גאט, וואס ער האט איהם ארויס געטראגען פון אזוא איין עלענד אונ האט איהם היינט אזוא ערהעבען. אונ פלעגט אימער זיך אויסדריקען זיין גרויסען וואונדער, אז פון וואס איז דאס אלעס געקומען? וואס האט איהם דאס אזוא געראטעט? — איין איינציגעס ווארט: ער האט געזאגט ער איז אכהן.

יעטצט, דעם טאג פון מרקוס אונ לאהצעס תנאים, בשעת זיטל האט געשיקט זיין מאלציק צוא אהרן שטיינפעלד, איהם בעטען ער זאל איהם אויפווארטען, האט ער זיך גערעכענט: ער איז הייטע אויף דעם גיפפעל פון גליק ער האט זיך גענומען ערראינגערין אן זיין אמאליגע טרויעריגע לאגע אונ פערגלייכען זיא געגען זיין היינטיגעס גליקליכעס לעבען.

ער איז געזעסען אין אזיידענעם טירקישען שלאפראק, אין סאמעטענע גאלד געשטיקטע שיך, אויף אסאמעטענע קרעסלא; אויף דעם קאפף האט ער געטראגען איינע פלאטטמיטצע (איארמילקע) אויך געשטיקט אין גאלד. ער פלעגט אלע מאל געהן אן אהיטעל אין שטוב, נאר היינט אז ער האט ערוואַרטעט זימלען, האט זיך געפאסט, ער זאל איהם געפינען אין איארמילקע.

דער בייא אויף דעם טיש זיינען געשטאנען פאר איהם צווייא שקאטולקעס איינע אין דער רעכטען האנט אפראסטע פון סאסנאווע האלץ גיט אנגעפארבטע, אונ צור לינקען האנד פון גיסען האלץ מיט זעהר פיינע

שניטצונג. אויף די ערסטע וואר אנגעשריבען נאכט, אויף דער צווייטע—טאג. ער נעהמט ארויס פון דער ערסטע שקאטולקע אפאק אלטע פאפירען, קוקט זיי דורך און זאגט צו זיך:

— אט דאס איז א בריף, וואס מיין פרויא האט מיר געשריבען אין איהר גרויס עלענד, אז זיא קען ניט צוזעהען דעם יאכער פון די קינדער, וועלכע בעטען עסען.

ער נעהמט נאך א בריף און זאגט: אין דיזען בריף שרייבט זיא, אז דער בעל הבית טרייבט איהר פון דירה און זיא האט קיין פריוט ניט.

ער נעהמט נאך א בריף, און זאגט: אין דיזעם בריפשרייבט זיא' אז מיין מאטעלע איז קראנק און זיא האט ניט מיט וואס איהם צוקורירען, זיא איז אין דער גרעסטער פערצווייפלונג. און אט איז וויעדער א בריף, וויא זיא וויינט און קלאגט איבער מיין עלענד וואס איך געה ארום אין עדענפורט ניט געגעסען ניט געטרונקען און אן אקוואטיר. דער בריף איז פול פלעקען, דאס זיינען די טרערין, וואס זיא האט פערגאסען שרייבענדיג דיזען בריף.

א! עס וואר דאן א שרעקליכע צייט! עס שוידערין מיר מיינע גלידער, אז איך נעהם זיך נאר דערמאנען אן אונזער יענעם עלענדען לעבען. איך בין ערשטוינט, וויא אזוא האבען מיר דאס געקענט אריבער לעבען! וואו האט זיך גענומען ביא אונס אזוא פיל קראפט אזוא איין עלענד אריבער צוא טראגען.

ער האט געעפינט די אנדער שקאטולקע, האט ארויס גענומען איין אלטען בריף און זאגט: אין דיזעם בריף דאנקט מיר מיינע פרויא פאר די ערסטע געלט, וואס איך האב איהר געשיקט; זיא בעט גאט פאר דעם גוטען הערין לעאן זילבערשטיין און זיינע ליבע פרויא פריידעלע, וועלכע האבען זיך ערבארמט איבער אונס און האבען אונס ערלאזט פון אזא שווערען נויט. דיזער בריף איז אויך פיל פלעקען, דאס זיינען אבער די פריידענטרערין, וואס זיא האט פערגאסען שרייבענדיג דען בריף.

ער האט ארויס גענומען נאך איינינע בריפע און זאגט; דאס זיינען אימער פריידענס בריפע; וויא זיא מיט די קינדער זיינען יעטצט זאט, בעקליידעט, געזונט אונד מונטער, און אין יעדעם בריף בעט זיא אימער גאט פאר אונזער וואהלטהאטער.

ער נעהמט ארויס נאך פאפירען און זאגט: דאס איז א קופצאיא קרעפאקט אויף מיין צווייא עטאזיגעם שטיינערנעם הויז; דאס ווידער איז א קופצאיא קרעפאקט אויף מיין דרייעטאזיגעם שטיינערנעם הויז; דא זיינען ווידער קאנטראקטען אויף וועלדער, וועלכע איך האב געקויפט; דא זיינען ווידער פופציג ווינגרישע בילעטען; דא זיינען ווידער קאנטראקטען אויף

פֿאָדראָדען , וואס איך האב גענומען . -- ווער וואלט זאגען אמאל בשעת איך בין ארום געגאנגען איבער די גאסען אהונגעריגער , אז עס וועט זיין ווען עס איז אצייט : איך וועל זיצען אין אסאמעטענע קרעסלע , און אויף דעם טיש פאר מיינע אויגען וועלען שטיין צוויא שאכטלען , וועלכע וועלען מיר פארשטעללען די אמאליגע שלעכטע און די היינטיגע גוטע צייט ! — און וואס האט דאס מיר געבראכט דער צו ? — צוויא ווארטער : איך האב געזאגט : איך בין אכהן ! אז איינער וואלט מיר ערצאהלען אזא געשיכטע , אז פון צוויא ווערטער איז ער גליקליך געווארען , וואלט איך יענעם אויסלאכען אינם געזיכט ; איך וואלט זאגען : מעהר וויא אין אסקאזקע קען ניט זיין דער פאך , אין אסקאזקע קען געבען צויבערווארטער , פון וועלכע מען קען געלאנגען צום גרעסטען גליק דאס הייסט אין דער פאנטאזיע .... אבער מיט מיר האט זיך דיזעס וואונדער ווירקליך געטראפען , ביא מיר איז דאך דאס אפאקט . עס טהוט מיר לייד , וואס איך קען דאס קיינעם ניט ערצאהלען ; דען אז איך בין שוין אנגענומען פאר אכהן , קען איך שוין ניט געהן צוריק , דעסטא מעהר אז איך טהוא דאמיט קיינעם קיין שלעכטעס ניט , מעהר ניט וואס איך חאפ אמאל די ערסטע עליה , אדער איך געה דוכנען ; זאל קיין גרעסערע צרות ניט זיין אויף דער וועלט וויא דאס . פארצייטען וואלט דאס יע געוועזען איין עולה און איין עבירה אגרויסע אויך , דארטען מיט די תרומות , מיט די מעשרות מיט די קרבנות ; אבער היינטיגען טאג איז דאס גאר ניסט .... פון דעסט וועגען מיינע זין , אויב זייא וועט אויס קומען צו וואהנען אין איין אנדער שטאדט , דארף מען זייא ערצאהלען די געשיכטע און לאזען זייא זיך אב זאגען פון דער כהונה , און זייא וועלען שטארק ניט וויינען אויף דער צרה . נאר היע קען איך דאס ניט .... דער ווילע היינטיגען טאג בין איך העכסט צופרידען פון מיינע כהונה , זיא האט מיך געפיהרט צום גליק ....

ער האט אוועק געלייגט די פאפירען אין די שאכטלען צוריק , האט דיזע אוועק געשטעללט אויף זייער ארט , און רעדט ווייטער צו זיך : באלד וועט קומען אהער מיין מחותן ר' זימל דאבקין . איך געדענק איהם גאנץ גוט , זיינע פיזיאגנאמיע האט זיך מיר גוט איינגעפראגט אין הארצען , בשעת איך בין אמאל געזעסען אויף זיין גאניק פערהונגערט און פערשמאכט , און ער האט מיר אזאג געטאן : „וואס זיטצט איהר דא ? געהט זיך אייך !" ער האט געמיינט , נאר ער איז אמענש , און דער פרעמדער איין עלענדער איז אווערימל , וועלכען ער טרעט מיט די פים . היינט איז דיזער ווערמיל זיינער אמחותן ! ... און נאך וויא ? — ער האט זיך ביא מיר געבעטען ... ער גיט גאר די נדן און פון מיר פערלאנגט ער אקאפיקע ניט , נאטירליך , די אבשטאטעלסטוועס האבען מיט געבראכט , אבער

דער ווײלע שאַטְצְט עֶר זיך הַײנְט גְלִיקְלִיךְ, אַז אִיךְ בִּין זַײנֶער מְחוּתָּן. אִיךְ הָאבּ זִי, אײגענטליך נִיט גֶעזָאגְט נָאךְ זַײן יִחוּס, חָאטְשׁ עֶר רֶעכִינְט זִיךְ יָע פוּן דִיא / אֶנְגֶע מֶענְשֶׁען אִין שְׁטָאדְט: אִיךְ הָאבּ גֶעוָועלְט נָאךְ גֶעבֶּען מַײן זוּן וָועלְכֶער הָאט זִיךְ פֶערְלִיבְּט אִין זַײן טָאכְטֶער אוּנ אִיבֶּער הוֹיפְּט הָאבּ אִיךְ גֶעוָועלְט נָאר דֶער פַאר, צוּא בֶּעוַוײזֶען אִיהם וָוען עֶס אִיז, אַז דֶער וָועלְכֶען עֶר הָאט גֶערֶעכִינְט פַאר אַנִיכְטִיגֶען וֶוערִימֶל אִיז הַײנְט זַײן מְחוּתָּן, — אוּנ דָאס הָאבּ אִיךְ אַלְס צוּ פֶערְדַאנְקֶען יֶענֶע צְוַוײא וֶוערְטֶער, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: „אִיךְ בִּין אַכֹּהֵן" וָואס פַאר אַנְגְלִיקְלִיכֶער אײנְפַאלל דָאס אִיז יֶעמָאלְט גֶעוֶוען בַּײא מִיר! אַז אִיךְ וָואלְט זִיךְ נִיט בֶּעשְׁלִיסֶען צוּא זָאגֶען דֶעם וָוארְט, וָואלְט אִיךְ עד היום גֶעבְּלִיבֶּען אַײן אוּנְגְלִיקְלִיכֶער.

עֶס אִיז אַרוֹיף גֶעקוּמֶען זימל דאבקין מִיט מרקוסען. זימל הָאט זִיךְ גֶעלֶעבְּט בַּײא זִיךְ אִין שְׁטוּבּ זֶעהר אײנְפַאךְ; בַּײא אהרן שטײנפעלד אִיז עֶר קֵײן מָאל נִיט גִיוֶוען, וִויא עֶר הָאט בַּײא אִיהם עֶרזֶעהֶען דִיא רַײכֶע אָבְשְׁטַאנַאווְקֶע, דִיא פְּרַאכְטְפָאלְלֶע מֶעבֶּעל, דִיא טַײעֶרֶע טִירְקִישֶׁע קָאוְוִירֶען, דִיא בִּילְדֶער אוּנ גֶעגוֹלְטֶע רַאמֶען, דִיא פְּרַאכְטְפָאלְלֶע בְּלוּמֶענְטֶעפְּף, דִיא גְרוֹיסַארְטִיגֶע לַאמְפֶּען, אוּנ אַם עֶנְדֶע שטײנפעלדען אַלַײן אִין אַגָאלְד גֶעשְׁטִיקְט יַארְמִילְקֶע אוּנ אִין גָאלְד גֶעשְׁטִיקְטֶע סַאמֶעטֶענֶע שִׁיךְ, — אִיז עֶר עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארִין. עֶר הָאט בַּײא זִיךְ אַפְּרֶעג גֶעטָאן. וִויל דֶען וִוירְקְלִיךְ אַזוֹא אַרִיסְטָאקְרַאט מִיט אִיהם טָאן אַשִׁידוּךְ? עֶר הָאט זִיךְ גֶעבִּיסֶען דִיא לִיפְּפֶען פוּן פֶערְדְרוּס, וָואס עֶר הָאט פְרִיעֶר נִיט גֶעוָועלְט אַזַא גְרוֹיס אַרְטִיגֶען שִׁידוּךְ. עֶר הָאט זִיךְ אַטְרַאכְט גֶעטָאן: אֶמֶת מַײן יִחוּס הָאט קֵײן גְלַײכֶען, אָבֶּער פַאר אַזַא רַײכְטְהוּם מוּז זִיא פַאלְלֶען.

אהרן שטײנפעלד הָאט אִיהם גֶעבֶּעטִין זִיטְצֶען, זימל הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעטְצְט פָארְזִיכְטִיג, עֶר זָאל נִיט אַײנְשְׁמוּטְצֶען דִיא קְרֶעכְלֶע, חָאטְשׁ עֶר הָאט גֶעטְרָאגֶען יֶעמָאלְט דִיא שַׁבַּתְדִיגֶע זוּפֶּעצֶע, אַלַאסְטִיקֶענֶע. עֶר הָאט מִיט אִיהם יֶעטְצְט גֶערֶעדְט מִיט אַײן אַנְדֶער טָאן, וִויא עֶר רֶעדְט דֶער הַײם; דֶען פַאר אַײן אַרִיסְטָאקְרַאט הָאט עֶר גֶעהַאט בִּיטוּל.

— דַארְף אִיךְ זַײא פְרֶעגִין, הֶערְר דאבקין, זָאגְט שטײנפעלד: וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן אַײעֶר קוּמֶען? צוּא דָאס אִיז גְלַאט אַוִויזִיט אַלְס צוּא מְחוּתָּן, אָדֶער אִיהר הָאט מִיר וָואס ווִיכְטִיגֶעס מִיט צוּא טְהֵיילֶען, וַוײלֶע הַײנְט אִיז דָאךְ דֶער טָאג, וָואס מִיר פַײעֶרִין דֶעם בּוּנְד פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

— אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען צוּא אַײךְ ר' אהרן, נִיט מִיט אַוִויזִיט, וַוײלֶע זַײנְט אִיז דִיא קָאפְּף פַאר דְרַײט אִין דִיא הֲכָנוֹת פוּן דִיא תְּנָאִים, אִיז הַײנְט נִיט קֵײן צַײט צוּ מַאכֶען וִויזִיטֶען. אִיךְ בִּין טַאקֶע גִיקוּמֶען וֶועגֶען אַײן אִינְטֶערֶעס.

דער כהן (ח"ד)

—איך בין געטאַוו צו טאָן וואס איהר פערלאַנגט, זאָגט שטיינפעלד.

— מיין בקשה בעשטייט דעריןען, זאגט זיסל: מיר האָבען דאָך אָב געמאַכט, איך זאָל געבען אַכט טויזענד רובּל אונ איהר איין קאָפּיקע ניט.

— יע.

— נאָר, ר׳ אהרן, איהר פערשטייט דאָך אַלליין. אַז מען וועט ליינען דיא תנאים פאַר אַמסיבה פון אַנשים חשובים, איז דאָס פאַר מיר אַ העדר הכבוד, אַז איהר זאָלט גאָר ניסט געבען קיין נדן.

— איז פערלאַנגט איהר, איך זאָל אויך לייגען געלד?

— דאָס ניט; איך פערלאַנג מעהר ניט, איהר זאָלט לאָזען איין שרייבען אין דיא תנאים אַז איהר גיט אויך געלד, דאַרטען וואס פאַר אַסך איהר ווילט.

— דאָס פּאַסט מיר ניט איך זאָל איינשרייבען אונ ניט געבען.

—איז ווילט איהר ניט? זאָגט זיסל מיט אַהייזעריע שטימע.

— מען וועט איינשרייבען; זאָגט אהרן, אַז איך גיב זעכסטויזענד אונ דאָס וועל איך לייגען צו תנאים.

—וויא? איהר גיט געלד? אַ איהר זייט אַמלאָך. איך האָב זיך קיין מאָל ניט פאַר געשטעללט, אַז איהר זאָלט זיין אַזאַ גוטער מענש.

—וואס איז דער וואונדער? ער איז דאָך מיין קינד; דער אויבערסטער האָט מיר געהאָלפען, פאַר וואס זאָל איך איהם ניט געבען.

—איך מיין, גלאַט, איהר האָט זיך דאָך ניט מתחייב געווען

—איך ליב נאָר צו געבען מיט דעם פרייען ווילען. זיין אָבּיאַזאַן האָב איך פיינט. ווייסט איהר וואס איך וועל אייך נאָך זאָגען, מחותן; אויב אייך איז שווער צו לייגען אַכט טויזענד, וויל איך אייך ניט דריקען, לייגט וויא פיל איהר קענט... איך האָב מיט אייך מיט לייד; איהר האָט געגעבען זעהר פיל געליטען פון דעם באַנדיט.

—אַ ליבער ר׳ אהרן! האָט זיסל אויסגעשריען מיט טרערין אויף דיא אויגען; איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך טויזענד מאָל!.. איהר האָט מיר געראַטעוועט... דער זוליק האָט מיר טאַקע בדלות געשטעללט אונ מיר איז טאַקע זעהר שווער צולייגען אַזוי פיל געלט אַ וואס פאַר אַגוטער מענש איהר זייט!

—דאָס טהוא איך אייך דיא געפעלליגקייט, זאָגט אהרן, אום איהר זאָלט מאַכען דיא תנאים מיט אַפרייליכען הארצען, אונ איהר זאָלט זיך פיהלען גליקליך אויף דיא שמחה פון אונזערע קינדער. איצטער, ליבער מחותן, וויא באַלד דאָס שידוך פון אונזערע קינדער איז היינט איינס, אַלזאָ שטייען מיר היינט פעסט פערבונדען לאָמיר זאָט בעטען צוזאַמען

דער כהן (ח״ד)

פיר דאס וואהל פון אונזערע קינדער... אונ לאמיר זיך צו קוסען. מיט דיא רייד האט אהרן שטיינפעלד איהם גענומען פארן האנד אונ האט זיך מיט איהם צוקושט.

זימל האט זיך געפיהלט זעהר קאנפוזעט: ער ווייס, ער האט אזוי פיל פעראכטעט דעם שידוך מיט שטיינפעלדען; האט ארויסגעטריבען דעם, וואס האט פארגעשלאגען דעם שידוך; האט איבעראלל געזאגט, אז ער איז אפחות ערך, — אונ דאס האט אלם שטיינפעלד געוואוסט, — פון דעסט וועגען מאכט ער זיך היינט ניט וויסענדיג אונ בעהאנדעלט איהם אזוי בלאהאראדנע, ער גיט געלד, אונ פון איהם (פון זימלען) פארלאנגט ער קיין געלד ניט, ווייל ער האט מיטלייד מיט איהם דאס איז דאך אזא פיינער פאסטופאק, וואס מען זעהט זעלטען. א, זאגט זימל פאר זיך: איצטער זעה איך, אז דער פיינער מענש איז ער; ער האט דעם עדעלין כאראקטער אונ איך האב קיין מענשליכען געפיהל גיט בין קיין שום מהות ניט ענטגעגען איהם. מעהר וויא מיין יחוס איז גיטא אין מיר. יע, איך קען איהם גלייך אין דיא אויגען ניט קוקען, אז איך נעהם פערגלייכען מיין כאראקטער געגען זיינעם. איך מוז שוין אוועק געהען.

אהרן האט געהייסען דערלאנגען משקה אונ צובייסען, האט זיך זימל ענטזאגט, ער מוז זיין אין דער היים, ער האט זייער פיל צוטאן מיט דיא הכנות פון דיא תנאים.

ער האט אהרנען געגעבען דיא האנד אונ איהם נאך אמאל אבגעדאנקט מיט טרערין אויף דיא אויגען פאר זיינע פריינדליכקייט אונ איז ארויס געגאנגען.

—נו, זאגט שטיינפעלד צו זיך בשעת זימל איז געוועזען ארויסגעגאנגען: אט האב איך הייטע גענומען נקמה פון זימלען פאר זיין נארישען שטאלץ: מאן יענעם שלעכטעס פאר אבעלידיגונג איז זעהר דום; דיא בעסטע ראכע איז: דעם פיינד גוטעס צו טהון אונ לאז ער זיך שעמען פאר זיין איינענעם געוויסען.

10.

דיא שרעקליכע איבעררּאשונג.

אוהר עלף ביא דער נאכט האבען זיך שוין גענומען קלייבען דיא געלאדענע אויף דיא תנאים. עס וואר זוממער צייט, אנדערע ווארען אויף דאצעם, אנדערע אזוי אויף גולאניעס; דאהער האבען זייא זיך גענומען קלייבען אזוי שפעט. אין אנרזיסען צימער ווארען אויפגעשטעללט דרייא טישען איך

פארעם פון א חית. אויבען אן פערשטעהט זיך איז געזעסען דער חתן מרקוס שטיינפעלד, איהם צור רעכטען האנד איז געזעסען יאזעף, דער בייא לעאן אונ נאך פארנעהמע מענשען; צור לינקען האנד איז געזעסען מוישל דער בייא דער פאטער זימל, אהרן שטיינפעלד אונ פיינמאן. אללע טישען וואַרען בעזעטצט מיט דיא פיינסטע מענשען, פייבוס קארנאץ איז אויך געוועזען אונטער דיא געלאדענע; ער איז דאך דער אורהעבער פון דיא גאנצע פריידע. אין אצימער דער בייא זיינען געזעסען דיא דאמען. אויף דיא טישען וואַרען אויסגעשטעלט אללערלייא ווינען אונ ליקערין מיט פערשידענע צוקער געבעק. אין דער קיכע וואר שוין בעריטעט איין אבענדברויט פאר דיא געסט גרויס ארטיג. דער חזן זיטצט אונ שרייבט דיא תנאים אין צווייא עקזעמפלארען. דער ווילע דער עולם שמועסט: דיזע בעוואונדערין אהרן שטיינפעלד, וויא עדעל ער האט זיך בעהאנדעלט געגען זימלען; אנדערע האבען זיך ערצאהלט איינאנדער אללע צרות וואס זימל איז אויסגעשטאנען פון דעם באנדיטען, אונ נאכהער וויא ער איז ערלייזט געווארען דורך אזעלטענעם שלוציא, אנדערע האבען אפילו חושד געוועזען קארנאצען אין דער מעשה, אונ אנדערע האבען זיך אויסגעדריקט: אפילו אויב ער האט דאס געטאן, איז גאנץ רעכט: פטור געווארען פון אבאנדיטען; דען אזעלכע אויסוואורפע לעבען נאר אויף דער וועלט אום צו טאן שלעכטעס אונ דאהער פערפאלגט זיא דיא גערעכטיגקייט (פראוואסודיע). נאר וויא דיא זאך האט פאסירט, דער ווילע האט זיך אויס געלאזען זעהר גוט אונ קארנאץ איז ווערט אגרויסען באקאל קאניאק. פון זיין האנד זעהען מיר פארט פיל גוטעס. געלויבט איז גאטט! געלויבט איז גאטט! פטור געווארען פון דעם באנדיטען.

דער חזן האט געקאנצעט שרייבען דיא תנאים, אונ האט אגעשרייא געטאן:

—שאט! שתיקה יפה בשעת קריאת התנאים!

אללע זיינען געווארען שטילל, דער חזן האט גענומען איין עקזעמפלאר פון דיא תנאים, האט זיך אוועק געשטעללט אונ האט שוין אנגעהייבען: המגיד מראשית...

פלוצלונג האט זיך דער הערט אטומעל אין פארדער צימער, אונ גלייך דארויף איז אריין אין זאל אמענש אנידריגער, אדיקער, מיט פלאמענדע אויגען, מיט ריזע האאר, מיט אריזע בערדל ארונדע, מיט אשראם אפען באק, דאס וואר יענקעצקע הודה.

דיא אללע אנוועזענדע זיינען געבליבען וויא פערשטיינערט, מיט אפענע מיילער, מיט אויס געגלאטשטע אויגען; בייא זימלען אונ בייא מרקוסען האבען זיך געשטעלט דיא האאר דובאם אשוידער איז זייא איבער געלאפען אללע גלידער; קארנאץ איז געווארען גרין אונ געל. דער פערבליפטער צו שטאנד פון אללעמען האט געדויערט איינינע סעקונדען. אז דיא ערסטע איבערראשונג

וואר פאר בייא , האבען זייא זיך גענומען קוקען איינע אויף דיא אנדערע וויא זייא וואלטען זאגען : וואס טהוט זיך דא ? אנדערע האבען זיך געריבען דיא אויגען זעהען צו איז דאס ווירקליך יענקעצקע , האבען זיך טויזענדע געדאנקען גענומען אנהויפען בייא יעדען , בייא אנדערע , דיא פאנאטיקער, איז אריין אנגעדאנקען : צו איז ער ניט ווירקליך פון יענער וועלט ; בייא אנדערע איז אריין געפאללען אגעדאנקען : צו איז ער ניט גערעטעט געווארען דורך אוואונדער ; אנדערע האבען גערעכינט , אז קארנאץ האט דא געמאכט אשווינדעל , אונ האט געבראכט פאלשע פאפירען : אונטער דיזע איז געוועזען לעאן אויך , וועלכער האט פון קארנאצעס בריותקייט ניקסט געהאלטען ; ער האט זיך געזאגט : וויא ער האט געפיהרט מיט מיר , אזוי האט ער געטאן מיט דעם ארעמען זימלן . נאר דא וואַרען אללע געריהרט ניט פון דעם וואונדער אלליין , אז דער פערמיינטער געשטארבענער איז געקומען צו ריק ; מיט דעם וואונדער איז אבער געקומען דער שרעקליכע געדאנקע . אז יענקעצקע לעבט , מוז זיא דאך האבען גט פון איהם , אונ אויב ער גיט קיין גט ניט , איז אללעס געווארען צו ניסט , אונ זיא בלייבט אַיין עגונה . דיזע געדאנקען פון וואונדער אונ פון שרעקען איז בייא אללעמען דורך געגאנגען אין איין מאמענט (רגע) .

יענקעצקע , וועלכער האט פון אנפאנג געשוויגען , צו זעהען וואס פאר איין עפפעקט זיין פלאצליכעס ערשיינען וועט מאכען , האט יעטצט אנגעשרייא געטאן :

שווער ! איך האב דער הערט , אז בייא אייך איז אשמחה , אט בין איך אויך געקומען , איך בין דאך עפעס איין אידאם .

קארנאץ , וועלכער האט זיך פאן זיינער איבערראשונג שוין געפאסט , איז האסטיג ארויס געשפרונגען פון טיש , האט יענקעצקען אהאפ געטאן פאר דעם גרוד , האט איהם גענומען טרייסלען מיט וואוטה אונ שרייט : איצטער , דוא , באנדיט , וועסטו פון מיינע הענד ניט ענטגעהען ! פאליצייא זוכט דיך וויא מיט ליכט , דוא וועסט שוין געהן וועצנע קאטערגא , אדער גיב שוין גט !

—גט גיב איך ניט , זאגט יענקעצקע קאלט בלוטיג ; מיר געפעלט ר׳ זימל אונ מיר געפעלט לאהצע . אונ פאר דיר קארנאצקע האב איך גאר קיין מורא ניט : איך האב דעם צעטעלע , וואס דוא האסט געגעבען אנטאשקען , פון וועלכען עס איז ארויס צו זעהען אז דוא ביזט דער סאאוצאסטניק אין דער פרעסטופלעניע וואס מען האט מיך פערסאמט ... גאר צו מיין גליק איז דיא דאזע פון דיא גיפט געוועזען צו קליין .

וויא קארנאץ האט דער הערט דיזע ווערטער איז ער געווארען בלא , אונ האט איהם גלייך אבגעלאזען .

—קלאפט איהם ! ... קליידט איהם ! ... מען זאל איהם אלעבענדיגען

דער כהן (ח״ר)

פין

פון דאַנֶען נִיט אַוֶועק לָאזֶען ! . . . הָאט מֶען גֶענוּמֶען שְׁרַייֶען פוּן פָארְדֶער־ צִימֶער , אוּנ גְלַייך זַיינֶען אוֹיף אִיהם בֶּעפַאלֶען דִיא סַארְוֶוער מִיט דִיא הוֹיז מֶענְשֶׁען , אוּנ מֶען הָאט אִיהם גֶענוּמֶען דֶער לַאנְגֶען קְלֶעפּ . יענקעצקע הָאט אָבֶּער אַרוֹים גֶעחַאפְּט פוּן הָאלַאוֶוע אַמֶעסֶער אוּנ הָאט מִיט אִיהם גֶענוּמֶען שְׁווִינְגֶען (מַאכַייֶען) הִין אוּנ הֶער . אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ פוּן אָנְפַאנְג אָבְּגֶערוּקְט עֶר הָאט זִיךְ וַואסְפָאלְזֶעוֶועט מִיט דֶעם אוֹיגֶענְבְּלִיק , הָאט גֶעגֶעבֶּען אַשׁוּפּ , אִיז אַרוֹים דוּרְךְ דִיא טִהִיר אוּנ אִיז פֶערְשְׁוואוּנְדֶען גֶעוָוארֶען .

— לוֹיפְט נָאךְ אִיהם ! חַאפְּט אִיהם ! הָאט מֶען גֶענוּמֶען שְׁרַייֶען ; אַז נִיט בְּלַייבְּט זִיא אַיין עֲגוּנָה !

אֵיינִיגֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט לוֹיפֶען נָאךְ אִיהם . עֶס אִיז אָבֶּער שׁוֹין גֶעוֶועזֶען נַאכְט , פִינְסְטֶער , עֶר אִיז נִיט גֶעוָוארֶען אוּנְטֶער זַייעֶרֶע הֶענְד , אוּנ זַייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען מִיט נִיסְט .

דֶער וַוילֶע אִיז גֶעוָוארֶען אַטוּמֶעל : דִי כַּלָּה חַלֶשְׁט ! אַלֶע הָאבֶּען זִיךְ אַוְוארְךְ גֶעטָאן אַהִין אִין אִיהר צִימֶער אַרַיין .

דִיא זַייטִיגֶע מֶענְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ גֶענוּמֶען דֶער וַוילֶע אֵיינְצִיג וַוייס אַרוֹים רוּקֶען , אוּנ אַוֶועק גֶעהְן אַהֵיים , זַייא זָאגֶען זִיךְ אֵיינֶע צוּ דִיא אַנְדֶערֶע : וָואס הָאבֶּען מִיר דָא וָואס צוּ מַאכֶען ? הֶעלְפֶען קֶענֶען מִיר זַייא נִיכְט . . . לָאז זַייא גָאטט הֶעלְפֶען !

דִיא שְׁטוּבּ אִיז גֶעוָוארֶען לֵיידִיג פוּן מֶענְשֶׁען , עֶס זַיינֶען נָאר גֶעבְּלִיבֶּען דִיא אֵייגֶענֶע מֶענְשֶׁען אוּנ דִיא רֶעכְטֶע גוּטֶע פְרַיינְד .

זימל אִיז גֶעבְּלִיבֶּען זִיטְצֶען בֶּעטוּיבְּט , הָאט נִיט גֶעהֶערְט אוּנ נִיט גֶעזֶעהֶען וָואס אַרוּם אִיהם טְהוּט זִיךְ . דִיא אוֹיגֶען וַוארֶען בַּייא אִיהם אָפֶען אוֹיס גֶעשְׁטַארְצְט , הָאט גֶעקוּקְט בֶּעז שְׁמִיסְלֶעגְגָא ; מֶען הָאט מִיט אִיהם גֶערֶעדְט , הָאט עֶר נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט ; דֶעם טוּמֶעל אַז דִיא טָאכְטֶער חַלֶעשְׁט הָאט עֶר נִיט גֶעהֶערְט . מֶען הָאט זִיךְ אָבֶּער פִיר אִיהן וֵוינִיג אִינְטֶערֶעסִירְט ; אַלֶע וַוארֶען פַארְטָאן אַרוּם לאהצען .

לאהצען הָאט מֶען גֶעמִינְטֶערְט , מֶען הָאט גֶעטָאן אַלֶע הוֹיז מִיטְטֶעלְן ; מֶען הָאט אִיהר אָבֶּער נִיט גֶעקֶענְט בְּרֵיינְגֶען צוּ זִיךְ . עֶס אִיז גֶעוָוארֶען אַגֶעוַויין , אַקְלָאג , אַנְדֶערֶע וַוייבֶּער הָאבֶּען שׁוֹין אַזָאג גֶעטָאן : זִיא אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען .

מֶען אִיז גֶעלָאפֶען נָאךְ דָקְטוֹרִים .

מרקוס אִיז אַרוּם גֶעלָאפֶען וִויא וַואהנְזִינִיג פוּן אֵיין צִימֶער אִין דֶעם אַנְדֶערֶין . . . הָאט זִיךְ גֶעריסֶען דִיא הָאאר , הָאט זִיךְ גֶעשְׁלָאגֶען קָאפּ אָן וַואנְד . . . הָאט יָאמֶערְלִיךְ גֶעשְׁרִיעֶן וִויא עֶר הָאט דֶער הֶערְט דֶעם וָוארְט גֶעשְׁטָארְבֶּען , הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעהַאפְּט פַארִין קָאפּ הָאט אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאן : גֶעוַואלְד ! אוּנ אִיז אַרוֹים גֶעלָאפֶען פוּן שְׁטוּבּ . קֵיינֶער הָאט אוֹיף אִיהם נִיט גֶע־ אַכְטֶעט , וַוייל אַלֶע וַוארֶע' פַאר טָאן מִיט לאהצען ; אוּנ צְוַוייטֶען הָאט מֶען איהם

איהם פריער אויך געזעהען ארום לויפענדיג איבער די צימערין. איז דאס ניט געוועזען אויפפאללענד (איז דאס קיינעם ניט קשה געווארען).

עס וואר יעמאלט צווייא אוהר אין דער נאכט. עס האט שוין אנגעפאנגען צוא בעגינען; דען עס וואר אין יוני מאנאט. דער הימעל איז געוועזען דונקעל בלא, ריין אן וואלקען; די לופט וואר קיהל אונ אנגענעהם; פון נארד אסט (צפונית מזרחית) האט געשיינט אהעלע ליכטיגקייט; עס האט פערשפראכען עס זאל זיין אהערליכער זומער טאג.

מרקוס איז געלאפען צום טייך צוא, האט זיך געהאלטען פארין קאפף אונ האט אימער געשריען: גענוג! גענוג! דער פלוס איז געוועזען גלאט ווי א שפיגעל, קיין ווינטעלע האט ניט צורונצעלט דעם וואסער שפיגעל, אין וועלכען עס האט אביין געשיינט דער בלאער הימעל מיט די שטערין. קיין מענשען האט ער ניט בעגעגנעט אפען נאם אונ קיין ילוד אשה איז ניט געוועזען ביים טייך. פאזע ברעג ווארען פיל ביימער אונ קוסטעס; אין זייא האט זיך געהערט די שוויטשערין פון די פייגעלעך.

ווי ער איז געקומען צום טייך, האט ער האסטיג אטראט געגעבען הינטערווארטס קוקט זיך ארום אונ האט געגעבען אגעשרייא פער־צווייפלונגספאל..

— וואס פאר א שיינע וועלט!... ווי פיל גוטעס עס איז דא אין דיר!... נאר אין דיר וואהנען אונגעהייערע (צודאווישעס), דיזע לאזען דיין גוטעס ניט געניסען, זייא פערברייטערין איבעראל קומער, עלענד אונ שרעקען!... א לאינקע, לאינקע מיינע! האט ער גענומען שרייען מיט איאמערליכע שטימע: מיט דיר, מיט דיר האט אונס דיזע וועלט פערשפראכען פיל גוטעס, פיל גליק אונד וואננע... איז געקומען אשרעקליכעס (אידישעס) געזעטץ, אונ האט מיט אייזערנע צוואנגען מיך פון דיינע ארמען ארויס־געריסען... אבאנדיט האט געזאגט צווייא ווארטער האט ער מיט איין מאל אבגעשניטען צווייא קאפף. מיינע לאינקע איז שוין ניטא... אונ באלד... אונ באלד וועל איך אויך ניט זיין!... מענשען, קומט אהער! איהר וואס איהר בעפאלגט אזעלכע גרויזאמע געזעטצע, קומט אהער! צערבייסט מיין הארץ... ניט אקוק וואס אין איהר טהוט זיך, וואס פאר אפייער איהר האט אין איהר אנגעצונדען!... וועלכע גיפטיגע שלאנגען איהר האט אין איהר אביין געזעטצט!... באלד וועט דיזע גלוטה פארלאשען ווערין... אונ ניט אקוק אויף דיזע צווייא אפפער וועלכע איהר האט געבראכט פאר אייערע אונבעזאנגענהייט!... לאינקע! דוא ביזט ענטלאפען פון דיזער שרעקענוועלט!... איך לויף אויך מיט דיר!... אט איז די טיהר... אט דא ענטלויפט מען פון טרויער, פון קומער, פון שרעקען... די טיהר

דער כהן (ח״ד)

טיהר שטייט אפען ...: דאס איז דיא איינציגע וואהלטהאט, וואס מען האט אויף דיזער שרעקענסוועלט ... דיזע טיהר איז ניט פערשלאסען ... איך לויף אין דיזע טיהר!

ביא דיא לעטצטע ווערטער איז ער אריין געלאפען אין טייך אונ איז פערשוואונדען געווארען אונטער דיא שפיגעלגלאטטע פון וואסער. עס האט זיך מעהר ניט געזעהען, אז אויף יענעם ארט איז דאס וואסער געווארען איין רונצעלן ... עס האט זיך נאך אמאל בעוויזען זיין קאפף איבערין וואסער איז ווידער פערשוואונדען געווארען.

אין דיזען אויגענבליק האט אימיצער אשופ געטאן פון אקוסט, וואס איז געוועזען הארט ביין ברעג; איז אריין געשפרונגען אין וואסער, האט זיך אונטער געטוקט, איז גלייך ארוף פון אויבען מיט דעם אפפער, האט איהם געבראכט אפען ברעג, האט איהם אוועק געזעטצט לעבען קוסט אנגעשפארט אן אבוימעל. אונ אליין האט ער אבגעטראטען אן אזייט. מרקוסען האט דאס וואסער גאר ניסט געשאדט; דען ער איז מעהר ניט געוועזען איין מינוט אונטערין וואסער; מעהר ניט דיא קליידער ווארען ביא איהם דורך נאס.

— הא! זאגט מרקוס, זיך אהאפ געבענדיג, ווער לאזט דאס מיר ניט שטארבען! ... ווער לאזט מיר ניט זוכען רוהע פון אלע מיינע צרות.

— איך, יענקעצקע הוהו, האט זיך אבגערופען יענער, ווער עס האט איהם גערעטעט.

— הא!... יענקעצקע הוהו!... ווידער דוא!... שרייט מרקוס אין שרעקען.

— היינט בין איך דיין רעטער, זאגט יענקעצקע; וועל איך זיין דיין רעטער אין גאנצען, איך גיב היינט גט דיין לאהצען.

— דוא גיסט גט! דוא לאכסט ניט! יענקעצקע, הער שוין אויף צוא זיין אדעמאן!

— איך געה מיט דיר גלייך צוא זיטלען, אונ דארטען וועל איך זיטצען ביז עס וועט ווערין גרויסער טאג. דאן געה איך צום רב אונ גיב אגט לאהצען... איך האב אייך צוא פיל געקוועלט ... איך האב חרטה! ... דיינע ווערטער וואס דוא האסט גערעט אויף דעם ברעג טייך האבען מיך גערירט.

— וואו ביזט דוא געוועזען?

— איך בין געלעגען בעהאלטען אין קוסט; דוא ווייסט דאך, אז איך האב פאר וועמען מורא צוא האבען.

— אונ דוא גיסט גט?

איך

דער כהן (ח״ד)

— איך גיב גט, יע! אז איך זאג: איך גיב, גיב איך; דען אז איך האב ניט געוועלט געבען, פלעג אי זאגען, איך גיב ניט. נוא רוהע זיך אפ פון דיינע שרעק אונ לאמיר געהן.

— אוי וויא! זאגט מרקוס אפאטיש געבענדיג מיט דיא הענד: מיר דאכט דוא ביזט געקומען מיט דיין ישועה צוא שפעט... אוי וויא! דוא וועסט ניט האבען וועמען גט צוא געבען.

— וואס רעדסטו?

— זיא האט געחאלעסט... אנדערע האבען געזאגט: זיא איז געשטארבען, דער פאר בין איך דאס געלאפען טרינקען זיך.

— אויב דאס איז אמת, איז שלעכט, זאגט יענקעצקע. דאס וועט מיר פערביטערין מיין גאנצען לעבען... נאר איך רעכען, מען האט איהר אפ געמינטערט... רוהע זיך אפ אונ לאמיר געהן.

— איך דארף ניט רוהען. לאמיר לויפען זייא געבען דיא בשורה... א, הלואי זאל איך איהר געפינען ביים לעבען.

זייא האבען זיך געלאזט געהן האסטיג, יענקעצקע האט מרקוסען געפיהרט פארין האנד, דען ער וואר זעהר שוואך. זייא האבען בעגעגינט איין איזוואסציק, האבען זיך אוועק געזעצט אונ זיינען אוועק געפאהרען צוא זימל דאבקין.

11.

דאס פריילין איז שוין גוט.

בשעת מרקוס איז ארוים געלאפען פון זימלס שטוב, זיינען געקומען צוויי דקטורים. זייא האבען לאהצען גלייך געבראכט צוא זיך, אבער זייא האבען ערקלערט; אויב עס זאל ניט בעזייטיגט ווערין דיא אורזאכע פון איהר קראנקהייט, זיינען זייא ניט ערוב פאר איהר. זימלען האבען זייא אויך געבראכט צוא זיך פון זיינער ערשטארונג. מען האט איהם אוועק געלייגט אין זיין בעט, האבען איהם געגעבען מעדיצין, אונ האבען אויך ערקלארט, אז ער איז געפאהרליך. אהרן, לעאן, יאזעף אונ רעבעקקע זיינען געווען דיא איינציגע, וועלכע זיינען דא געבליבען אין דיזעם הויז. זייא האבען בעשלאסען, זייא זאלען ערסט אוועק געהן, ווען דא וועט ווערין רוהיגער עטוואס. איין דאקטער איז דא אויך געבליבען בייא זייא.

לאהצע איז געלעגען אויף איהר בעטעל, דערבייא איז געזעסען איהר מוטער שרה, אונ רעבעקקע, אונ אהרן שטיינפעלדס פרויא.

דער (התחכ״ג) וואו

— וואו איז דאס מרקוס? פרעגט לאהצע.

שרה איז געווען אין אגרויסע פערלעגענהייט, זיא האט ניט געוואוסט וואס צוא ענטפערין.

— ער איז אוועק אין דיא אפאטעקע, זאגט רעבעקקע, אינדעם זיא האט געוועלט איהר בערוהיגען.

—עס איז דא, ווער עס זאל געהן אין אפאטעק אן איהם...; מרקוס! מרקוס וואו איז? מרקוס דארף זיין לעבען מיר... מרקוס דארף דא זיין ביז מיין לעצטען אטהעם הויך... מרקוס איז ניטא... עס איז ניט גלאט!.. זוכט מיר אויף מרקוסען... אנדערש ניט ער האט זיך געטאן אמיתה... דען וויא קען מען אזעלכע צרות איבער לעבען.... בריינגט מיר מיין מרקוסען... אנגעהאנגענען... אדערטרונקענע... נאר בריינגט מיר איהם... איך וויל אויף איהם איין קוק טאן... אונ דאן... וועל איך אויך געהן מיט איהם... מרקוס!... מרקוס!....

שרה איז ארויס געלאפען פון צימער הייסען דיא מענשען, זייא זאללען געהן זוכען מרקוסען זיא איז אריין געגאנגען צוריק אונ האט איהר גענומען בערוהיגען, אז באלד וועט קומען מרקוס. שרה האט זיך אויך אין הארצען געטראכט, אז מיט מרקוסען איז ניט גלאט. אוי! טראכט זיא ביי זיך: וויא וועט זיא נעבעך, מיין פייגעלע, דאס אריבער טראגען, אז זיא וועט זיך דער וויסען, אז ער איז טויט... אי גאט, גאט! אט האסט דוא דאס אויף אונס ארויף געשיקט צרות!

זיא איז אריין געלאפען אין זימלס צימער, האט אויך פאר גאסען הייסע טרערין אויף איהם קוקענדיג. אונ איז נאכהער ווידער אריין אין לאהצעס צימער.

עס איז אריין געלאפען דיא הויז מיידעל אונ זאגט: אן מרקוס איז געקומען.

—ער איז געקומען, זאגסט דוא? פרעגט לאהצע: מען האט איהם ניט געבראכט?

—ער איז אלליין געקומען, מיט נאך איינעם.

—טא וואו איז ער?

—ער איז ביי מוישלען אין צימער.

—פאר וואס איז ער ניט געקומען אהער פריער?

—ער טהוט זיך איבער דיא קליידער זיינע.

—וואס רעדסטו? ווארום טהוט ער זיך איבער זיינע קליידער?

—ווייל זייא זיינען זעהר נאס; איך האב אלליין געזעהען.

—נאס דיא קליידער זאגסטו? אי, דא האט געמוזט זיין אין אונגליק.

—אבער ער לעבט, ער איז דא, זאגט שרה.

מרק״ם

דער כהן (ה״ד)

—מרקוס ! מרקוס ! שרייט לאהצע .

באלד איז אריין מרקוס אין איהר צימער , איז צו געלאפען צו איהר , האט איהר אקוס געטאן : לאינקע ! זאגט ער : דוא לעבסט : א וויא גליקליך מיר זיינען !

—יע , איך לעב , זאגט זיא , אום ווידער צו שטארבען ; דען וואס טויג דער לעבען פון אין ענונה . . . זאג מיר , ווארום זיינען געווען דיינע קליידער נאס ?

—ווייליע איך האב זיך געטרונקען . איך האב דא דער הערט , מען האט געזאגט , אז דוא ביזט געשטארבען , האב איך דיך ניט געוועלט איבער לעבען .

—נו וויא וויא ביזטו גערעטעט געווארען ? וואס ביזטו אזוי פריילּיך ? איך מיין , איצטער , ליבער מרקוס , אז מיר זיינען שוין ביידע צוריק גערופען צום לעבען , איז נאך אימער דאס לעבען ווייט פון אונז .

—ניין , מיינע טייערע , מיר וועלען לעבען אונ גליקליך זיין . היינט איז שוין אסוף פון אונזערע צרות .

—איך פערשטייא ניט וואס דוא רעדסט , מרקוס : דוא ווילסט מיר טרייסטען מיט חלומות .

—טרעף , לאינקע , ווער האט מיך גערעטעט ?

—געוויס אגוטער מענש .

—ניין , עס האט מיך גערעטעט אונזער מערדער . דער וואס האט אונס אנגעמאכט אזוי פיל צרות !

—יענקעצקע הוהו ?

—ער , יענקעצקע , האט מיך גערעטעט , אונ באלד וועט ער אונס דעטען אין גאנצען : ער וועט דיר באלד געבען גט .

ביא דיא רייד איז יענקעצקע , וועלכער איז גישטאנען אין דער צייט ביין טהיר , אריין געלאפין אין צימער , האט זיך אוועק געטאן אויף דיא קניע פאר איהר בעטעל אונ האט געזאגט ; פערצייהעט מיר , פביילין , וואס איך האב אייך אנגעטאן אזוא פיל פערדרוס . באלד גיב איך אייך גט .

— נאך דעם גט , זאגט זיא , וועל איך דיר פערצייהען . גייא איצטער בערוהיג מיין פאטער ; דוא האסט איהם קראנק געמאכט , הייל דוא איהם אויס .

יענקעצקע איז אריין אין זימלס ציממער , האט איהם אויך געבעטען אום פערצייהונג אונ האט איהם געזאגט , אז ער גיט גט . זימל איז געווארין פרייער ביא זיך .

גלייך בארויף האט מען אוועק געשיקט אמענשען צום רב , ער זאל

דער כהן (ח"ד) דארטען

דארטען ואַרטען, ביז ער וועט אויף שטיין פון שלאף, און גלייך וויא ער וועט אויף שטיין זאל ער קיין שהיות ניט מאַכען, און מען זאל מאַכען דעם גט. דען זייא האָבען מורא געהאַט, ער זאל קיין חרטה ניט האָבען.

יענקעצקע איז דער ווײַלע געבליבען בײַא זימלען אין שטוב; ער איז ניט אַוועק גינאַנגען אום זייא זאָללען ניט אומרוהיג זיין, טאָמער קומט ער ניט.

חאָטש דאָ איז שוין געוואָרען רוהיגער אין שטוב, פון דעסט וועגען האָט לעאן און יאזעף ניט געוועלט אַוועק גערן ביז נאָך דעם גט. דען זייא זיינען נאָך אימער ניט גיוועזען זיכער, אַז יענקעצקע וועט געבען גט.

מען האָט יענקעצקען דער ווײַלע געגעבען עסען און טרינקען. יאזעף אוים נײַגיריגע האָט בײַא איהם גיפרעגט: וויא אַזוא איז ער דאָס אַרויס מיט דעם לעבען נאָך דעם אַז ער האָט אײַנגענומען סם?

— אַז דער דאָקטער איז גלייך נאָך דעם פריסטאַוו גיקומען מיר פאַלמעסען פּאַזאַקנו, זאָגט יענקעצקע האָט ער מיך פריער גינומען גענוי בעטראַכטען, און האָט אין מיר געפינען אַפּריזנאַק לעבען; איך בין מעהר ניט גיוועזען פערקראַמפּט. ער האָט אַקוק געטאָן דיא גלאָז וואָס איך האָב געטרונקען, האָט ער נאָך געפונען דעם אָסאַדאָק פון דעם פּאַראַשאָק; ער האָט גלייך דער קענט וואָס דאָס איז פאַר אַסם, ער האָט געוואוסט דער צוא אַפּראַטיוואַיאַדיע. ער האָט אָבער בײַא זיך קיין זאַך ניט געהאַט. ער האָט געהייסען, מיך אַרויס טראָגען צו איהם אָפען פוהר, דיא פערד זיינען ניט געוועזען אויס געשפּאַנט, און האָט געהייסען פאָהרען צוריק אין שטאָדט אַריין. ער האָט דעם קרעצמער קיין זאַך ניט געזאָגט, אַז דאָ איז פראַגען אַהאָפּנונג פאַר מיר צום לעבען; ער האָט איהם מעהר ניט געזאָגט, אַז ער האָט פאַר געסען דיא אינסטרומענטען, מוז ער מיך נעהמען צו זיך אויף זיין קוואַרטיר, און דאָרטען וועט שוין זיין דיא בעערדיגונג אויך. וויא ער איז גיקומען אַהיים, האָט ער געהייסען מיך אַריין טראָגען אין אַיין אַפּאַרטעמענט צימער. דער ווײַלע דער פאָהרען און דיא פרישע לופט וואָר פאַר מיר זעהר גוט. איך האָב געעפינט דיא אויגען, ער האָט מיר גלייך גיגעבין דיא גענגעניגיפּט, האָב איך גינומען אָטהעמען און דער קראַמפּף וואָר פערבײַא. קורץ ער האָט מיך אָב געהאַלטען בײַא זיך אַ וואָך צייט, ביז איך בין פאָלקאָממען געזונד געוואָרען און ער האָט מיר אַוועק געלאָזין.

— און ער האָט דיר גאָר ניט געוועלט איבער געבען אין פּאָליציא.

— ער האָט זעהר געוועלט; נאָר וויא איך בין נאָר געקומען צו זיך, האָב איך שוין פאַר שטאַנען וואו איך בין אין דער וועלט, און וואָס עס וועט זיין מיט מיר, בשעת איך וועל געזונט ווערען: מען וועט מאַכען

דער כהן (ח"ד) אגאנצע

אגאנצע שלעדסטווע אונ נאך דעם וועט ארויס אפען טאנ, אז דאס איז יענקעצקע הוהו, וואס פאליציע חלשט נאך איהם, — האב איך איהם פארדוקט דיא האלז מיט אהונדערטער אונ אהאן האט ניט געקרייט פון דער גאנצער מעשה דער ווײלע. שפעטער צו קען זיך דאס אבנארוזעווען, דאס אט מיך ניט. וויא איך בין ארויס, האב איך אויפגעזוכט אנטאשקען אונ ער האט מיר באצאהלט צער אונ רפוי, אונ שבת, אונ בושת, עס האט איהם געקאסט טייער דער געשעפט, אונ ודאבאוואק האט ער מיר געגעבען דעם צעטעלע, וואס קארנאץ האט איהם געגעבען; דאס איז מיר אנוטער ביטש געגען איהם, ער זאל מיר ניט צעפען.

יאזעף האט מיט איהם נאך פארבראכט; דען ער איז געווען נייגעריג צו הערין זיינע פראדיעלקעס. אז עס האט געשלאגען 7 אוהר איז געקומען דער מענש וועלכען מען האט געשיקט צום רב, אונ האט געזאגט, אז דער רב האט שוין אבגעבאבענט ותיקן אונ דער סופר איז שוין אויך דא; מען קען שוין קומען מאכען דעם גט. יאזעף איז אוועק געגאנגען מיט יענקעצקען צום רב, מען האט געמאכט דעם גט כדין אונ מען האט אב-געשיקט צו לאהצען.

נו איז שוין דאס פריילין דאבקין מיט מזל אבגעגט!

מען האט געוועלט יענקעצקען געבין עטליבע רובל, האט ער ניט געוועלט נעהמען. ער האט געזאגט: אונזערע ברידער טוען נאר שלעכטעס; נאר אז עס מאכט זיך אונז צו טאן אטובה, טוען מיר אין גאנצען. איך האב היינט געבאטעוועט מרקוסען פון וואסער, האט דאס מיר פאבוזדייעט צו טאן דיא מצוה אין גאנצען אונ אט האב איך געגעבען גט. איצטער לעבט זיך אייך אין נחת, אונ מעהר זאלט איהר פון מיר ניט וויסען.

מיט דיא רייד איז ער אוועק געגאנגען.

דעם זעלבען טאג האט מען געמאכט איין אבענד פאר ארעמעלייט. אונ מען האט געטיילט צדקה. אהרן שטיינפעלד האט געגעבען גרויסע נדבות אויף תלמוד תורה, אויף בקור חולים אונ אויף אנדערער וואהלטהאטיגקייטס אנשטאלטען.

12.

דאס פארגעפיהל.

דיזעס ערייגניס, וואס יענקעצקע דער באנדיט האט זיך פלאטצליך בעוויזען אין דעם מאמענט, ווען מען האט אנגעפאנגען צו לעזען דיא תנאים, איז געווען פאר זייא אזא דאנערשלאג, אז זייא האבען זיך גיט

געקענט ערהאלען אויך נאך דעם אז לאהצע האט שוין בעקומען פון דעם באנדיטען אנט; עס האט געהאט אויף זיא אשאדליכען איינפלוס אויך אין פהיזישער אויך אין מאראלישער בעציהונג.

לאהצע איז פון דעם אודאר געבליבען אקראנקע אונ האט אויך דיא קינדסטע פריידע ניט געפילט, אז דער גט איז שוין געוועזען ביא איהר אין האנד. זיא האט זיך אלליין געפרעגט: וואס טהוט זיך דא מיט מיר? אט איז דער גט, וואס איך האבע אזוי לאנג געווארט; אין וועלכען איך האב געזעהען אזוי פיל גליק פאר מיר, — ווארום מאכט ער מיר קיינע פריידע? נאר פילייכט מיינע קראנקהייט לאזט מיר דיזע פריידע ניכט פיהלען. א גאט! ערבארמע זיך איבער מיר, ערלאז מיר פון מיין קראנקהייט. גענוג, גענוג מיר צו שטראפען!...

מרקוס האט אויך געקראנגען אפעהלער פון דיזעם שרעקליכען ערײַגניס אונ איז געווארען מעלאנכאליש (מרה שחורהדיק). אז זיא פלעגען זיין ניט צו זאממען פלעגען זיא אבזיטצען שטונדען ווײַם אהנע אווארט צורײַדען; אז מען פלעגט זיא וואס פרעגען, אדער זיא פלעגען גאר ניסט ענטפערין, אדער זיא פלעגען ענטפערין צערשטרייט. אז זיא פלעגען צו זאממען קוממען פלעגען זיא זיך בעמיהען פריליך צו ווייזען זיך; זיא האבען זיך געהיט מיט זייער געמיטהסקראנקהייט אייגאנדער קיינע קראנקונג צו מאכען; אז מרקוס פלעגט קוממען פלעגען זיא זיך אומארמען אונ קוססען, וויא אללע מאל; אבער יענע גלוטה, יענע ווארמע האט געפעהלט. זיא האבען זיך אלליין געפרעגט: גאט! וואס טהוט זיך דא מיט אונס! וואו איז דאס אהין געקוממען אונזערע הייסע ליבע? ניין, פלעגען זיא זיך ענטפערין: אונזערע ליבע איז ניכט פערמינדערט געווארען; נאר אגיפטיגע שלאנגע זיטצט אין אונזער הארצען, זיא פערגיפטעט אונזערע געפיהלע. א גאט! וואס ווערט דער פון ווערין?

מרקוס האט זיך געוועלט מיט איהר ערקלערען דאריבער, צוא וויסען דיא אורזאכע איהרער געמיטהסקראנקהייט אונ דאדורך פילייכט דיא אורזאכע זיינס קוממער ארויס צוא פינדען. אויף דעם דריטען טאג נאך דעם גט, זיטצענדיג ביא לאהצע אין צימער, קיינער וואר דאביא האט ער איהר גענוממען פארין האנד, האט איהר געקוקט מילד אינס געזיכט אונ זאגט מיט טרערין אויף דיא אויגען:

— ליבע מינינקע, זאג מיר דאך וואס איז דיין קוממער? דוא ביזט הייטע אגגעטע, ביזט פרייא, קיינע הינדערניסע שטעהט אויף אונזערעם וועגע צום גליק... דיזע פרייהייט, נאך וועלכער מיר האבען זיך אזוא געזעהנט, האבען מיר ערריכט; מיר דארפען דאך אימער פריליך אונ מונטער זיין, — זאג מיר מיינע טהייערע, וואס פאר אקוממער לאסטעט

אויף דיינעם הערצען? זאג מיר וויא הייסט דיא שלאנגע וועלכע פערגיפטעט דיין געמיטה?

— ליבער מרקוס! ענטפערט זיא איהם: דיא אלע ווערטער האסט דוא פון מיינע ליפפען גענומען: זאג מיר מיין טהייערער, וואס פיר איין הערצעלייד פערצעהרט דיינע זעהלע? ... דוא געהסט ארום וויא אשאטען ... ניטא דער אמאליגער מרקוס!

זיא איז איהם ארויף געפאלען אפען האלז אונ זייא האבען זיך ביידע פאנאנדער געוויינט אונ האבען געכליפעט ...

— זאג מיר, לאינקע, וואס איז מיט דיר? ערקלאר מיר!

— איך וויים ניט, נאר דאס הארץ זאגט מיר, אז עס איז נאך ניט גאר ... אז עס איז נאך ניט געקומען דער סוף פון אונזערע צרות. גאט! גאט! האט זיא גענומען יאמערליך שרייען: גאט! הערויף ... הערויף אונז צוא שלאגען! ... ניט שוין ווילסט דוא דיין גאנצען אוצר פון צרות נאר אויף אונז ... נאר אויף אונז אויסשיטען!

— בערוהיג דיך, מינינקע, שרייט מרקוס.

— דוא זאגסט ניט וואס דוא מיינסט, מרקוס: דוא הייסט מיר רוהיג זיין, אין דעם איך זעה, דיין הארץ איז ערשיטערט פון קומער אונ פון הערצעלייד ... איך זעה, דוא ליידעסט ... דוא טראגסט איין קומער מיט מיר ... א גאט! איין עלענד ערווארטעט אונז ביידען ... איך פיהלע, מיר וועלען זיין דיא אפפער פון אשרעקליכע קאטאסטראפע (אונגליק) ... גאט! גאט! דערלאנג שוין ... דערלאנג שוין דיין לעטצטען אוראר ... לאז שוין זיין אסוף!

— א מינינקע! הער דאך אויף ... צעררייס מיר ניט מיין הארץ ... דיינע טרערין גיסען זיך אויף מיינע וואונדען וויא זודיגע פעך ... א איך לייד ... איך לייד פירכטערליך ... איך לייד פאר מיר אונ פאר דיר ... זעה מיינע טהייערע, בערוהיג דיך עטוואס ... אונזערע בעפירכטונג, קען זיין, איז גאר ניכט ... אונזערע הערצער זיינען אנגעווייטיגט פון פריער, דער פאר שרעקען אונז אזעלכע געדאנקען.

— מרקוס! זאגט זיא מיט אהארצרייסענדע שטימע איהם פעסט אומארמענדיג: אין דיר איז מיין גאנצעס לעבען! ... איך פירכטע מען זאל דיך ניט ארויס רייסען פון מיינע ארמען.

— ווער וועט רייסען, מיין לעבען? איך האב קיינע שאפערניקעס ניט ... מיר ליבען זיך נור אליין ... דוא האסט קיין פאוואד ניט געגעבען. עס זאל דיך ווער ליבען ... מעהר וויא איך ליב דיך, מיינע טהייערע!

— אבער, זאגט זיא מיט אביטערין זיפץ, פיללייכט איז דא נאך אגעזעטץ אשרעקליכעס, וועלכעס ווירד אונזער בונד אונ אונזערע הערצער צעררייסען?

— וואס זאל זיין נאך פאר אגעזעטין, מינע טהייערע? דוא ביזט דאך פריא... איך בין אויך פריא אונזערע עלטערין שטימען איין... וואס דארף מען מעהר!... ווען דיין פאטער וואלט זיין געזונד, וואלט היינטע געוועזען אונזער חופה. איצטער ווארטען מיר נאר דיין פאטער זאל געזונט ווערין.

עס איז אריין געגאנגען דיא מוטער, שרה:

— קינדער מיינע! זאגט זיא אבבראך געבענדיג מיט דיא הענד: וואס טהוט זיך מיט אייך? וויא רויט ביא אייך איז דיא אויגען! וואס האט איהר וואס צוא וויינען? אפשר וויינט איהר, וואס זימל איז קראנק? דער דאקטער איז ערסט געוועזען אונ האט איהם בערוהיגט, ער האט געזאגט, אז ער וועט זיין געזונט. קינדער, שלאגט זיך אביסיל פאנאנדער, גייט זיך דורך אביסיל שפאצירען.

עס איז אנגעפאהרען יאזעף מיט רעבעקקען אין זייער קארעטע. זייא זיינען אריין אין לאהצעס צימער. שרה האט זייא געבעטען, זייא זאלען זעהען מיט וואס מאגליך נור זייא צוא צערשטריען. — זייא זיינען געבעך אזוא פיל אנגעווייטיגט פון זייערע צרות, אז זייא קענען זיך נאך עד היום ניט ערהאלען; מען טאר זייא ניט לאזען אליין; זייא פערדארבען זיך בראכט זייערע אויגען פון וויינען.

יאזעף זאגט, אז זייא זיינען דאס טאקע געקומען זייא מיט נעהמען דורך פאהרען זיך אביסיל אונ אבצופרישען זיך.

לאהצע אונ מרקוס זיינען געגאנגען אונ האבען זיך ארום געוואשען זייערע טרערין. לאהצע האט זיך אנגעצויגען וויא געהעריג. דיא ביידע פאאר האבען זיך געזעטצט אין קארעטע וויזאווי אונ זייא זיינען אוועק געפאהרען.

אין צוויא שטונדען ארום איז געקומען צוא פאהרען אהרן שטיינפעלד מיט זיין פרויא. זייא זיינען אריין צוא זימלען אין זיין צימער. נעבען זיין בעט איז געזעסען שרה, זיא האט איהם געגעבען דיא מעדיצין. וויא זייא זיינען אריין האבען זייא דיא ערסטע זאך געפרעגט: וואס ער מאכט? זימל האט גיענטפערט, אז דער דאקטער גיט גוטע האפנונג.

— געלויבט איז גאט! זאגט שטיינפעלד, אז איהר גייט צוא בעסערונג אונ עס איז אהאפנונג, אז מיר וועלען גיין ביידע אטענצעל אויף אונזערע קינדערס חתונה. איצטער, מחותן, מוז איך אייך זאגען, אז איך דארף אוועק פאהרען אויף אדרייא — פיר וואכען אין קאזאן: דארטען איז יעטצט רוסטע טארגעס. אלזא שטעל איך אייך איצטער פאר, מחותן, מיר זאלען מאכען תנאים אדער שפילען חתונה ווען איהר פארלאנגט. פון מיינטוועגען

אִיז רֶעכְט הַיינְט פַאר מַיין אָבְּפָאהרֶען , אוּנ בַּייא מִיר אִיז רֶעכְט נָאךְ דֶעם אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען פוּן דֶער רֵייזֶע .

— לָאז זַיין , בְּשַׁעַת אִיהר וֶועט קוּמֶען צוּפָאהרֶען , זָאגְט זימל . הַיינְט בִּין אִיךְ דָאךְ קְרַאנְק . אִין צְוֵוייא דְרַייא וָואכֶען אַרוּם , קֶען זַיין , דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט גֶעבֶּען , אִיךְ וֶועל אַרָאפּ פוּן בֶּעטִיל אוּנ וֶועל קֶענֶען אוֹיפְנֶעהְמֶען דִיא גֶעסְט , אָדֶער לְכָל הַפָּחוֹת אִיךְ וֶועל קֶענֶען זִיצֶען אִין טִישׁ .

— נוּא רֶעכְט , זָאגְט שטיינפעלד . אַלְזָא בְּלַייבְּט עֶס , מִיר זָאלֶען מַאכֶען דִיא תְּנָאִים , אַז אִיךְ וֶועל קוּמֶען אי״ה פוּן קַאזַאן .

— יָע , אַזוֹא בְּלַייבְּט עֶס , זָאגְט זימל .

— אִיךְ וָואלְט זָאגֶען אַיין אַנְדֶער פְּלַאן , זָאגְט שרה . וָואס דַארְפֶען מִיר גָאר דִיא תְּנָאִים ? וָואס דַארְפֶען מִיר גֶעבֶּען שְׁפַּאס לַייטִישְׁע מַיילֶער וָואס צוּא רֵיידֶען ? עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּייא אוּנְז צְוֵוייא תְּנָאִים פַאר וָואס ? פַאר וֶוען ? . . . וִויא ? — אִיךְ בִּין דָאךְ מֶעהר נִיט וִויא צַאדִינֶע — עֶס מוּז דָאס זַיין תְּנָאִים , אָדֶער מֶען קֶען שְׁפִּילֶען חֲתוּנָה אָן תְּנָאִים ?

— יָע , מֶען קֶען שְׁפִּילֶען חתונה אָן תְּנָאִים זָאגְט זימל .

— אוּנ אַז מֶען וִויל , זָאגְט שטיינפעלד , אִיז מֶען יוֹצֵא מִיט דִיא תְּנָאִים וָואס מִיר הָאבֶּען אָבּ גֶעשְׁרִיבֶּען אִיז דָאךְ ; אוּנְטֶער גֶעשְׁרִיבֶּען אוֹיךְ . פוּן מַיינְט וֶועגֶען דַארְף מֶען קַיין תְּנָאִים מֶעהר נִיט מַאכֶען , אוּנ מֶען קֶען שְׁפִּילֶען חתונה גְלַייךְ וִויא אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ פָאהרֶען .

— זֶעהר גוּט , זָאגְט שרה . וָואס דַארְפֶען מִיר קְוֶועלֶען דִיא קִינְדֶער ? זַייא זַיינֶען נֶעבֶּעךְ גֶענוּג צָרוֹת אוּיס גִישְׁטַאנֶען . מֶען דַארְף זֶעהֶען דִיא חתונה זָאלל זַיין מִיט מַזָל וָואס גִיכֶער . . . נָאר דֶער גִיכֶער וֶוענְט זִיךְ וֶוען זימל וֶועט גֶעזוּנְט וֶוערִין .

— טָאמֶער וֶועט זִיךְ ח״ו מַיין קְרַאנְקְהַייט פַארְצִיעֶן , זָאגְט זימל ; וָואלְט בַּייא מִיר רֶעכְט זַיין מֶען זָאל שְׁפִּילֶען חתונה נָאר וֶוען , נָאר מַיין קְרַאנְקְהַייט זָאל נִיט זַיין קַיין שְׁטֶער .

— אַללֶענְפַאללס , זָאגְט שטיינפעלד , לָאמִיר וַוארְטֶען בִּיז אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ פָאהרֶען . וֶועט אִיהר דַאן זַיין גֶעזוּנְט , אִיז דָאךְ וַודַאי גוּט , — אוּנ וֶוענְן ח״ו אִיהר וֶועט זַיין נִיט פָאללְקָאמֶען גֶעזוּנְט , וֶועלֶען מִיר יֶעמָאלְט זֶעהֶען , וִויא עֶס זָאל זַיין .

— אַזוֹא בְּלַייבְּט עֶס , זָאגְט זימל .

זַייא זַיינֶען נָאךְ גֶעזֶעסֶען בַּייא אַהַאלְבֶּע שְׁטוּנְדֶע . נָאךְ דֶעם הָאט זִיךְ אהרן צוּא קוּסְט מִיט זימלען , הָאט זִיךְ מִיט אִיהם גֶעזֶעגִינְט , הָאט זִיךְ גֶעזֶעגִינְט מִיט שרהען אוּנ אִיז אַרוּיס גִיגַאנְגֶען מִיט זַיין פְּרוּיא . עֶר הָאט גֶעבֶּעטֶען , אַז לאהצע זָאל קוּמֶען פַאר נַאכְט אִיהם בֶּעגְלַייטֶען אַפֶען וָואגְזַאל .

ער האט זיך געזעגענט מיט זיין פרויא אפען איזאשציק אונ איז אוועק געפאהרען אהיים.

מרקוס אונ לאהצע זיינען ערסט געקומען אין דריא שטונדען ארום נאך זייער ארויס פאהרען. דען זייא זיינען צוריק פון שפאציר פארט אריין געפאהרען צו יאזעפען, האבען דארט פאר בראכט. יאזעף האט זייא פאר־געלעזען זיין ווערק, אונ האבען געטרונקען שאקאלאד. אז זייא זיינען גיקומען אהיים, האט זייא שוין דיא מוטער ערצעהלט אז דא איז געוועזען דער מחותן אהרן שטיינפעלד אונ זייא האבען אבגעמאכט צו שפילען התונה נאך זיין קומען פון דער רייזע. מרקוס אונ לאהצה האבען דאס געפונען פאר רעכט אונ האבען ניכטס איינגעווענדעט.

מרקוס איז אוועק אהיים, דען ער האט געוואוסט, דער פאטער האט איהם וואס אן צו זאגען פאר דער רייזע.

פאר נאכט איז געקומען מינע לאהצע צוא שטיינפעלדען. אהרן איז שוין געוועזען רייזע פערטיג. אללעס איז שוין געוועזען איינגעפאקט. מרקוס האט אין זיין טאשענבוך אנגעמערקט אלע אויפטרעגע, וועלכע דער פאטער האט איהם דא איבער געלאזען. וויא לאהצע איז אריין אין שטוב, איז איהר אהרן געגאנגען ענטגעגען; האט איהר גינומען פארין האנד, האט איהר אוועק געזעצט אונ זאגט:

— נו, מיין טאכטער — איך מעג דיר רופען טאכטער, דען איצטער גאט צו דאנקען שטייט אונז שוין קיין זאך ניט ענטגעגען; דוא ביזט מיין קינד — איך פאהר איצטער אוועק אויף טארגעס, איך וועל זאמטען אונ־געפאהר צוויא דריא וואכען. איך וואלט וועלען אז גלייך נאך מיין קומען זאלל זיין מיט מזיל אייער חתונה. אזוא האב איך אבגערעדט מיט דיין פאטער. אלזא מיין טאכטער זאלסטו זעהען צו שפודען זיך אונ בערייטען אללעס וואס מען דארף האבען צו דער חתונה.

— זיא ווערדען מיר ענטשולדיגען, ליבער צוקונפטיגער שוויגער פאטער, אין אזא קורצע צייט איזט אונמאגליך אללעס צו בערייטען, וואס ערפארדערליך איזט.

—איך מיין ניט דיא גאנצע אוים שטייער, מיין טאכטער; איך מיין נאר דאס, וואס איינגענטליך צו דער האכצייט נאטהווענדיג איזט. דיא איבריגע זאכען וועלען מיר צורעכט מאכען שפעטער. דיא צייט איז פאר אונז... ווייטער, מיין טאכטער, מרקוס האט מיר ערציילט, אז דוא ביזט אימטער בעזארגט אונד טרויעריג... דיר טהוט ווייא געוויס דיין הארץ וואס דיין פאטער איז קראנק — דאס איז רעכט, דען עלטערין דארפען זיין טייער ביא קינדער — אבער דיין פאטער איז נאר ניט אזוי געפאהרליך. דער דאקטער האט אונז בערוהיגט היינט. אלזא בעט איך דיר מיין קינד דוא זאלסט זיין רוהיג. היט דיין הארץ אונ דיינע אויגען. פערשאפט זיך

פערגניגען בעזוכט טהעאטער. קורץ זוכט זיך אללע מאגליכע צערשטרייאונגען. אז איך וועל קומען צו פאהרען זאלל איך אייך געפינען רעכט פרייליך און מונטער און מיר זאללען פייערן אייער האבצייט מיט אינניגסטער פריידע.

—מרקוס, מיין ליבער זוהן, איך זעה דוא ביזט זעהר בעקיממערט, טרויעריג, וואהרשיינליך קענסט דוא ניט צו זעהען לאהצעס צער וואס איהר פאטער איז קראנק. איך בעט דיר מיין זוהן, טרייסט איהר; זעה איהר צו פערשאפפען פערגניגען צערשטרייאונג. זעה, מיין קינד, איך זאלל אייך געפינען פרייליך און מונטער א א א!

דא האט ער זיך פערבליגעט: אשטראם טרערין האט איהם אנגעגעטאן פון דיא אויגען. — קינדער מיינע! זאגט ער מיט אוויינענדע שטיממע. איך לאז אייך דא אזוי טרויעריג, אז דאס הארץ לאזט מיר ניט אייך אוועק צו ווארפען. עס איז ניטא ווער עס זאל אויף אייך אכט געבען: זימל איז קראנק, און ביידע פרויען וואס קענען זייא מאכען?... עס ווילט זיך מיר ניט פאהרען... איך ווייס ניט וואס דאס בעדייטעט. קענט איהר מיך פערשפרעכען, אז איהר וועט זיין רוהיג און מונטער, פאהר איך, — אז ניט, קען איך ניט אוועק פאהרען פון דאנען... זאגט מיר, קינדער, אויב ניט, אפפער איך מיינע געשעפטען צו ליב אייך.

—פאטער, זאגט מרקוס, פאהר מיט ארוהיגען הארצען; קענסט זיך אויף מיר פערלאזען, עס וועט אללעס זיין אין ארדנונג.

—אלזא זייט געזונט, מיינע קינדערלעך! זאגט אהרן נעהמענדיג לאהצען פארין האנד און איהר אקום געבענדיג, נאכהער מרקוסען און איהם היים קוסענדיג. נאכדעם האט ער זיך גענזעגענט מיט דער פרויא און מיט דיא איבריגע קינדער. ביין טיהר איז איהם מרקוס און לאהצע ארויף געפאללען אפען האלז, האבען איהם גענומען קוסען און האבען גענומען וויינען מיט אקלאג געשרייא, יעדער האט ביי זיך געטראכט: „צו זעהען מיר זיך דאס ניט צום לעטצטען מאל״.

אהרן האט זיך קוים ארויס געריסען פון זייערע ארמען און איז אוועק געפאהרען. מרקוס און לאהצע זיינען איהם נאך געפאהרען ביז דעם וואנזאל. דארטען האט זיך ווידערהאלט דיא זעלבע סצענע און ער איז אוועק געפאהרען מיט אפערקלעמטען הארצען.

13.

דער כהן.

די ערסטע צעהען טעג נאך שטיינפעלדס אוועק פאהרען איז ביי

זימלען אין הויז אללעס געגאנגען בלאהאפאלוצנא. מינע לאהצע האט בעשטעללט דיא קליידער וועלכע זיא האט נייטיג צו דער חתונה, אונ דיא מוטער האט געמאכט איהרע פארבערייטונגען. זימל האט אויס געזעהען בעסער צו ווערען. מרקוס אונ לאהצע פלעגען אללע טאג פאהרען שפאצירען, פלעגען בעזוכען טעאטער, פלעגען אבשטאטען וויזיטען יאזעפען אונ פלעגען דארט דיא צייט זעהר גוט צובריינגען.

צו ענדע פון דער צווייטע וואך האט זימלס קראנקהייט צו גענומען. דיא דקטורים האבען ערקלערט: ער איז געפאהרליך: ער קען ציעהען נאך דרייא פיר טעג. דא האט זיך ווידער אנגעפאנגען יאממער אונ קלאג בייא זימלען אין הויז. זימל האט פערלאנגט, אז כל זמן ער איז נאך ביין זינען, זאללען אבשטעללען לאהצעס חופה, זיינע אויגען זאללען דאס זעהען, אונ מיט זיינע הענד זאל ער איהר בענטשען פארין טויט.

מען האט גלייך טעלעגראפירט צוא אהרן שטיינפעלד; וואו זימל האלט, אונ וואס ער פערלאנגט. אהרן שטיינפעלד האט גלייך געגעבען אטעלעגראמע צוריק, אז ער פאהרט גלייך ארויס, אונ אפען דריטען טאג מיט דעם פארנאכטיגען צוג קומט ער. אלזא אויב זיא קענען שטעללען דיא חופה אויף דעם דריטען טאג, אז עס זאלל אויס קומען גלייך צוא זיין אנפאהרען, איז גוט, — אונ אויב עס איז ניט מיגלאך זאלאנג צוא ווארטען, זאלל מען זימלס פערלאנגען ערפיללען אן איהם.

מען האט ניפרעגט בייא דעם דאקטער, האט ער געזאגט: לאמיר פרובירען ווארטען מארגען וועללען מיר זעהען. אויף מארגען האט דער דאקטער דער קענט אז מען קען ווארטען נאך אטאג. אלזא האט זיך אויס געלאזען נאך דעם וואונש פון אהרן שטיינפעלד דיא חופה זאל זיין גלייך בייא זיין אנקומען.

חאטש דיזע חתונה איז געוועזען זעהר אטרויעריגע, דען אז דער כלה'ס פאטער האלט ביין שטארבען, איז דאך אן מוזיק ניט צו דענקען, פון דעסט וועגען האט זימל פערלאנגט דיא חתונה זאל זיין גאנץ וויא געהעריג איז, עס זאל קיין אונטערשייד ניט זיין צווישען דיזע אונ אללע חתונות, אום מינע לאהצע זאל זיך ניט פיהלען אזוא אונגליקליך אויף איהר חתונה. מען האט איהם געפאלגט: מען האט גענומען מוזיק.

דיא חתונה איז געוועזען בייא זימלען אין שטוב. וויא מיר ווייסען, ער האט געהאט אשכן פיינמאן, דיזער האט בעוואהנט איין האלבען עטאזש, דעם צווייטען, אונ זימל — דעם אנדער האלבען. צווישען איז געוועזען אקארידאר מיט דיא טרעפפע פאר ביידע קווארטירען; פון דעם קארידאר איז געוועזען אטהיר צו אבאלקאן, וואס איז געוועזען צום גאסס. דיא חופה שטעללען אפען נעבען אשול אדער אמנין, וויא עס פיהרט זיך בייא אידען, ווער אונכאנליך, ווייל מען האט געדארפט זימל זאל זיין דער בייא, אונ איהם טריוואזען פון דיא טרעפפע נאך אויף אווייטע שטרעקע

איז

איז דאך געוואזמאנע. אלזא איז געבליבען, מען זאל דיא חופה שטעללען אויף דעם באלקאן, אונ זיין בעטעל זאל מען ארויס טראגען אויף דעם קארידאר, געבען טהיר פון באלקאן. אט וועט אוים קומען דיא חופה וועט זיין אפען נאסס, אונטערין בלויזען הימעל, אונ זימל וועט קענען זיין דער ביא, אונ עס וועט זיך אנרופען: זימל האט געפיהרט דיא טאכטער צו דער חופה.

אין זימילס קוואַרטיר איז איינגעשטאנען דער חתן, אונ אין פיינמאנס קוואַרטיר איז געווען דיא כלה.

עס איז פאר נאכט. ביא דעם חתן אין זימילס זאל זיינען שוין צוא זאמען געקומען אללע געלאדענע, דעראונטער, פערשטייט זיך שוין, איז געווען לעאן אונ יאזעף זילבערשטיין, אונזער בעקאנטער פיינמאן (וועלכער האט איאל, אין דער שרעקליכע נאכט אונ אויף מארגען געהאלפען זימלען חלאפאטשען וועגען אגט), נאך פיעלע פארנעהמע מענשען, דער רב אונ נאך מענשען פון דוכאוונע צאסט. אפען טיש וואר אנגעשטעללט משקה אונ צו ביסען. מען רעדט זעהר שטיל; קיינער לאכט ניט; אללע זיינען אונמוטהיג; דען וויא קען מען זיין פריילוך אויף אחתונה, וואס דער פאטער פון דער כלה האלט ביין שטארבען? איינינע ריידען פון זימלס קראנקהייט; אנדערע פון שטיינפעלדס קומען, וועלכען מען ערווארטעט אין אהאלבע שטונדע ארום; אנדערע האבען זיך דער ציילט דיא גאנצע געשיכטע וואס דא האט פאסירט מיט דער ארמע לאהצען.

מען האט אוועק געשיקט אמענשען אויף ווארטען שטיינפעלדען אפען וואגזאל.

מרקוס איז געזעסען אונ עס האט איהם געקלאפט דיא הארץ. ער טראכט ביא זיך: ניט שוין זאל טאקע באלד זיין אסוף צוא מיינע צרות! ניט שוין זאלל טאקע לאינקע זיך באלד אנרופען מיינע! ... א מיין הארץ איז מיר אזוא אנגעשראקען, אז דיזעס גליק זאלל באלד זיין אין מיין האנד גלויבט מיר זיך גאר ניט. נאר עס איז פארט געווים: באלד איז דיא חופה... נאך איין האלבע שטונדע קומט דער פאטער, — אונ איך בין דער גליקליכסטע אויף ערדען... אבער... וואס קלאפט מיר אזוא מיין הארץ? ... ווארום בין איך אזו אונרוהיג? ... פילליכט קומט נאך איינער אונ זאגט: ער האט איהר מקדש געווען? ... נו, דאס וואלט זיא דאך וויסען אונ זיא וואלט מיר זאגען; פילליכט גאטט שיטצע קומט אן פון פאטער ניט גוטע נאכריכט? ... אבער צוא מיין לאינקען קען דאך דאס ניט שאדען; פילליכט שטארבט באלד דער אונגליקליכער זימל? ... דאס קען מעהר ניט מאבען מען זאל אב ליגען דיא חופה... אבער אב ליגען טויג אויך ניט... עס איז אמיאוסער סקאנדאל... נאר דאפיר איז ניטא וואס צוא פירכטען: איך האב איהם ערסט געזעהען, ער איז נאך גאנץ מונטער.

אין אזעלכע ריהרענדע אונ בערוהיגענדע געדאנקען איז מרקוס געווען

פאר ווגקען ביז עס איז געקומען דער מענש, וועלכען מען האט געשיקט אפען וואגזאל, אונ האט געזאגט: דער פאיעזד איז אנגעקומען אונ שטיינפעלד איז ניט געקומען.

דיא ווערטער האבען געמאכט אגאנצען פערפאלאך (אלארם). מרקוס איז געזעסען וויא אויף גליהענדע קוילען: וואס זאל איצטער זיין? וואס דארף מען איצטער טאן? צו האט דארטען ניט געטראפען מיט איהם איין אונגליק?

עס איז געווארען אגעמורמל אונטער דיא געסט. איינינע זאגען; מען זאל אב האלטען דיא חופה: אנדערע זאגען: מען זאל זע שטעלען חופה; ווידער אנדערע: מען זאל פרעגען ביא זימלען. דיא אונרוהע וואר שרעקליך.

זיא האט אבער ניט געדויערט. עס איז באלד אריין דער ראזנאשציק פון טעלעגראף אונ האט דער לאנגט אטעלעגראמע, פון אהרן שטיינפעלד אזוא: איך האב זיך פאר רעדט אויף אשטאנציאן מיט איין איגזעגער; דער פאיעזד איז אוועק; איך וועל קומען מיט דעם צווייטען; שטעללט דיא חופה אן מיר.

אללע זיינען געווארען רוהיג. לעאן האט זיך ראספאראזייעט, מען זאלל שטעללען דיא חופה. מרקוס האט אב געלעבט.

מינע לאהצע איז געזעסען ביא פיינמאן אין זאל, נעבען איהר איז געזעסען אונזערע בעקאנטע רעבעקקא זילבערשטיין. דרייא וועגד זיינען געווען אויסגעשטעלט מיט שטוהלען, אויף וועלכע זיינען געזעסען אלע איהרע פריינדינען פריילינס אונ יונגע דאמען, אויך עלטערע דאמען פער-וואנדטע אונד גוטע בעקאנטע אלע רייך אונ פראכטפאל געקליידעט. דער מיטטען זאל איז געווען לידיג; עס וואר בעשטימט צום טאנצען, גאר מען האט ניט געטאנצט; דען וויא קען מען טאנצען אויף אחתונה, וואס דער מחותן איז אזוא קראנק? זייא האבען גערעדט זעהר לייזע; זייא וואהרען אלע אונמוטהיג, בעטריבט, קוקענדיג אויף דיא ארמע לאהצע, וועלכע איז אזוא פיל צרות אויסגעשטאנען, אונ ערסט דארף איהר חתונה זיין אזוא טרויעריג.

מינע לאהצע האט געטראגען אווייסע אטלעסענע קלייד מיט טול בעדעקט; אפען קאפף אמירטענקראנץ מיט לאנגע שלייער פון טול; אויף דיא פיס — ווייסע אטלעסענע טופלעס מיט גאלד געשטיקט; ווייסע זידענע זאקען מיט ראזעבלומען געשטיקט, דער צוא האט זיא געטראגען טייערע צירונג פון גאלד אונ ברילאנטען. זיא וואר בלאס, אבער איהרע בלאכסע האט איהר געגעבען איינע הימלישע גראציע; זיא האט אויסגעזעהען וויא איין ענגעל אויף ערדען.

דען גאנצען טאג איז זיא געזעסען פערזונקען אין טרויעריגע געדאנקען.

זיא האט יא אורזאכע צוא זיין טרויעריג. איהר פאטערס לאנגע אליין האט איהר גוט פערצעהרט; אונ פון איהר לאנגע וואר זיא אויך ניט רוהיג. וויא מיר ווייסען, וואר זיא מעלאנכאליש... איין שרעקליכעס פארגעפיהל האט איהר געקוועלט... זיא וואר ניט געוויס, אז זיא וועט איהר גליק ערדייכען... זיא האט זיך גערעכינט, זיא איז נאר געשאפפען פיר אונגליקע אונ פיר יאמער, אונ דיא האכצייט, וועלכע טהוט זיך צרום איהר, איז איהר פארגעקומען פאר אקינדערשפיל אדער פאר איין זיסען טרוים, — אבער ווייט קיינע ווירקליכקייט.

אז עס איז אבער אנגעקומען דיא טעלעגראמע פון שטיינפעלדען, אונ מען האט שוין געהייסען שטעלען דיא חופה, האט זיא פרייא אויפגעאטמעט. איצטער זעה איך, טראכט זיא בייא זיך, אז איך האב מיין גליק ערדייכט!... מרקוס... מיין ליבער מרקוס איז מיינער!... איך בין אויסגעשטאנען פיל זעהר פיל צרות, אבער דער פאר בין איך היטע בעלאהנט מיט דעם גרעסטען גליק אויף ערדען. גוטער גאט! איך דאנק דיר פאר דיינע מילדע אונ גנאדע, וועלכע דוא האסט מיר ערוויזען, פיר דיין גוטעס, וועלכעס דוא מיר אין איבערפלוס גיבסט... א, באלד וועל איך דען ליבען זיסען נאמען מאדאם שטיינפעלד טראגען! וויא גליקליך בין איך!...

מען האט ארויס געטראגען דיא חופה שטיינגלעך אויף דעם באלקאן; פיר מענשען האבען צוא געהאלטען אשטיינגעל. מען האט ארויס געטראגען זימלען אין זיין בעט אויף דעם קארידאר אונ מען האט אוועק געשטעלט נעבען טיהר פון באלקאן. מען האט אויפגעהייבען זיינע צוקאפפען קיסענס, אז ער איז אויס געקומען האלב זיטצענדיג; דיא אויגען האט ער געהאלטען אפען אונ ער האט זיך געפיהלט מונטער בייא זיך. דאס וועטער וואר הערליך, דער הימעל וואר דונקעל בלא, דיא לופט וואר מילד אונ זיס; ענטגעגען וואר דער בולוואר, וויא מיר ווייסען, ער האט געגעבען איינע רייצענדע אויסזיכט. אלעס האט אויס געזעהען, האט זיך הארמאנירט מיט דען געפיהלען דער פערמאהלטען (פון דיא יונגע פאאר):

דיא אונטער פיהרער האבען ארויס געפיהרט דעם חתן אויף דעם באלקאן, אונ ער איז געבליבען שטיין אונטער דער חופה אין ערווארטונג אויף זיינע ברויט.

נאכהער זיינען דיא אונטער פיהרער אוועק ברייגגען דיא כלה.

אין דיא צימערין, אויף דעם קארידאר אונ אויף דעם באלקאן ווארען מענשען. איינע פייערליכע שטילע האט געהערשט איבעראל; אלע ווארען אין געשפאנטער ערווארטונג.

איינער פון דיא דוחאוונע איז צוא געגאנגען צוא לעאן אונ זאגט הויך:

— הערט, איך האב אייך וואס צוא פרעגען.

— דוא וועסט בייא מיר פרעגען איין אנדערס מאל, זאגט לעאן:

דער כהן (ח״ד) יעטצט

יעטצט איז ניט קיין צייט אויף שאלות.

— דיא שאלה איז אבער איצטער נוגע... זאגט מיר: ר׳ אהרן שטיינפעלד איז דאכט זיך אכהן? — יע, אהרן איז אכהן.

— איז דאך זיין זון אויך אכהן. — נוא איז וואס? — קען די חופה ניט זיין!

אשרעקליכע שטילע איז געווארען אין זאל, אלע האבען זיך גענומען קוקען איינע אויף דיא אנדערע, דיא הערצער איז געווארען פארקלעמט. עס וואר אשרעקליכע סצענע.

— פאר וואס? וואס רעדסטו? שרייט לעאן אין שרעקען.

— עס איז אדין מן התורה: אכהן טאר ניט נעהמען קיין גרושה.

— ווער איז אגרושה? שרייט לעאן.

— פאר צווייא וואכען איז געוועזען לאהצעס גט ביין רב.

— א א איי!! האט געגעבען לעאן אגעשרייא אונ זיך אחאפ געטאן פארין קאפף.

— אי אי אי אי! האבען גענומען שרייען אלע אנוועזענדע.

עס איז געווארען אלארם אטומעל, אפאנישעס שרעקען האט אנגענומען אלעמען. עס האט זיך געהערט דיא ווערטער: וואס איז? וואס איז דאס?... דער חתן איז אכהן אונ דיא כלה איז אגרושה... עס קען דיא חופה ניט זיין.

מרקוס שטייענדיג אונטער דער חופה האט שוין געהערט דיזע שרעקליכע ווערטער, ער האט געפילט; עס האט זיך איהם אנגעצונדען אפייער אין קאפף, אקראמפפהאפטער שוידער איז איהם אריבער אללע גלידער; עס האט איהם גענומען קלאפען אצאן אן אצאן, ער האט ניט געקענט איינ־שטיין אויף דיא פיס, ער האט זיך אנגעהאלטען אן פארענצע פון באלקאן.

אין דער טהיר פון פיינמאנס קוואורטיר האט זיך שוין בעוויזען דיא כלה אין איהר ווייסעס קלייד, פון ביידע זייטען דיא אונטער פיהרער מיט ליכט אין דיא הענד, פון הינטען נאך פרויען מיט ליכט אין דיא הענד.

— האלט אב! האט זיך געהערט אהעלישע שטיממע פון טאלפא.

לאהצעס גזיכט איז פארלאפען מיט בלוט, אונ גלייך איז זיא געווארען געלל, זיא האט זיך אראב געלאזען פון דיא פיס... דיא אונטער פיהרער האבען איהר קוים צו געהאלטען.

— וואס זאגט דער רב? האבען איניגע געפרעגט.

דער רב האט פארביסען דיא ליפפען, אשאקעל געגעבען מיטן קאפף אונ אקוועץ מיט דיא פלייצעס, ער האט אמאך געטאן מיט דיא הענד אונ האט געזאגט זעהר שטילל:

— עס איז אדין מדאורייתא: עס קען דיא חופה ניט זיין.

איינער האט איבער געחזרט זיינע ווערטער אונ האט אגעשרייא געטאן:

— עס קען דיא חופה ניט זיין!!

— פיהרט דיא כלה צו ריק! שרייט נאך איינער.

דער כהן (ח״ד)

אין

אין דעם אויגענבליק האָט זיך געהערט פֿון באַלקאָן אַהאַרצרייסענדע שטימע:

—אַ אַ אַיי . . . . ! . . . און גלייך דאַרויף אַקלאַפּ פֿון אַקערפּער אָן די שטיינער פֿון גאַס.

אַללע האָבען זיך אַוועקגעוואָרפֿן געטאָן צום באַלקאָן.

—דער חתן איז ניטאָ !! שרייען אייניגע.

—ער האָט זיך אַראָב געוואָרפֿען פֿון באַלקאָן ! שרייען אַנדערע.

—אָן ליגט ער אויף די שטיינער צו בלוטיגט ! שרייען נאָך אייניגע.

לאהצע האָט זיך ווי אַטיגרין אַרים געטאָן פֿון די דאַמען וואָס וואַרען אַרום איהר, האָט אַשוס געטאָן צום באַלקאָן, האָט געגעבען אַגעשריי מיט אַהאַרץ רייסענדע שטימע: מרקוס! . . . מרקוס! דעמאָנען האָבען אונס פֿאַנאַנדער געריסען!

זיא האָט זיך געריסען פֿון באַלקאָן אַראָב. נאָר מען האָט איהר פֿעסט געהאַלטען און געריסען צוריק . . . זיא האָט זיך געוואָרפֿען ניט מיט איהרע קרעפֿטען און האָט געשריען מיט אַהייזערער שטימע: לאָזט מיר צו מיין מרקוסען! . . . לאָזט מיר גזלגים צו מיין מרקוסען!!

אַללע וואַרען אָנגעגריפֿען פֿון גרויס שרעקען. איינע טאָדעס שטיללע האָט געהערשט אין אַללע צימערען, די אַללע מענשען האָבען אויסגעזעהען ווי שטאַטועען, זיא זיינען געשטאַנען אַללע אונבעוועגליך.

זימל האָט אַגעשריי געטאָן ניט מיט זיינע קרעפֿטען: רבונו של עולם! אַשיינערע תורה האָסט דו אונז געגעבען! ער האָט געוואָלט נאָך וואָס ריידען, האָט ער שוין ניט געקענט: עס האָט שוין גענומען הריפּען אין האַלז, די ציינער האָבען זיך צו זאַמען געדריקט, ער האָט אוים געשטרעקט די הענד ווי ער וואָלט וואָס זוכען. האָט זיך אַוועק געטאָן מיט דעם קאָפּף אָן פֿאַרענצע פֿון בעט, די קאָפּף איז איהם געפֿאַללען אַפֿען האַרצען, מיט אַיין אָפֿענע מויל, מיט אָפֿענע אויגען און פֿאַרלאָשענע. ער האָט גענומען חאַרכלען.

—עס האָט זיך שוין אָנגעהייבען די גסיסה, זאָגען אייניגע.

מען האָט אַריין געטראָגען זיין בעטל צוריק אין זיין צימער.

דער ווייל האָט מען אַרויף געטראָגען מרקוסען. ער וואַר אָן זינגען, ער האָט געבראָכען אָנאויפֿהערליך און עס האָט געגאָסען פֿון איהם בלוט.

מען האָט איהם אַוועק געלייגט אַפֿען דיוואַן פֿון זאַל.

עס זיינען געקומען צוויי דאָקטוירים, זייא האָבען איהם בעטראַכט און האָבען געזאָגט: ער האָט צו בראָכען דעם שאַרבען, ביי איהם איז צו רירט די מאַרך. עס איז ניטאָ קיינע האָפֿפֿנונג.

זייא האָבען אַקוק געטאָן אויף זימלען און האָבען אַמאָך געטאָן מיט'ן האַנד: —דאָ איז שוין נאָך אַללעמען!

זייא זיינען אַוועק מיטנעמען שרה'ען און מרקוסעס מוטטער, וועלכע האָבען געחאַלעשט.

לאהצע איז אַריין געלאָפֿען אין זאַל, האָט זיך אַוועק געזעצט נעבען

מרקוסען, האט איהם געגומען גלעטען זיינע האאר מיט איהרע פינגער, האט איהם אקוס געטאן אונ זאגט: שלאף זיך אוים, מרקוס, באלד גייען מיר צו דער חופה, הההַ! פארט אוים געפיהרט!... אויף אונזערע שונאימשע צו פלאצענעס: אט איז היינט ביא אונז חופה.

—א, זאגען אללע אברָאך געבענדיג מיט דיא הענד: זיא איז אראב פון זינען.

זייא האבען אללע אוים געבראכען אין אגעוויין.

—זעהסטו, מרקוס, זאגט זיא: וואס גוטע פריינד מיר האבען!... אללע פרייען זיך אויף אונזער שמחה!... אי, איז ביא אונז אשמחה... ביא קיין נאציאן קען ניט געבען אזא שמחה, מער ניט ביא אידען הההַ! הָהָהָ! הערט, אידען, זייט אזוי גוט טראגט אריין אהער דעם טאטעס בעטעל, שטעלט דא אוועק נעבען מיר.

—לאמיר גיין אריין טראגען, זאגען איינינע, לאמיר איהר וואונש ערפיללען.

זייא האבען אריין געטראגען זימלעס בעט אין זאל אונ האבען אוועק נעשטעלט נעבען דיוואן, אויף וועלכען מרקוס איז געלעגען.

—אדאנק אייך, ליבער פריינד, פאר דיא געפאלליגקייט, זאגט זיא: עס איז טאקע פרייליכער צו קוקען אויף זייא ביידען אויף אמאל. טאטע! טאטינקע מיינער! עפען דיינע אויגען, גיב אקוק אונ קלייב נחת... זעה וויא דיין איינציגע טאכטער האט גוט אנגעטראפען...: וויא גליקליך בין איך! אטרייער פאטער פון איין זייט, אגעליבטער מאן פון דער אנדער זייט... איך זיטץ אין מיטען אונ קוועל קוקענדיג אויף מיינע גוטע פריינד.... איך בין גליקליכער פאר אללע פריילינס: איך האב אמאן, וועלכער וועט מיר ניע פאלש זיין... קומט אהער, פאטאגראפען, הודאזניקעס! נעהמט אראב אט דעם שיינעם בילד אונ שרייבט אונטען אונטער דרייא ווערטער מיט פייערדיגע טינט: הרי את, גרושה, כהן. קומט אהער, שוועסטער-לעך מיינע, איהר אידישע טעכטער, קוקט אויף דעם בילד אונ געדיי קוקענדיג: וואס פאר אשיינער בוקעט דאס איז אויף וואס איך האב זיך געריכט איז מיר אנגעקומען!.... באלד גייא איך צו דער חופה הההַ!... זייט וויסען שוועסטערלעך מיינע, אז איהר גייט אויף אגליטשיגען וועג, איהר קענט נעבעך אללע וויילע פאללען: זייט וויסען אז דא אויף דער וועלט איז פראנען חיות רעות, וועלכע בעגליטען נור אונז פרויענצימער, דיזע חיות רופען זיך אן חליצה, גט, עגונה אונ „הרי את", נאר דיא לעטצטע האט צוויא צורות: איינע לאכט אונ דיא אנדערע וויינט... קומט אהער, שוועסטערלעך מיינע, העלפט מיר זיך פרייען אויף מיין שמחה! קומט אהער חלוצעלעך, גרושעלעך, עגונעלעך, לאמיר גיין טאנצען אדריידעל... הההַ! איך בין שוין אויך געווען איין עגונה אפריילין, איך האב זיך שוין גערופען אלמנה אויך, היינט בין איך אגרושה... וואס פאר אזיסער נאמען אגרושה איז, בשעת מען זאגט דער חתן איז אכהן הההַ! צו

צוואַציג   דער כהן (ה״ד)

צוואנציג יאהר בין איך שוין געוועזן איין עגונה, איין אלמנה, אגרושה און קיין מאן האב איך קיין מאל ניט געהאט, הא הא הא.

עס זיינען אריין געגאנגען מענשען פון חברה קדישא, און תלמוד תורה קינדער.

—הא הא הא! אט זיינען דיא רעכטע מחותנים! שרייט זיא ווייטער: אז זייא פיהרען צו דער חופה, פיהרט מען שוין ניט צוריק. הא הא הא! איך קוועל פון אזעלכע מחותנים. יעטצט האב איך קיין מורא ניט פאר יענקעצקע הוהו: מיין טאטע שטיצט מיר פון איין זייט, מיין מאן דער כהן פון דער אנדער זייט, און אזעלכע מחותנים ארום... א איך בין זיכער, איך בין רוהיג... אללע צרות אבגעפטרט מיט איין מאל!... און איהר תלמוד תורה קינדערלעך, זינגט פריילוכע לידער אויף מיין שמחה... איהר זייט מיינע קרובים קינדערלעך, דען אונטער אייך איז געווים פראנגען קינדער פון גרושית און פון עגונות... נו פריילוך!... לעבענדיג... דער כאנט זיך אויף אייערע מאמעס, וועט איהר זינגען מיט אפריילוכען טאן... באלד גייען מיר צו דער חופה! הא הא הא! הא הא הא!...

אהרן שטיינפעלד איז אנגעפאהרען מיט דעם צווייטען פאיעזד אין דער פריה אוהר זעבס; ער איז ניט פארפאהרען אהיים, ער האט גלייך געהייסען צו פאהרען צו זימלס הויז; דען ער האט געוואוסט, אז דארטען איז דיא חתונה, ווייל ער האט דאך געהייסען אין דער טעלעגראממע מען זאל שטעללען חופה אן איהם. וויא ער איז אנגעפאהרען, און האט דער הערט פון נאסס, וויא מען זאגט אין שטוב תהילים, טראכט ער ביי זיך: דער ארמער זימל איז נעבעך געשטארבען. ער טהוט מיר זעהר לייד, און עס רייסט מיר מיין הארץ, אז דיא קינדער האבען נעבעך אטרויעריגע חתונה. אוי וויא! זייא האבען נעבעך אזוי פיל געליטען, און דער שטיקעל נחת איז זייא אויך ניט פערגאנגט געווארען:

ער האט אבגעשטייגען פון איזוואשציק, איז האסטיג ארויף געלאפען דיא טרעפפע, ער הערט אין טיהר וויא דיא מענשען אין פארדערצימער קלאגען: אוי וויא, וואס פאר איין אונגליקליכע הויז דאס איז! דרייא קרבנות אין איין טאג!

ער האט האסטיג אויפגעריסען די טיהר און פרעגט מיט אריסענדער שטימע.

—וואס פאר דרייא קרבנות? זאגט איהר.

—ר' זימל, זיין טאכטער, און זיין חתן, וואר דיא אנטווארט.

—זיין טאכטער און זיין חתן זאגט איהר! שרייט שטיינפעלד מיט אהייזערער שטימע.

—יע, זיין טאכטער איז משוגע געווארען, און דער חתן האט זיך אראב געווארפען פון צווייטען עטאזש.

אהרנ'ן איז געווארען פינסטער אין דיא אויגען, ער האט זיך גענומען

שאטייען אויף דיא פּיס, ער האט זיך אחאפּ געטאן פארין קאפּף . ער שרייט מיט אגוואלדיגע שטימע: שניידט ניכער! .. זאגט ... פאר וואס? וויא קומט עס? ...

—ווייל מען האט ניט דער לאזען שטעללען דיא חופּה .

—ווער? ווארום? ... ווער שמייעט?

—ווייל זיא איז אגרושה, פארשטייט איהר?

—נו איז וואס אז זיא איז אגרושה? שרייט שטיינפעלד אויסער אטהעם.

—ער איז דאך אכהן, אונ אכהן טאר אגרושה ניט נעהמען .

—אי אי אי אי אי! איך האב געהרגט מיין קינד! האט ער גענומען שרייען, האט זיך אריין געריסען אין זאל איז ארויף געפאללען אויף מרקוסען . האט גענומען שרייען ניט מיט זיין שטימע: מיין ליבער זון, מיין ליבער מרקוס! איך האב דיך געהרגט! ... איך בין גאר קיין כהן ניט!

אללע אנוועזענדען זיינען ערשטוינט געווארען, זייא קוקען זיך איינע אויף דיא אנדערע אונ קוועטשען מיט דיא פּלייצעס .

אהרן שטיינפעלד איז אויפגעשטאנען, ער איז געווען שרעקליך בלייך, דיא אויגען צו מישט, דיא האאר דובאם אונ גרא; ווער עס האט איהם געזעהען פאר אפירטעל שטונדע צוריק, אודער ער איז אריין אין שטוב, וואלט איהם איצטער ניט דער קענט .

—ליבע פריינד! זאגט ער מיט אהייזעריגער שטימע: אמאל בין איך ארום געגאנגען הונגעריג צוויא טעג ... איך בין אוים געגאנגען פון מיינע קרעפטען ... איך בין אריין אין אשטוב וואו עס איז געווען אחתונה ... איך האב געהאלשט עסען, מען האט מיר ניט געגעבען ... מען האט געפרעגט: ווער איז אכהן? האב איך זיך געזאגט: איך בין אכהן אום מיין נשמה מחיה צו זיין ... פון יעמאלט אן האט מען מיך געהאלטען פאר אכהן ... יעמאלט האט מיר דער ווארט כהן געבאטעוועט אונ היינט האט ער מיר געהארגט .... איך ... איך בין דער גזלן פון מיין זון אונ פון מיין שנור ... אי אי אי אי .

מיט דיא רייד איז ער ווייטער ארוף געפאללען אויף מארקוסען אונ האט גענומען ראווען .

— ער איז טאקע שולדיג זאגען איינינע . פאר וואס האט ער זיך אנגעגעבען פאר אכהן!

— ער איז אבער געווען הונגעריג, זאגט נאך איינער, אונ אהונגעריגען דארפען פערצייען .

— האט ער געדארפט נאך דעם אוים זאגען .

— נאך דעם האט ער וואהרשיינליך ניט געקענט .

— יע, ער איז שולדיג, זאגען איינינע: ער האט נאכדעם געדארפט אוים זאגען, אונ היינט פאללט אויף איהם דיא גאנצע שולד פון דער קאטאסטראפע .

— און איך וואלט זאגען, רופט זיך אב איינער: וויא באלד אז ביא אונז אידען קען זיין דיא מאגליכקייט, אז ווער עס וויל, קען זיך מאכען פאר אכהן, — האט אויף אונזערע כהנים ניט געדארפט זיין חל אזעלכע מצות, דורך וועלכע-מענשען קענען אונגליקליך ווערען, אט וויא דא איז געוועזען דער פאך.

— איהר פארשטייט, ברידער, רופט זיך אב נאך איינער; מרקוס איז אכהן, וויא אזויא? זיין פאטער האט אמאל געוועלט עסען; האט ער זיך אנגעגעבען פאר אכהן אום צו ערהאלטען זיין נשמה. לאהצע איז אגרושה, וויא אזויא? אבאנדיטען האט זיך פאר וועלט איהר צו זאגען „הרי את" דורך דעם צויבער ווארט איז זיא געווארען זיינע אסקלאפין, האטס זיא ווייס ניט פון וואס צו זאגען; אום צו בעפרייען זיך פון אזעלכע סקלאפעריא, האט מען איהר נאוויאזעוועט אגט, איז זיא אגרושה..... און דורך אזעלכע געמען גרושה און כהן, אט זיינען הייגט אזעלכע שרעקליכע אפפער, און דער צו צוויא פאמיליעס אין טרויער געבראכטהען.

— יע, יע! רופען זיך אב איינגע ביא אידען איז זעהר נייטיג רעפארם!

אין דריא שטונדען ארום האט מען געמאכט דיא לויה, לאהצע איז מיט געפאהרען אויף דעם בית עלמין אין איהר ווייסע חופה קלייד. זיא האט געוויינט און געלאכט, גערעדט וואהנזיניג אבער שטעכענדע ווערטער, וואס דא איז ניט דער ארט צו ווידער האללען. גאנץ שטאדט איז נאך געגאנגען, אללע האבען זיך געגאסען מיט טרערען. ביים בעערדיגען וואר אונמאגליך זיא זאלל זיין דער ביא. האט זיך איינער אנגעטאן מרקוס קליידער, האט זיך געזעצט אויף איין איזוואסציק און איז אוועק געפאהרען. האט מען איהר געזאגט, אז דאס איז מארקוס אוועק געפאהרען. האט זיא איהם געוועלט נאך יאגען. יאזעף האט זיך געזעטצט מיט איהר אויף איין איזוואסציק און איז יענעם נאך געפאהרען. יענער האט זיך אפען וועג סקריוואייעט.

זייא זיינען אזויא געפאהרען אויסען שטאדט ביא אשטונדע צייט ביז, וויא יאזעף האט גערעכנעט, דיא בעערדיגונג וואר צו ענדע. דאן זיינען זייא אוועק אפען וואגזאל. נאכדעם איז אונטער געקומען אהרן שטיינפעלד פון בית עלמין, און ער איז מיט איהר אוועק געפאהרען נאך אויסלאנד, ער האט איהר געזאגט אז דאס פאהרט ער מיט איהר צו מרקוסען, האט זיא איהם געגלויבט און איז געוועזען רוהיג. אז זיא פלעגט נעהמען בושעווען, לארעמען, פלעגט ער איהר שטראסען ער וועט זאגען מרקוסען, פלעגט זיא ווערען שטיללל. דער ווארט מרקוס פלעגט ווירקען אויף איהר וויא אצויבערווארט.

וויא ער איז געקומען אין בערלין, איז ער אנגעקומען מיט איהר צו דיא גרויסע דאקטורים און זייא האבען איהם געגעבען אויף איהר גוטע האפפנונגען.

עגדע